GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב כ״ז, ו). אַן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט פאַרלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אַפילו צו די, צו וועלכע מען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

Vol. I. No. 7. Price 3 cents. Friday, February 28, 1919. פרייטאָג, דעם 28טען פעברואַר, 1919.

אַן איבערבליק

א פּאָר ווערטער פון א געשפּרעך מיט ב. שלעזינגער, פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל. — פּראָגרעס אויף דער גאַנצער ליניע. — דער סטרייק פון די וויסט און דרעס מאַכער אין בעסטען צושטאַנד. — די טשילדרענס דרעס מייקער'ס קאַמפף נייך־צעהנטעל געוואונען. — דער סטרייק פון די קימאָנאָ און ראָפּער־מייקערס איז אויך באַלד צו ענדע. — די באָסעס זעהען איין, אַז קיין אנדער אויסוועג, ווי נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון די סטרייקערס איז ניטאָ. — בעסטע אויסזיכטען פאַר די פאָדערונגען פון די אַרבייטער אין דער באָנאַז־עמבראָידערי אינדוסטריע, און פאַר די אַרבייטער אין דער סוויס־עמבראָידערי אינדוסטריע. — די גאַנצע אינטערנעשאָנאַל איז אין קאַמפף, פול־באַוואָפענט צום קאַמפף, און פון אַלע זייטען ווינקט דער גרויסער, דער אומפאַרמיידליכער זיעג.

מיר: נו, וואָס הערט זיך?
ער: אַלעס אויסגעצייכענט.
מיר: קען נאָר בעסער ניט זיין?
ער: ניין.
מיר: דהינו, דערצעהלט.
און ער האָט גענומען דערצעהלען...

ער, דאָס איז ב. שלעזינגער, און מיר, דאָס איז די רעדאַקציע.

געוועהנליך איז דעם פּרעזידענט'ס פּנים הארט און שטייף, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר־וואָס עפּעס אונאַנגענעהמעס איינגעשלונגען, און איינער טראַכט זיך: א שווערער מענש, אָט דער פּרעזידענט; אַז מען זאָל זעהן כאָטש א שמייכעל אויף זיין פּנים.

דאָס מאָל אָבער איז שלעזינגער געווען אַזוי ווייך, כמעט צערטליך. זיין גאַנצער פּנים האָט געלויכטען, און פון זיין גאַנצען וועזען האָט ארויסגעשטראַהלט נצחון.

און מיר האָבען ווירקליך ניט אַזוי־פיעל זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט גערעדט, וויפיעל מיר האָבען געקוקט אויף איהם, און מיר זיינען געוואָרען איבערצייגט, אַז עס שטעהט ווירקליך אַלעס אויסגעצייכענט.

אחוץ די קלאָוקמאַכער, זיינען אַלע טריידס, וואָס בילדען די אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, אין קאַמפף אָדער אויפ'ן שוועל פון קאַמפף, און דאָס אַליין קען דאָך שוין ווירקליך מאַכען איינעם פיהלען אמת־גוט.

מענשען דערשלאָגענע געהען ניט ארויס אַזוי לייכט אין קאַמפף. עס מוז אָנגעווענדעט ווערען נאָר א באַזונדערס שטאַרקער דרוק, אום אויפצוטרייסלען אַזעלכע מענשען צו א קאַמפף. נאָר מענשען מיט שטאַרקע הערצער, מיט מוט, מיט העכערע שטרעבונגען ריזיקירען א קאַמפף. און דער פאַקט, דאָס די צעהנדליגע טויזענדע מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאָנאַל געהען אין קאַמפף ווי צום טאַנץ, צייגט קלאָר, פון וואָס פאַר א גרויסען, וואונדערבאַרען מענשען־מאַטעריאַל זי באַשטעהט. טו ווי זאָל דער פּרעזידענט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן ניט פיהלען זיך גוט?

אָבער עס איז ניט דאָס אַליין, כאָטש דאָס אַליין איז שוין גענוג צו ברענגען איינעם אין א גוטער שטימונג. דאָס אמת'ע פרעהליכע קומט ערשט. אַט איז שוין די זעקסטע וואָך, ווי די מיטגליעדער פון דער לײדיעס וויסט מייקערס יוניאָן זיינען אין סטרייק. נו, קען אימיצער אָנווייזען אויף וועלכע ניט איז צאָהל סטרייקער, וואָס האָבען פאַרלאָזען זייערע רייהען, זיינען געוואָרען פאַררעטער צו זייערע ברידער, שוועסטער און צו זיך אַליין, און האָבען זיך געלאָזט פאַרנאַרען פון די באָסעס?

קיין איינציגער און קיין איינציגע! אַלע שטעהען זיי אַזוי פעסט, אַזוי סאָלידאַריש, ווי אין דעם ערשטען טאָג פון קאַמפף! טו ווי קען מען אנדערש פיהלען, אחוץ שטאָלץ און גליק, אז מען איז דער פיהרער פון אזעלכע מענשען?

היינט פּראָבירט וואַרפען א בליק אין לאַגער פון שונא: וועה, וואָס פאַר א חורבן! די גאַנצע וועלט נעגען זיי — ניט נאָר די אַרבייטער־וועלט, נאָר אויך זייער וועלט, די, וועלכע זיינען פלייש פון זייער פלייש, בלוט פון זייער בלוט, האָט זיך אָפּגעקעהרט פון זיי, ווי פון „קייקס", פון נפשות, וואָס ווייסען גאָרניט, וואָס דאָס מיינט אַן עהרליכער, א גראָדער קאַמפף; און וועלכע זיינען דאָרום שוין לאַנג, לאַנג געשלאָגען, און זיי ווייסען עס.

און זיי ווייסען ניט, די אונגליקליכע, אַז מיט יעדען טאָג, וואָס זיי ציהען אָפּ זיך אונטערצוגעבען, און מאַכען אלערליי טריקס, טאָמער וועלען זיי, ווי די שפּינען, פאַנגען אריינגאַרען די שוואַכע אַרבייטער־פליגען (כאַ! כאַ!) אין זייער שפּינוועבס, מאַכען זיי זיך אַלץ אומגליקליכער, אַלץ לעכערליכער און אַלץ מעהר און מעהר גראָבען זיי פאַר זיך זייערע אייגענע קברים. טו, ווי זאָל דער קאָמאַנדיר פון אַזאַ אָרמעע ניט פיהלען גוט, ווען עס איז פאַר אַלעמען באַשיינפּערלאַך, אַז דער שונא איז שוין אַזוי דעמאָראַליזירט, אַזוי פאַרטשמעליעט, אַז ער וואַקעלט זיך אויף זיינע פיס, ווי א שכור'ער, און אַז עס איז נאָר א פראַגע פון מינוטען, ווען ער וועט זיך איינגאַנצען איבערקוליען און זיך אויסציהען אין בלאָטע?

דאַן באַטראַכט די אַנדערע, די נייע, די פרישע אָרמעען. נעהמט צוערשט די אָרמעע פון די טשילדרען דרעס מייקערס. ערשט ארויס אין קאַמפף, און די מייסטע שעפּער אין טרייד זיינען שוין פאַלשטענדיג יוניאָניזירט, און עס איז נאָר קיין צווייפעל ניט, דאָס אין א פּאָר טעג ארום וועט דער זיעג פון דער אָרמעע זיין א פאַלשטענדיגער.

און די קימאָנאָ און ראָפּער מייקערס? שוין אויך כמעט ווי געסעטעלט. איין קאָנפערענץ האָט שוין שטאַטגעפונדען צווישען די יוניאָן־פאַרשטעהער און די פאַרשטעהער פון דער באָסעס אסס'ן; די פאָדערונג פון דער 44־שטונדיגער אַרבייטס־וואָך האָבען זיי שוין נאָכגעגעבען. די צווייטע קאָנפערענץ וועט געוויס פיהרען צו א פאַלשטענדיגער נאָכגעבונג פון די אַנדערע פאָדערונגען פון דער יוניאָן, און דער זיעג פון דער אָרמעע איז פאַלשטענדיג.

דער קאַמפף פון די ווהייט־גודס אַרבייטער.

און אַט איז נאָך אַן אָרמעע, וואָס איז ארויס די וואָך אין קאַמפף. דאָס איז די ווהייט גודס וואָירקערס יוניאָן. דאָס איז דיזעלבע יוניאָן, וואָס איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען בלויז א טרוים פון א פּאָר גאַנץ אונפּראַקטישע מענשען, ווייל וועלכער פּראַקטישער מענש האָט געקענט נאָר רעכענען, אַז מען קען אויפבויען אַן אָרגאַניזאַציע פון אַט די מיידלעך פון אלערליי נאַציאָנען און שפּראַכען, וועמעס גרעסטער „ווידוש" איז געווען דריי־פיער דאָלאַר א וואָך און זיי האָבען זיך נאָך געפיהלט גאָר ווי גאַנצע פּריצטעס? דער נס איז אָבער געשעהן. די מיידלעך וואָס אַרבייטען ביי ווהייט־גודס האָט מען אָרגאַניזירט, און שוין יאָהרען־לאַנג, ווי זיי „סטיקען" צו זייער יוניאָן. די הילפלאָזע, די שטומע, די פאַרשקלאַפּטע ווהייט־גודס וואָירקערס בילדען איצט מיט זיך א שטאָלצע, פעסט־אָרגאַניזירטע יוניאָן, א טייל פון דער אינטערנעשאָנאַל, מיט וועלכען ניט נאָר זי האָט זיך ניט וואָס צו שעהמען, נאָר אויף וועלכען זי איז מיט רעכט שטאָלץ. זי, אַט די ווהייט־גודס וואָירקערס יוניאָן, איז עס די וואָך ארויס אין קאַמפף פאַר א 44־שטונדיגער אַרבייטס־וואָך און פאַר א העכערונג אין ווידזשעס, און, מערקווירדיג, קיינער, קיינער צווייפעלט גאָר ניט, אַז זיי וועלען אויספיהרען יעדע פאָדערונג זייערע.

מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק, ווען זיי זיינען נאָך געווען אַזוי שוואַך און שטום, האָט זיך געמוזט א רוזוועלט אריינמישען, אַז עס זאָל אביסעלע פאַרבעסערט ווערען זייער טרויעריגע לאַגע. היינט, צום שטאָלץ פון דער אַרבייטער־באַוועגונג, דאַרף מען שוין ניט־קיין רוזוועלט'ען און קיין אַנדערע הויכע באַשיצער. עס איז די אייגענע קראַפט, אויף וועלכער די ווהייט גודס וואָירקערס שטיצען זיך. עס איז זייער קלאָרער ציעל־באַוואוסטזיין, וואָס מוז זיי פיהרען צום גרויסען זיעג. זיי ווייסען עס, און די באָסעס ווייסען עס אויך. מעהר ניט, זיי פּראָבירען אפשר וועלען זיי זיך קענען אָפּבעטען. זיי מוזען אָבער שוין איינזעהן, אַז עס וועט ניט העלפען, אַז די ווהייט גודס וואָירקערס זיינען ניט מעהר די הילפלאָזע מיידלעך פון אַמאָל, און זיי וועלען געוויס זיין קליגער, ווי די לײדיעס וויסט באַלעבאַטים, און וועלען ניט וואַרטען, ביז דער חלף וועט זיי שוין ליגען אויפ'ן האַלז.

איז דאָס שוין אַלעס?

ניין, עס זיינען דאָ נאָך אָרמעען. עס איז דאָ א באָנאַז־עמבראָידערי אינדוסטריע, אין וועלכער עס זיינען באַשעפטיגט גאָר פיעלע אַרבייטערינס, און זיי אַלע געהערען צו דער יוניאָן. קענען זיי בלייבען רוהיג ביי זייער אַרבייט, ווען זייערע שוועסטער און ברידער זיינען ארויס אין קאַמפף פאַר ווייניגער אַרבייטס־צייט און א העכערער באַלוינונג? ניין. און זיי האָבען ארויסגעשיקט א בריוועל צו זייערע אַרבייטס־געבער מיט דעם געוועהנליכען נוסח: אַזוי און אַזוי, אויב איהר ווילט זיך פאַרשפּאָרען טראָבעל, טו זיינען מיר באַרייט צו סעטלען פריעדליך... און שלעזינגער'ס פּנים שטראַהלט: „זיי וועלען סעטלען, זיי וועלען ניט זיין אַזוי נאַריש און ריזיקירען אַן אומזיסטען קאַמפף".

און עס איז דאָ נאָך אַן אָרמעע: די סוויס עמבראָידערערס. דאָס איז א טרייד, אין וועלכען די אַרבייטער אין ניו יאָרק זיינען 100 פּראָצענט אָרגאַניזירט, און עס איז קיין פראַגע ניט, אַז די געשטעלטע פאָדערונגען וועלען פון די באָסעס נאָכגעגעבען ווערען. דער איינציגער שוואַכער פּונקט אין דעם טרייד איז ביז איצט געווען ניו דזשוירזי. דאָרט האָט די יוניאָן ביז איצט ניט געהאַט קיין גרויסע מאַכט, אָבער אין דער לעצטער צייט איז אויך דאָרט גאַנץ אַנדערש געוואָרען. די אַרבייטער שליסען זיך אָן אָן דער יוניאָן אין גרויסע צאָהלען, און עס איז ווידער קיין צווייפעל ניט, אַז באַלד, און עס וועט פאַרשווינדען אַט דער שוואַכער פּונקט אין דער סוויס־עמבראָידערי אינדוסטריע.

אַט דאָס איז די לאַגע אין גאַנץ פּראָזאַאישע ווערטער, אָבער אום ריכטיג אָפּצושעצען ווי גלענצענד עס איז די לאַגע, האָט איהר פּאָרט באַדאַרפט זעהן דעם זאַנפט גאַנץ שטייפען, האַרטען, וועלטען־ ווען שמייכלענדען שלעזינגער. איהר [illegible] וואָלט דאַן, ווי מיר, געווען איבערצייגט [illegible] די לאַגע איז ווירקליך אַזאַ, וועלכע [illegible] יעדער אמת'ער און דענקענדער [illegible] פון די אַרבייטער קען נאָר ווינשען.

אינהאַלט־פאַרצייכניס
נומער 7 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. אַן איבערבליק. — רעדאַקציע.
זייט 2. ביי אונז אין לאַנד. — הלל ראָגאָף.
זייט 3. דער אינטערנעשאָנאַל קריעגסדעפּאַרטמענט — ל. פינקעלשטיין.
זייט 4. אונזער אינטערנעשאָנאַל איבער'ן לאַנד — מאַקס ד. דעניש. ביי די שטיקשניידער און סעמפּעל מאַכער לאָקאַל 8 — ד. רובין.
זייט 5. איבלען פון שטיקאַרבייט אין קלאָוק טרייד — מאָריס זיגמאַן. דער סטרייקסטאַנד פון דער גרויסער קלאָוקמאַכער יוניאָן. שוין דשמחה ביי די טשילדרען דרעסמאַכער — רעדאַקציע.
זייט 6. לעבען און טעטיגקייט אין די שאָפּסעס פון דזשאָינט באָאָרד — א סטעף רעפּאָרטער.
זייט 7. אייגדרוקע פון דער גאַנזע קאָנווענשאַן אין שיקאַגאָ — ישראל פיינבערג. די פרויען־וועלט — ראָזע בעדדיק.
זייט 8. איגנעבאָרג (ראָמאַן) — ב. קערלערמאַן.
זייט 9. ראָמאַן. באַטאָ האַנד עמבראָידערערס פאָדערען א 44־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך — אסיפ וואָלינסקי.
זייט 10. פון רעדאַקטאָר'ס נאָטיץ ביכעל.
זייט 11. ערשטער פּריזענטס ליעג פּלאַן — א. זעלדין. ליעדער — ה. נודעלמאַן.
זייט 12. די פּוילישע דיכטערין פון אידישען עלענד — ל. לאַקסאַן. אין סטרייק — מרים קאַרפּילאָוו. (דורך א פאַרזעהן געפינט זיך דער שלוס פון דער ערצעהלונג אויף זייט 17).
זייט 13. שכירות און לעבענסמיטלען נאָך דער מלחמה — מ. קאַלטשין. א בריעף פון ניו־תיוויוען — יצחק יפה. שלוס פון א. וואַהלינער'ס פעליעטאָן.
זייט 14. דער פּראָבלעם פון א חיים פאַר דער אַרבייטער־מיידעל — דזשוליעט סטואַרט פּאָינטץ. א נייע וועלט (פעליעטאָן) א. וואַהלינער.
זייט 15. בריעף פון שיקאַגאָ. אונזערע סטרייקס אין ניו יאָרק רופען־ארויס באַגייסטערונג אין שיקאַגאָ — מאָריס זיסקינד. שיקאַגאָער אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס גרייטען זיך צום קאַמפף — ה. שנייד. קורצע שמועסען צווישען רעדאַקטאָר און לעזער.
זייט 16. צו די לאָקאַלס און מיטגליעדער פון אונזערע לאָקאַלס (אויפרוף — אב. באַראָף). אין די ברוקלינער קלאָוק און סקוירט שעפּער — ד. ניסנעוויץ. עדיוקיישאָנעל דעפּאַרטמענט — ס. ליבערטי.
זייט 17. אין סטרייק — מרים קאַרפּילאָוו (שלוס פון זייט 12).
זייט 18 און 19. אַדווערטייזמענטס.
זייט 20. די לעצטע ענטשיידונג אין דער קליוולאַנד קלאָוקמאַכער סיטואַציע. דער סטרייק אין בילדער, אינטערעסאַנטע קאַרטונס פון ס. ראַסקין.

פעהלער־אויסבעסערונג:

דורך אן אונגליקליכען מיסטייק זיינען צוויי אַרטיקלען פאַרמישט געוואָרען: „א נייע וועלט", וואַהלינער'ס פעליעטאָן, און „אין סטרייק", פון מרים קאַרפּילאָוו.

דער אָנפאַנג פון פעליעטאָן איז אויף זייט 14 (אונטען), און דער שלוס — אויף זייט 13 (אויבען).

דער אָנפאַנג פון „סטרייק", איז אויף זייט 12, און דער שלוס אויף זייט 17.

די לאַגע אין דער ווייטגודס אינדוסטריע

דער ריזיגער מאַסמיטינג פון דער ווהייט גודס וואָירקערס יוניאָן לאָק. 62, אין קופּער יוניאָן. — עס הערשט גרויס באַגייסטערונג פאַר א דזשענעראַל סטרייק. — אַלע מיטגליעדער פאַרשווערען זיך צו קעמפּפען פאַר די גערעכטע פאָדערונגען פון זייער יוניאָן.

די לאַגע אין דער ווהייט גודס אינדוסטרי פאַרשאַרפט זיך פון טאָג צו טאָג און בעת מיר שרייבען דיעזע שורות שיינט עס, דאָס אָהן א דזשענעראַל סטרייק וועט מען זיך דאָ ניט אויסדרעהען, און די ווייטגודס וואָרקערס יוניאָן, לאָקאַל 2, מיט דער צושטימונג, נאַטירליך, פון אונזערע אינטערנעשאָנאַל באַאַמטע, מאַכט שוין זאָגאַר אַלע פאָרבערייטונגען פאַר דעם סטרייק.

די יוניאָן האָט, פאַרשטעהט זיך, געטאָן אַלעס מעגליכעס צו קומען מיט די באָסעס אסס'ן אין דער אינדוסטרי צו א פאַרגלייך דורך קאָנפערענצען. פּרעזידענט שלעזינגער און ברודער ס. שאָר, דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, האָבען געטאָן אַלעס צו קומען מיט דער אסס'ן צו אַן אויסגלייך. ווי עס שיינט אָבער האָבען זיך דיעזע באָסעס פאַרקוקט אויף זייערע חברים פון דער וויסט און דרעס אסס'ן און זיי ווילען כאַפּען די זעלבע מפּלה וואָס יענע אויפ'ן אָפענעם שלאַכטפעלד. טו זאָלען זיי דאָס האָבען.

לויט די ערשטע ידיעות, זיינען אין דער ווייט גודס אינדוסטריע פון גרייטער ניו יאָרק באַשעפטיגט צווישען 8 און 10 טויזענד אַרבייטער. די מעהרסטע פון זיי זיינען נאָך גאַנץ יונגע מיידלעך, איינפאַכע קינדער וואָס געהען ארויס פון פּאַבליק סקול גלייך אין שאַפּ אריין. דער ווייט גודס שאַפּ איז דאָס זייער טרויעריגער „הייסקול", וואו זיי פאַנגען אָן אָפּצוסטערען די בעסטע יאָהרען פון זייער לעבען. און אַז אָך און וועה וואָלט געווען צו אַט די יונגע קינדער, ווען די ווייט גודס וואָרקערס יוניאָן וואָלט ניט שטעהן אויף דער וואַך אביסעל איינצוצאַמען דעם אַפּעטיט פון די באָסעס, אין זייער גרויסען לוסט דיעזע קינדער צו עקספּלואַטירען אויפ'ן שרעקליכסטען אופן!

נאַטירליך, ניט אַלע אָט דיעזע יונגע מיידלעך זיינען קלאַסענבאַוואוסט, ניט אַלע פון זיי פאַרשטעהען ווי וויכטיג עס איז פאַר זיי צו האָבען א יוניאָן, צו האָבען א קאַמפף־אָרגאַניזאַציע צו באַשיצען זיך נעגען דעם אויסבייטערישען לוסט פון דעם באָס, און ניט אַלע פון זיי באַלאַנגען צו דער יוניאָן. דיעזע מיידלאַך געניסען אָבער דאָך פון דער אָרגאַניזאַציאָן אין דעם טרייד. זיי געניסען פון דעם וואָס די אַנדערע, די קליגערע מיידלאַך, די מעהר באַוואוסטזיניגע האַלטען אויף די לעבענס סטענדאַרדס אין דער אינדוסטריע. איצט אָבער, ווי ברודער ס. שאָר, דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, גיט אונז איבער, ווערען געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירען דעם גאַנצע טרייד; צו האָבען אמת'ע יוניאָן שעפּער, און פיעלע, פיעלע מיידלאַך, וועלכע האָבען בעפאָר צו דער יוניאָן ניט באַלאַנגט, שליסען זיך אָן מיט גרויס באַגייסטערונג. עס קומט דאָרט איצט פאָר אַן אמת'ע ערוואַכונג און דער גאַנצער טרייד וועט באַלד פאָלשטענדיג אָרגאַניזירט ווערען. עס איז קיין פראַגע ניט, דאָס דער דזשענעראַל סטרייק, וואָס וועט קירצליך גערופען ווערען, וועט פיעל מיטהעלפען צו אָרגאַניזירען די גאַנצע ווייט גודס אינדוסטריע אין גרייטער ניו יאָרק.

דער גרויסער מעמבער מאַס מיטינג, וואָס דיעזע יוניאָן האָט איינגערופען לעצטען דאָנערשטאָג אָווענט, דעם 13טען פעברואַר, אין קופּער יוניאָן, איז געווען אַן אָנפאַנג פון אַט דער גרויסער, נאָבעלער אַרבייט. דער מאַסמיטינג איז געווען איינער פון די שעהנסטע אַרבייטער דעמאָנסטראַציעס פון דער לעצטער צייט. דער גרויסער קופּער יוניאָן האָל איז געווען בוכשטעבליך איבערגעפילט און א מערקווירדיגער ענטוזיאַזם האָט זיך ארומגעטראָגען איבערן גאַנצען זאַל. עס איז נאָר ניט צו באַשרייבען דאָס געפיהל פון קאַמפף און איינינקייט וואָס האָט באַהערשט אַלעמען אין דעם גרויסען זאַל, פון די לעצטע סיטס ביז דער איבערפילטער פּלאַטפאָרמע.

ברודער דייוויס, א ביזנעס איידזשענט פון דער ווייט גודס וואָירקערס יוניאָן, איז געווען דער טשערמאַן פון דעם מיטינג. נאָכדעם ווי ער ערקלערט אין קורצען דעם צוועק פון דעם מיטינג, שטעלט ער פאָר מיס ראָוז שניידערמאַן, די פּרעזידענטין פון דער „ווימענס טרייד־יוניאָן ליעג", אַלס ערשטע רעדנערין.

מיס שניידערמאַן האָט געהאַלטען א באַגייסטערטע רעדע וועגען טרייד־יוניאָניזם בכלל און האָט אָנגעוויזען וואָס א יוניאָן מיינט פאַר'ן אַרבייטער און איבערהויפּט נאָך פאַר דער אַרבייטער מיידעל. זי צייגט אויך אָן ווי שרעקליך עס איז געווען די לאַגע פון די אַרבייטער אין די ווייט גודס שעפּער איידער די יוניאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרען און זי פאָדערט אויף אַלע אַנוועזענדע צו שטעהן ביי דער יוניאָן וועלכע וועט זיי פיהרען דורך קאַמפף צום זיעג!

זי ווערט הערציג באַגריסט פון'ם גאַנצען עולם.

אונגעפעהר אין זעלבען זין רעדט אויך ברודער מאַקס פיין, סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען, און מיס אָ'ריילי, א באַוואוסטע רעדנערין פון דער „ווימענס טרייד־יוניאָן ליעג".

דער נעקסטער רעדנער איז ברודער אב. באַראָף, דער סעקרעטער טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל. ער פאַנגט אָן מיט דער באַמערקונג, דאָס זעהענדיג דעם גרויסען ענטוזיאַזם פון די טויזענדע אַנוועזענדע אויף דעם מיטינג, ווייס ער ניט, צו מען דאַרף נאָך איבערהויפּט האַלטען פאַר זיי אַגיטאַציאָנס רעדען. „אַזאַ באַגייסטערטער עולם — זאָגט ער — נויטיגט זיך ניט אין קיינעמס אויפמונטערונג".

ער פאַרזיכערט דאַן די אַנוועזענדע, אַז אויב עס מוז קומען צו אַן אָפענעם קאַמפף מיט די באָסעס, וועלען זיי ניט שטעהן אַליין, וועלען זיי האָבען צו זייער הילף די גאַנצע אינטערנעשאָנאַל יוניאָן. ער אַפּעלירט דאַן צו אַלעמען דאָס וויבאַלד עס וועט קומען דער מאָמענט, ווען מען וועט זיי רופען אין קאַמפף צו פאַרטיידיגען זייער יוניאָן און קעמפען פאַר זייער רעכט, זאָלען אַלע ווי איינער גלייך וואַרפען די אַרבייט.

„קינדער — רופט ער אויס מיט גרויס באַגייסטערונג, — שטעהט מיט אייער יוניאָן, די צוקונפט באַלאַנגט צו אייך!"

פּרעזידענט שלעזינגער פאַנגט אָן זיין רעדע מיט אַן איבערבליק איבער דעם צושטאַנד פון דעם טרייד. ער ווייזט אויף סיסטעמאַטיש, וואָס די ווייט גודס וואָירקערס יוניאָן האָט אויפגעטאָן פאַר די אַרבייטער אין פאַרלויף פון איהר עקזיסטענץ און — רופט ער אויס — „אויב מען וועט דאַרפען פייטען די בעלי בתים, דאַרף דאָס זיין פאַר אייך א כבוד צו טאָן!" איהר וועט קעמפען — זאָגט ער — פאַר א 44־שטונדיגער אַרבייטס־וואָך, פאַר א העכערונג אין שכירות פון 15 פּראָצענט און פאַר דער עקזיסטענץ פון אייער באַליעבטער יוניאָן. דאָס מיינט פאַר אייך, שוועסטער און ברידער, מעהר לעבען, מעהר ברויט, מעהר ליכט, מעהר אויפקלערונג! און איז דאָס ניט — פרעגט ער — ווערטה צו קעמפען דערפאַר?"

דער רעדנער ווייזט דאַן אָן אויף די ווירדיגע קעמפּפער פון די אַנדערע לאָקאַל יוניאָנס. ער ווייזט אָן, ווי העלדיש עס קעמפען די בראַווע וויסט מאַכער און ער דריקט אויס די האָפנונג, דאָס ווען נור זיי וועלען אויך גערופען ווערען אין קאַמפף, וועלען זיי ארויסווייזען די זעלביגע בראַווקייט, די זעלביגע אונערשראָקענהייט.

דער נעקסטער און לעצטער רעדנער פון דעם אָווענט איז ברודער ס. שאָר, דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, וועלכע ווערט זעהר געשעצט און געאַכטעט פון דער גאַנצער מיטגליעדערשאַפט פון דעם לאָקאַל.

ברודער שאָר האָט געהאַלטען א זעהר איינדרוקספולע רעדע. אַלס פיהרער פון דעם לאָקאַל האָט ער גערעדט גאַנץ אינטים, ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די מיטגליעדער פון דער יוניאָן אויף דער שלעכטער זייט, פּונקט ווי אויף דער גוטער זייט וואָס א סטרייק ברענגט מיט זיך. „מיר האָבען — זאָגט ער — אַלעס געטאָן דעם סטרייק צו פאַרמיידען. מיר האָבען געזוכט אויפצוהאַלטען די פריינדליכע באַציהונגען מיט די בעלי בתים, ווי אין די לעצטע זעקס יאָהר. אָבער די באָסעס ווילען ניט מעהר נאָכגעבען די גערעכטע פאָדערונגען פון דער יוניאָן, טו וואָס בלייבט אונז איבער צו טאָן?"

—סטרייקען! — האָבען אַלע פאַרזאַמעלטע געענטפערט אין כאָר. דאָס איז געווען א מערקווירדיג ספּאָנטאַנע סטרייק־ערקלערונג!

א סטעף רעפּאָרטער.

דער סטרייק אין בילדער



ווי שלעזינגער זעהט אויס ווען ער צוקאָכט זיך אַמאָל האַלטענדיג א רעדע.



„אונזערע טרענטשעס זיינען די פּיקעט־ליינס! אהין געהט!" — פון א רעדע פון סיסטער שאַפּירא.



נאָכ'ן פּיקעטען כאַפּט דער עולם א טענצעל.



פאַרפאַרטיגענדיג א ליסטע פאַר דאָס אויסצאָהלען פון סטרייקבענעפיטס.

ביי אונז אין לאנד

די וויכטיגסטע פאליטישע און
עקאנאמישע פראגען פון טאג.

פון הלל ראגאף.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Feb. 28, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די וואך האט אונזער לאנד צום ערשטען מאל זינט די פריעדענס־פארהאנדלונגען האבען זיך אנגעפאנגען אפגעווענדעט די אויגען פון פאריז און זיי געריכטעט אויף וואשינגטאן. נאך איידער ווילסאן איז צוריקגעקומען, פון פראנקרייך האט שוין אין וואשינגטאן גענומען קראכען איין סענסיישאן נאך דער אנדערער. דער פרעזידענט האט פאר זיין אפפאהרען פארעפענטליכט פאר דער וועלט די קאנסטיטושאן פון דער ליגע אוו נייישאנס. ריכטענדיג זיך אויף אטאקעס אין קאנגרעס, האט ער געשיקט א ביטע מען זאל זיין געדולדיג און ווארטען ביז ער וועט צוריקקומען און פערזענליך ערקלערען די ריכטיגע באדייטונג פון דער קאנסטיטושאן. ער איז געגאנגען נאך ווייטער, און האט איינגעלאדען די צוויי קאמיטעס פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, אין סענאט און אין די האוז אוו רעפרעזענטעיטיווס, צו א דינער אין דעם ווייסען הויז, מיט דער פארשטענדניס אז ביי דיעזער געלעגענהייט וועט ער זיך מיט די קאמיטע לייט דורכריידען און זיי אנפארטרויען געוויסע סודות, וועלכע וועלען זיי אויפקלערען געוויסע שווערע פונקטען און פארענטפערען געוויסע קשיות.

גלייך נאכדעם האבען די באמבעס אין וואשינגטאן גענומען קראכען. צום ערשטען איז געקומען די סענזאציאנעלע נייעס, דאס סענאטאר בארא, איינער פון די פראמינענטסטע רעפובליקאנער מעמבערס אין דער סענאט־קאמיטע פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, האט צוריקגעוויזען דעם פרעזידענט'ס איינלאדונג צום דינער. דאן האבען די רעפובליקאנער סענאטארען איינער נאכ'ן אנדערען ערקלערט, אז זיי וועלען זיך ניט רעכענען מיט דעם פרעזידענט'ס וואונש און וועלען גלייך אנפאנגען אין סענאט א דעבאטע וועגען דער קאנסטיטושאן פון דער ליגע אוו נייישאנס. און אויב דאס איז נאך ווייניג געווען, האבען זיך עטליכע פון די פראמינענטסטע דעמאקראטישע סענאטארען אנגעשלאסען אן די רעפובליקאנער און געגעבען נאטיס אז אויך זיי וועלען נעהמען א ווארט אין דער דעבאטע, געגען פרעזידענט, פארשטעהט זיך.

און נאך איידער מען האט זיך ארומגעזעהן האבען די אטאקעס אויפ'ן פרעזידענט זיך אנגעפאנגען. סענאטאר באראה האט ארויסגעשאסען דעם ערשטען הארמאט, און נאך איהם איז געקומען סענאטאר ריעד, א דעמאקראט. די צוויי רעדעס האבען אויפגעשטורעמט דאס לאנד. די צייטונגען האבען געמאלדען, אז נאך סענאטאר ריעד'ס רעדע האבען די סענאטארען פון ביידע פארטייען פאר איהם געמאכט אן אונערהערטע אוואציע. זיי האבען איהם ארומגערינגעלט און גראטולירט און איהם איינגעפאקט אויף די הענד געטראגען. זעלטען ווען האט מען אין סענאט אזא דעמאנסטראציע ביינעוואוינט. דער טשערמאן האט זיך אזש פארלארען און פארגעסען, אז דעמאנסטראציעס פון דיעזען סארט איז אין סענאט שטרענג פארבאטען.

דער הויפט פונקט אין די אלע אטאקעס איז געווען דער פאלגענדער: די אלטע טראדיציע פון אמעריקא איז געווען ניט צו מישען זיך אין דער פאליטיק פון אייראפא אדער אנדערע וועלט־טיילען; און דער פרעזידענט מיט זיין ליגע אוו נייישאנס נעהמט ברעכען דיעזע טראדיציע. ער נעהמט אריינפלאנטערען אונזער לאנד אין די געפעהרליכע מחלוקות און סכסוכים, וועלכע הערען ניט אויף צווישען די קליינע און גרויסע לענדער אין אייראפא, אזיען און אפריקא.

* * *

אין מיטען פון די היציגע דעבאטען, וואס זיינען אנגעגאנגען אין סענאט די גאנצע צייט וואס ווילסאן איז געשוואומען אויף דעם ים, האט זיך אריינגעמישט אן אנערווארטעטער אבער א העכסט באדייטענדער עלעמענט — עקס־פרעזידענט טעפט. ווערענד די הויפט פיהרער פון דעם רעפובליקאנער פליגעל אין סענאט האבען קריטיקירט און אנגעגריפען דעם פרעזידענט פאר זיין ליגע אוו נייישאנס איז טעפט ארויסגעטרעטען איבער'ן לאנד און געהאלטען באגייסטערטע רעדעס פאר'ן פלאן. אויף די רעפובליקאנישע רעדעס אין סענאט האט ער געענטפערט מיט זיינע רעדעס צו גרויסע פובליקומס אין דער וועסט. דאס האט שרעקליך אויפגעבראכט די פארטייגענאסען זיינע אין סענאט און זיי האבען אויף איהם אויך גענומען שיסען פעך און שוועבעל. זיי האבען איהם אויפגעווארפען וואס ער נעהמט באצאהלט פון דעם קארנעגי אינסטיטוט פאר זיינע רעדעס. זיי האבען איהם אויך דערמאנט אז אין דעם יאהר 1912 איז ער מיאוס דורכגעפאלען ביי די וואהלען, מיאוס'ער ווי אירגענד וועלכער פרעזידענט קאנדידאט פון די גרויסע פארטייען אין דער געשיכטע פון לאנד. זיי האבען איהם אויך געלאזט וויסען, אז ער שפיעלט ניט מעהר קיין ראלע אין זיין פארטיי, אז ער זאל ניט מיינען דאס ער האט אירגענד וועלכע אנהענגער אין די רייהען פון די רעפובליקאנער.

אין די פאליטישע קרייזען האט דיעזע אטאקע אויף טעפט'ן אנגעמאכט א רעש. מען האט גענומען ריידען, אז אזא געשיכטע קען אמאל פיהרען צו א שפּליט אין דער רעפובליקאנישער פארטיי גופא, און טיפערע פאליטיקער האבען זיך וועגען דעם ערנסט פארטראכט.

עס איז די מיינונג פון פיעלע, אז עס איז גאנץ מעגליך, דאס די ליגע אוו נייישאנס־פראגע וועט ווערען די הויפט פאליטישע אישיו פון לאנד אין די נעקסטע פאר יאהר; אז זי וועט ווערען די אישיו אין דעם קומענדען עלעקשאן פאר פרעזידענט. ווען דאס וועט געשעהן, דאן איז צו ערווארטען, אז די צוויי גרויסע פארטייען זאלען זיך אינגאנצען איבערבויען, אז אן דער רעפובליקאנער פארטיי וועלען זיך אנשליסען די אלע דעמאקראטען, וועלכע זיינען געגען א ליגע אוו נייישאנס און אן דער דעמאקראטישער פארטיי וועלען זיך אנשליסען אלע רעפובליקאנער וואס זיינען פאר א ליגע אוו נייישאנס. מען קען ערווארטען הייסט עס, אז טעפט זאל ווערען א דעמאקראט און אז די קאנסערוואטיווע סענאטארען פון דער דעמאקראטישער פארטיי זאלען ווערען רעפובליקאנער.

צי עס וועט ווירקליך דערגעהן אזוי ווייט בלייבט איבער צו זעהן. דערווייליג אבער איז דער קאמפף צווישען פרעזידענט ווילסאן און די געגנער זיינע אין סענאט די וויכטיגסטע פאסירונג אין אונזער לאנד און פיעלייכט אויך די וויכטיגסטע פאסירונג אין דער וועלט. פון דעם רעזולטאט פון דיעזען קאמפף איז אפהענגיג זעהר, זעהר פיעל ניט בלויז אין באצוג צו דער פראגע וועגען דער ליגע אוו נייישאנס נאר אויך וועגען דעם אלגעמיינעם פריעדען וואס ווערט איצטער אויסגעארבייט אין פאריז.

* * *

אין דער דעבאטע אין סענאט איז זעהר אפט דערמאנט געווארען מעקסיקא. די געגנער פון דער ליגע האבען גע'טענה'ט דאס אונטער דער קאנסטיטושאן פון דער ליגע וועלען פרעמדע מעכטע זיך קענען אריינמישען אין אונזערע סכסוכים מיט מעקסיקא. דיעזער פונקט איז זעהר אינטערעסאנט, ספעציעל ווען מען נעהמט איהם אין פארבינדונג מיט א וויכטיגער פאסירונג, וועלכע איז פארגעקומען אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט ווען די דעבאטע איז אנגעגאנגען.

מאנטאג אין דער פריה איז אנאנסירט געווארען אין דער פרעסע אין ניו יארק, לאנדאן און פאריז, דאס די גרעסטע באנקירען אין די פאראייניגטע שטאאטען, ענגלאנד און פראנקרייך האבען זיך פאראייניגט און אפגעשטעלט א קאמיטע פון 25, מיט מארגאן אלס טשערמאן, צו באשיצען די אינטערעסען פון די אלע קאפיטאליסטען, וועלכע האבען געלד אינוועסטעט אין מעקסיקא, אין די דארטיגע אויל קוואלען, פארשיעדענע מינען, אין די רייל־ראודס און אנדערע אונטערנעהמונגען.

די מעקסיקאנער פראגע איז אן אנגעוועהטאגטע. זינט ווען די מלחמה האט געהאלטען אין רעכטען ברען האבען געוויסע צייטונגען געראטען אמעריקא אפצוציהען קרעפטען פון אייראפא און „מאכען א טאלק" מיט מעקסיקא. דא איז ניט דער פלאץ אריינצוגעהן אין א ברייטער ערקלערונג וועגען די אורזאכען פון דיעזער פראפאגאנדא געגען מעקסיקא. די איצטיגע מעקסיקאנער רעגירונג אונטער פרעזידענט קאראנזא האט אנגענומען געזעצע, וועלכע ערלויבען איהר ארויפצולעגען שווערע טעקסעס אויף די נאטירליכע רייכטימער וואס געהערען צו אויסלענדישע קאפיטאליסטען. זי וויל דערמיט צווינגען דיעזע קאפיטאליסטען צו פארקויפען זייערע שערס דארטען, און איינמאל פאר אלע מאל פטור ווערען פון דיעזע לייט. דער וואס איז נאר עטוואס באקאנט מיט דער געשיכטע פון דער אומגליקליכער מעקסיקא ווייס, אז דיעזע אויסלענדישע מיליאנערען, וועלכע האבען דורך פארשיעדענע אומעהרליכע מיטלען אריינגעכאפט אין זייערע הענד די רייכסטע אוצרות פון לאנד, זיינען פאראנטווארטליך געווען פאר א גרויסען טייל פון די בלוט פארגיסונג און פאלקס־פארשקלאפונג, וואס דאס לאנד האט צעהנדליגע יאהרען געליטען. דורך די נייע געזעצע וויל די רעגירונג איינמאל פאר אלע מאל זיך באפרייען פון דיעזער געפאהר.

וואס די ארגאניזירטע קאפיטאליסטען פון די דריי לענדער פלאנעווען צו טאן אום „זייער אייגענטום" אין מעקסיקא צו באשיצען, מאכען זיי ניט באקאנט. קיין צווייפעל אבער, אז זיי וועלען זוכען צו ווירקען אויף זייערע רעגירונגען זיי זאלען זיך איינשטעלען פאר זיי. מיר קענען אלזא ערווארטען אין דער נאהענטסטער צוקונפט צו לעזען אין אנדערע קאפיטאליסטישע צייטונגען מעשיות וועגען גרוילטאטען ביים מעקסיקאנער גרענעץ, וועגען „טיראנישע געזעצע" פון דער מעקסיקאנער רעגירונג, וועגען דער שרעקליכער אנארכיע אין מעקסיקא און זא ווייטער. דיעזע צייטונגען ווייסען שוין ווי אזוי צו מאכען דעם רושם פון העצעריי, געגען מעקסיקא אודאי.

* * *

אין דעם קאמפף צווישען די רעאקציאנערע און ליבעראלע כחות פון לאנד זיינען אין די לעצטע טעג פארגעקומען אייניגע וויכטיגע פאסירונגען.

1) אין סענאט אין וואשינגטאן איז אריינגעטראגען געווארען א ביל, וועלכער ציעלט צו אונטערדריקען רעוואלוציאנערע פראפאגאנדא. דער ביל פארבאט צו האלטען מיטינגען, אדער דרוקען צייטונגען, אדער אירגענד וועלכען סארט ליטעראטור צו אגיטירען פאר אומשטירצען דער רעגירונג דורך געוואלד אדער דורך א סטרייק. עס וועט ווערען פארבאטען צו טראגען אדער ארויסהענגען פלאגגס, וועלכע געהערען צו אזא רעוואלוציאנערער פראפאגאנדא. די שטראף פאר איבערטרעטען דעם געזעץ איז פינף יאהר פריזאן און 5 טויזענד דאלאר שטראף.

2) דזשאדזש לאנדיס פון שיקאגא האט נאך א בארעטונג פון איבער א מאנאט צוריקגעוויזען די פאדערונג פון די פינף סאציאליסטישע פיהרער פאר א נייעם טרייעל, און האט זיי אלעמען פאר'משפט צו 20 יאהר פריזאן. איינער פון דיעזע פאר'משפט'ע איז וויקטאר בערגער, דער ערוועהלטער קאנגרעסמאן פון וויסקאנסין. עס פארשטעהט זיך, דאס איצטער וועט דער קאנגרעס איהם ניט ערלויבען אריינצוטרעטען אין זיין אמט. די פינף פאר'משפט'ע האבען פון א העכערען ריכטער באקומען דאס רעכט צו אפּעלירען און פארלויפיג זיינען זיי באפרייט געווארען אונטער 25 טויזענד דאלאר בייל יעדער.

דיעזער אורטייל האט ערשטוינט סיי די ליבעראלען סיי די קאנסערוואטיווען אין לאנד. צוואנציג יאהר איז דער העכסטער פסק וואס מען קען פאר דעם פארברעכען געבען. פאר וויקטאר בערגער, וועלכער איז איצטער שוין א יאהר זעכציג, איז דיעזער פסק לעבענס־לענגליכע געפענגניס. קיינער האט ניט ערווארטעט, אז איצטער, ווען די מלחמה איז שוין געענדיגט, ווען אין אייראפא באפרייט מען שוין די פאליטישע פארברעכער וועלכע זיינען פארשיקט געווארען אין צייט פון קריעג, אז איצטער וועט א ריכטער זיין אזוי שרעקליך שטרענג אין זיין פסק, שטרענג צו מענשען וועלכע אלע גיבען צו, אז זיי האבען געטאן וואס זיי האבען געטאן ניט אויס שנאה צום לאנד, ניט אויס פאראכט צום לאנד, נאר אויס זייערע עהרליכע אידעאליסטישע איבערצייגונגען.

3) מיט א טאג בעפאר דיעזער שווערער פסק איז ארויסגעגעבען געווארען אין שיקאגא האט אין ניו יארק פאסירט א פונקט פארקעהרטער פאל. נאך א בעראטונג פון דריי [illegible] האט א דזשורי דא באפרייט דעם בארימטען סאציאליסט סקאט נירינג, וועלכער איז געווען אנגעקלאגט אין עהנליכע פאליטישע פארברעכענס ווי די פינף סאציאליסטען אין שיקאגא. ביי קיינעם איז קיין צווייפעל ניט, דאס וועלט נירינג גע'משפט געווארען מיט עטליכע מאנאטען צוריק, ווען די מלחמה איז נאך אנגעגאנגען, וואלט ער זיך ניט ארויסגעדרעהט אזוי גרינג. די דזשורי האט זיך הפנים גערעכענט מיט'ן פאקט, אז די מלחמה איז געענדיגט און אז איצטער קען מען זיך ערלויבען צו זיין ליבעראלער מיט פאליטישע אנגעקלאגטע. דזשאדזשעס ווייזט אויס האבען א גאנץ אנדער פסיכאלאגיע ווי פראסטע דזשורי לייט.

* * *

עטליכע טעג האט זיך אין דער פרעסע געמאכט וועגען א גרעסערע אונטערזוכונג אין דער נייווי און עס האט אויסגעוויזען, אז די זאך וועט זיך ענטוויקלען אין א גוואלדיגער סענסיישאן, אבער פלוצלונג איז וועגען דעם שטיל געווארען.

עס איז דערצעהלט געווארען, דאס אין דעם ניו יארקער דיסטריקט פון דעם נייווי דעפארטמענט האבען זיך אין די מלחמה־יאהרען אפגעשפיעלט די ערנסטע סקאנדאלען. מען האט דארטען גענומען און געגעבען גרעפט אויף וואס די וועלט שטעהט. רייכע טאטעס האבען פאר זייערע זיהן געקויפט פלעצער אין דער נייווי, וואו מען איז זיכער געווען געגען טויט. יונגע ביזנעס לייט פון דרעפט עלטער האבען מיט געלד זיך אריינגעדרעהט אין דער נייווי, געקראגען דארטען כלומרשט שטעלען אויף דער יבשה אין אן אפיס און זיך אפגעגעבען צו די אייגענע ביזנעס. מען האט געזאגט, אז איין בעאמטער אין דער נייווי האט געמאכט פון דיעזע געשעפטען ניט ווייניגער ווי א האלבען מיליאן דאלאר.

דער סעקרעטער פון די נייווי האט פארשפראכען א גרינדליכע אונטערזוכונג. פארלויפיג זיינען א פאר מענשען ארעסטירט געווארען.

* * *

די באוועגונג צווישען די ארגאניזירטע ארבייטער צו סטרייקען געגען דעם פראהיבישאן געזעץ ווערט גאנץ ערנסט. די סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ניו יארק האט ביי איהר לעצטען מיטינג די פראגע פארהאנדעלט. עס איז דארטען באריכטעט געווארען, דאס זיעבען יוניאנס, וועלכע צעהלען א מעמבערשיפּ פון 181 טויזענד ארבייטער, האבען דורך א רעפערענדום וואוט שוין באשלאסען ארויסצוגעהן אין סטרייק אזוי שנעל ווי דער געזעץ וועט אריינטרעטען אין מאכט. אנדערע יוניאנס אין ניו יארק שטימען איצטער וועגען דער פראגע און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז פיעלע פון זיי וועלען אנגעהמען דעם זעלבען באשלוס. דער עסעקס קאונטי טרייד קאונסיל פון נוארק האט שוין דעם באשלוס אנגענומען מיט א צייט צוריק. פון פארשיעדענע טיילען פון לאנד קומען אן באריכטען, אז די ארבייטער וועלען זיך באנוצען מיט זייער שטארקסטער וואפע, דעם סטרייק, צו באקעמפען די גזירה געגען ביער און שנאפס.

דער אמענדמענט צו דעם קאנסטיטושאן פאר פראהיבישאן טרעט אריין אין קראפט ערשט אין יאנואר 1920. אבער דער פרעזידענט האט פארבאטען די פארברויכונג פון ביער פון דעם קומענדען מאנאט דזשולויי. ער האט עס געטאן אלס א מלחמה־מיטעל איינצושפארען תבואה. אבער אזוי ווי דער קאנגרעס האט אנגענומען דעם אמענדמענט וועגען פראהיבישאן, וועט דער פרעזידענט העכסט וואהרשיינליך זיין באפעהל ניט צוריקרופען, און מיר וועלען האבען פראהיבישאן דעם ערשטען דזשולויי. אויב די יוניאנס וועלען זיך האלטען ביי זייער באשלוס, קען מען ערווארטען „דעם סטרייק" אין אלע טיילען פון לאנד אין אנפאנג מאנאט דזשולויי.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנעל לאקאלס, פון ניו יארק אזוי גוט ווי פון די קאנטרי, דאס די באריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענצען, בריעף־שרייבער און אזוי ווייטער.

רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

דער אינטערנעשאנעל קריעגס דעפארטמענט

פון ל. פינקעלשטיין

די אינטערנעשאנעל סטרייק־ארמעע וואקסט. — ווייטגודס ארבייטער אין א דזשענעראל־סטרייק. — „עס לעבע די יוניאן!" שרייען די מיידלעך פארלאזענדיג די שעפער. — די קאטערס יוניאן לאקאל 10 באטייליגט זיך אין די אלע סטרייקס. — די צווייטע העלפט פון דער אינטערנעשאנעל „קריגס־דעפארטמענט". — דיפלאמאטיע. — די פאראנטווארטליכקייט פון דעם יוניאן־פיהרער. — די שווערע ארבייט פון דער סעטעלמענט־קאמיטע. — וואס סעקרעטער באראף האט וועגען דעם צו זאגען.

אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן פיהרט איצט אן אין ניו יארק א גיגאנטישען קאמפף, א קאמפף אויף פיער באזונדערע פראנטען. דאס איז פיעלייכט צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטערבאוועגונג, דאס איין קערפערשאפט זאל אין איין און דער זעלבער צייט אנפיהרען אזוי פיעל סטרייקס אין איין שטאדט.

אונזער אינטערנעשאנעל סטרייק־ארמעע וואקסט און עס קומען צו אלץ נייע קעמפפער. די מיטגליעדער פון אלע אונזערע לאקאלס אין ניו יארק האבען פעסט באשלאסען, אז ס'איז גענוג צו ארבייטען 44 שטונדען א וואך. אויף דער טאגעס־ארדנונג פון כמעט אלע אונזערע לאקאלס שטעהט איצט די פראגע: „ענטוועדער מיר וועלען ארבייטען 44 שטונדען א וואך אדער גאר ניט!" און פיער באזונדערע ארמעען פון אונזער אינטערנעשאנעל אין ניו יארק שטעהען שוין איצט אין שלאכט־פעלד, קעמפפענדיג פאר אט דער גרויסער, נאבעלער פאדערונג, וואס מיינט אין דער אמת'ען מעהר געזונד, מעהר גליק און א לענגערעס לעבען! און אזוי ווי די מעהרסטע פון אונזערע קעמפפער זיינען פרויען, מיינט דאס אויך א בעסער און געזונטערער צוקונפטיגער דור!

די ערשטע ארויסצוגעהן אין קאמפף זיינען געווען די בראווע ווייסט און דרעסמאכער לאקאל 25. דאן זיינען געקומען די טשילדרען דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 50. דאן די הויזדרעס און קימאנא־מייקערס יוניאן, לאקאל 41 און דעם דינסטאג, דעם 25טען פעברואר, 10 א זייגער אין דער פריה זיינען צוגעקומען די ווייטגודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62, א נייע, גרויסע ארמעע. און מען דארף ניט פארגעסען, דאס אין די שעפער פון אלע אט די באזונדערע טריידס ווערען אויך באשעפטיגט קאטערס, מיטגליעדער פון לאקאל 10 און די קאטערס פארלאזען די שעפער און באטייליגען זיך אין די סטרייקס צוזאמען מיט די מיידלאך. דאס מיינט, אייגענטליך, אז אונזער קאטערס יוניאן לאקאל 10 איז אויך אין א דזשענעראל סטרייק און דאס מאכט אונזער סטרייק ארמעע נאך גרעסער. דאס מיינט פאקטיש, אז אין סטרייק געפינט זיך נאך א יוניאן.

דער רוף צו דעם ווהייט־גודס סטרייק איז דינסטאג פארטיילט געווארען ארום די שעפער פון הונדערטע באגייסטערטע סטרייקערינס, און זיי זיינען אומעטום, ביי יעדען שאפ באגעגנט געווארען מיט גרויס פרייד, זיי זיינען באגריסט געווארען פון די לויכטענדע פנים'ער פון די יונגע מיידלאך און פרויען און וועמעס אויגען עס האט זיך באוויזען א טרער פון פרייד און הארציגער שטימונג. מיט ליעבליכע שמייכלען האבען זיי אלע גענומען דער יוניאנס סטרייק רוף און פארזיכערט די וואס האבען דעם רוף פארטיילט, דאס זיי שטעהען מיט לייב און לעבען פאר דער יוניאן און דאס פונקט 10 א זייגער וועלען זיי ארונטער פון שאפ, ווי די יוניאן פארלאנגט דאס פון זיי.

און אזוי איז דאס געווען. ווי נאר דער זייגער האט געשלאגען 10, איז געווארען א דעמאנסטראציע ביי די ווייטגודס שעפער. טויזענדע און טויזענדע מיידלאך און פרויען האבען צו דער מינוט פארלאזען די שעפער און מארשירט אין די האלס, וואו זייער יוניאן האט זיי אנגעוויזען. זיי האבען אריינמארשירט אין די סטרייק־האלס מיט ערנסטע געזיכטער, מיט א סך ענטשלאסענהייט און פיעל ענטוזיאזם, מיט'ן באוואוסטזיין, דאס זיי פאנגען אן א גרויסען קאמפף, א הייליגען קאמפף, א קאמפף פאר א שעהנער, בעסער און גרינגער לעבען! און אויף זייערע ליפען איז געלעגען פארזיגעלט א הייליגע שבועה, די שבועה וואס זיי האבען זיך געגעבען מיט א קורצע צייט צוריק אויף דעם גרויסען מיטינג פון זייער יוניאן אין קופער יוניאן, דאס אויב די יוניאן וועט רופען אין סטרייק וועלען זיי קעמפפען ביז אלע גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן וועלען פאלשטענדיג געוואונען ווערען.

און דיעזע בראווע קעמפפער וועלען זייער הייליגע שבועה האלטען. די מיטגליעדער פון די ווייטגודס ווארקערס יוניאן האבען שוין ניט איין מאל באוויזען אז זיי זיינען ווירדיגע קעמפפער, אויף וועלכע מען קען זיך פארלאזען, און דעם מאל, קעמפפענדיג פאר א גרעסערע זאך, וועלען זיי זיכער האלטען זייער שבועה.

אין דער ווייטגודס אינדוסטריע פון ניו יארק זיינען באשעפטיגט צווישען 8 און 10 טויזענד ארבייטער און מיט אזוי פיעל ווערט איצט גרעסער אונזער אינטערנעשאנעל סטרייק ארמעע.

* * *

שרייבענדיג לעצטע וואך אין דער אפטיילונג וועגען אונזער אינטערנעשאנעל קריעגס דעפארטמענט, איז אויסגעלאזען געווארען א גאנץ וויכטיגער טייל, און מיר נעהמען דאס היינט גוטמאכען.

לעצטע וואך האבען מיר בלויז אנגעוויזען אויף דער פיבערהאפטער טעטיגקייט אין דעם אינטערנעשאנעל אפיס אין באצוג פון אנפיהרען דעם קריעג; מיר האבען אנגעוויזען ווי אזוי שלעזינגער און באראף, מיט דער הילף פון נאך אנדערע דזשענעראל'ן בעאמטע קאנטראלירען אלע אינטערנעשאנעל פראנטען און באקומען מעגליך ידיעות וואס עס קומט פאר אין אלע אונזערע טרענטשעס. אבער אזוי ווי א מלחמה, איז אויך יעדער גרויסער סטרייק ארומגערינגעלט מיט דיפלאמאטיע, אמאל מיט אפענע דיפלאמאטיע און אמאל מיט געהיימע, און וועגען דעם האבען מיר אפילו א ווארט ניט געזאגט.

און ביי יעדען גרויסען סטרייק שפילט די דיפלאמאטיע א גאנץ וואזשנע ראלע. עס הענגט אפּ פון דעם זעהר פיעל דער אויסגאנג פון יעדען גרויסען סטרייק.

ווען א גרויסער סטרייק ווערט ארויסגערופען און ער האט אויף זיין זייט די עפענטליכע, געזעלשאפטליכע מיינונג, איז דער סטרייק שוין א העלפט א געוואונענער, גלייך דעם ערשטען טאג וואס ער פאנגט זיך אן! און א פאראנטווארטליכער יוניאן פיהרער, וואס פארשטעהט גוט זיין פאך, מוז אימער פיהלען דאס ער דארף קריגען די עפענטליכע, געזעלשאפטליכע מיינונג אויף דער זייט פון דער יוניאן, און דאס קען מעגליך זיין נאר דאן, ווען די דיפלאמאטיע פאר דער יוניאן ווערט ריכטיג געפיהרט.

ווען נאציאנען זיינען איינע מיט די אנדערע אין קריעג, האבען זיי באזונדערע פערזאנען אלס קריעגס פיהרער און באזונדערע פערזאנען אלס דיפלאמאטען. אבער א יוניאן, אפילו אזא גרויסע יוניאן ווי אונזער אינטערנעשאנעל, קען זיך אזא לוקסוס ניט פארגינען. אין דעם פעהיגען יוניאן פיהרער ווערט פארקערפערט אי דער קריעגס־פיהרער, אי דער דיפלאמאט. דעם יוניאן פיהרער קומט, אלזא, אפּ אויס צו טראגען אויף זיך צוויי גרויסע פאראנטווארטליכקייטען, אי אלס קריגער אי אלס דיפלאמאט.

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנעל, מיט פרעזידענט שלעזינגער בראש, האט זיך ארויסגעוויזען פאר א קערפערשאפט, וואס פארשטעהט אויסגעצייכענט ביידע זאכען, אי די קונסט פון אנפיהרען קריעג, אי די קונסט פון דיפלאמאטיע. ברודער שלעזינגער האט אין דער הינזיכט ארויסגעוויזען אמת גאניאלע פעהיגקייטען און דער „קריעגס דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנעל" קאן מיט רעכט אויך אנגערופען ווערען אן ערשטע קלאסע „דיפלאמאטישער קארפּוס" — ווי דאס ווערט גערופען אין דער שפראך פון די דיפלאמאטען. קומט נור איצט אריין אין אינטערנעשאנאל אפיס און איהר וועט דאס גלייך באמערקען.

עס פליהען טעלעגראמען אהין און אהער פון פיעלע גאר אנגעזעהענע מענשען אין דער געזעלשאפט, און עס קלינגט אויך א גאנצען טאג דער טעלעפאן. עס רופען אן פארשידענע מענשען, פראפעסאר, כלל טוער, קארעספאנדענטען פון די גרעסטע ענגלישע צייטונגען אין ניו יארק, באנקירען, פילאנטראפען, פינאנסירען, קלוב־מאנשען, רייכע „סאסייעטי" פרויען, פראפעסארען פון קאלעדזשעס, „טשיפס" פון פארשידענע ביוראס, רעגירונגס ביוראס און פריוואטע ביוראס, קורץ, ווער נור עס נעהמט אן אינטערעס אין דעם עפענטליכען געזעלשאפטליכען לעבען אין ניו יארק, אינטערעסירט זיך מיט אונזערע סטרייקס און זוכט צו באקומען פון פרעזידענט שלעזינגער איינצעלהייטען.

די סטרייקס, וואס די אינטערנעשאנעל פיהרט איצט, זיינען ניט בלויז אונזערע סטרייקס, זיי געהערען צו דער גאנצער געזעלשאפט! אלע רעכטדענקענדע מענשען אין אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט זיינען פאראינטערעסירט אין זיי און יעדען טאג קומען אריין פיעלע אנפראגען פון פארשידענע מענשען, וואו עס האלט, ווארום אלע, אלע סימפאטיזירען מיט דער יוניאן און פארדאמען די נארישע און פארברעכערישע שטעלונג פון דער ווייסט מאנופעקטשורערס אסס'ן, מיט זייער נאך מעהר נארישען לאיער, הערי גארדאן, וואס קריכט פון הויט זיך צו מאכען א קאריערע פון א פארביסענעם ארבייטער פיינד און האט, נעבעך, קיין שכל ניט, ווי דאס צו מאכען.

און צו באקומען די עפענטליכע מיינונג ביז אזא הויכען גראד אויף דער יוניאנס זייט, מעג אפילו די יוניאן זיין ווי גערעכט, ווארום די יוניאן איז דאך א קלאסען־קעמפפערישע ארגאניזאציע און מיר לעבען נאך אין א קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, — מוז באנוצט ווערען דער העכסטער סארט דיפלאמאטיע. און די רעזולטאטען פון ברודער שלעזינגער'ס דיפלאמאטיע האבען דאס פאלשטענדיג באוויזען!

אבער דאס איז נאך ניט אלעס.

אין דעם אינטערנעשאנעל קריעגס־דעפארטמענט איז דא נאך א סארט דיפלאמאטיע, וואס איז פונקט אזוי וויכטיג ווי די ערשטע: דאס זיינען די דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען צווישען די יוניאנס און די מאנופעקטשורערס אסס'ן.

א סטרייק, ווי א מלחמה, קאן זיך ניט אייביג ציהען, עס מוז זיך דאך ווען ענדיגען. און אין דער צייט וואס יעדער גרויסער סטרייק געהט אן, ווערען אין דער זעלבער צייט געמאכט פארשידענע פארזוכען דעם סטרייק [illegible] צו סעטלען, מיט א זיגע פאר די ארבייטער. און אין אזעלכע דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען דארף מען זיין פונקט אזוי קלוג, שארפזיניג און פארזיכטיג ווי ביים ענדיגען א קריעג. דער וואוילזיין פון פיעלע טויזענדער ארבייטער הענגט אמאל מעהר אפּ פון אזעלכע דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען, ווי פון דעם אפענעם קאמפף אין דער פיקעט ליין. ביי אזעלכע פארהאנדלונגען מוז דעם יוניאן פיהרער'ס ווארט זיין געוואויגען און געמאסטען, ער טאר ניט אריבערכאפען די מאס, ניט רעכטס און ניט לינקס, — ביידעס קען קאליע מאכען און פארציהען דעם קאמפף פאר נאך וואכען און וואכען.

און אין דעם סאמע מיטען פון פיהרען די סטרייקס זיינען אונזערע בעאמטע אויך פארנומען מיט פארשידענע קאנפערענצען, אויף וועלכע אונזערע קריעגספיהרער און דיפלאמאטען קומען זיך צוזאמען מיט דעם שונא רעדען וועגען שלום. זיי מוזען זייער טעטיגקייט טיילען אין צווייען, אט פיהרען זיי די קעמפפער אין דער פיקעט ליין און מונטערן זיי אויף צו שטעהן אין קאמפף ביז צום זיעג, און אט זיצען זיי שוין ביים קאנפערענץ טיש און דינגען זיך אויף א דיפלאמאטישען אופן צו באקומען פאר די סטרייקער אלץ מעהר און מעהר.

יא, עס איז זעהר א שווערע און פאראנטווארטליכע ארבייט צו זיין א יוניאן פיהרער! ניט פיעלע קענען דאס. און אויף דער אידישער גאס איז דאס נאך קיין מאל ריכטיג ניט אפגעשאצט געווארען.

* * *

לעצטע וואך האבען מיר אין דער אפטיילונג געשריבען וועגען דער אונערמידליכער ארבייט פון דער „אום און מאן" קאמיטע. אבער יעדער אנדערע קאמיטע פון דער וואונדערבארער מאשין, וואס איז באקאנט צו דער וועלט אונטער'ן נאמען „דזשענעראל סטרייק קאמיטע", איז פונקט אזוי וויכטיג און מיר וועלען שרייבען וועגען יעדע איינע פון זיי.

נעהמט, למשל, די סעטלמענט קאמיטע.

שוין דער [illegible] שליין [illegible] וואס די קאמיטע האט צו טאן — [illegible] עס קען זיך דוכטען, דאס אלעס וואס די קאמיטע האט צו טאן, איז אפסעטלען די שעפער פון יענע בעלי בתים וואס זיינען וויליג צו סעטלען מיט דער יוניאן, גלייך נאכדעם, ווי דער סטרייק איז גערופען געווארען.

עס איז אבער ווייט ניט אזוי. דער אמת איז, דאס די סעטלמענט קאמיטע האט מעהר ארבייט און טראבעל ניט ביי דעם סעטלען די שעפער, נור ביי דעם ניט סעטלען.

ברודער אב. באראף, אונזער סעקרעטער־טרעזשורער, איז דער טשערמאן פון דער סעטלמענט קאמיטע אין דעם ווייסט און־דרעס סטרייק און ער האט וועגען דעם גאר א סך צו זאגען.

קודם כל ווערט די סעטלמענט קאמיטע פשוט פארוואורפען מיט ארבייט גלייך דעם ערשטען טאג וואס דער סטרייק ברעכט אויס. עס זיינען אימער דא א צאהל קליינע מאנופעקטשורערס וואס זיינען גרייט צו סעטלען נאך איידער אפילו דער סטרייק ברעכט אויס, און דיעזע גיבען זיך א לאז צו דער סעטלמענט קאמיטע גלייך דעם ערשטען טאג פון סטרייק.

און דאן — זאגט ברודער באראף — ענטשטעהט די גרויסע פראגע, מיט וועלכע מען קאן סעטלען און מיט וועמען ניט. און דאס מוז גאנץ שטרענג אונטערזוכט ווערען. ווארום עס טרעפט אפט, דאס א געוויסער מאנופעקטשורער זאל קומען „סעטלען" מיט דער יוניאן אום דעם סטרייק צו שאדען. ער טוט דאס מיט דער אבזיכט, צו קענען מאכען אין זיין „געסעטעלטען" שאפ די ארבייט פון אנדערע מאנופעקטשורערס, אום יענע וועלען קענען לענגער שטעהן אין סטרייק, „צו ברעכען", ווי זיי רעדען זיך איין, די יוניאן. „דאס — זאגט ברודער באראף — איז אזא מין „סאבאטאזש" פון די בעלי בתים! מען דארף דעריבער זיין גאנץ פארזיכטיג איידער מען סעטעלט מיט א פירמע. די זאך מוז גרינדליך אונטערזוכט ווערען, און דאס האלט אף די סעטלמענטס אפילו פון יענע בעלי בתים, וועלכע זיינען עהרליך און מיינען ניט קיין הינטערפיסלעך.

ווערט דערווייל א געשריי צווישען די סטרייקער. ניט פארשטעהענדיג ווי פארזיכטיג מען מוז דא זיין, באשולדיגען זיי אפט די סעטלמענט קאמיטע, אז זי איז צו „סלאו", אז מען „האלט זיי אומזיסט אין סטרייק" און אזוי ווייטער. די קאמיטע מוז, אלזא, אומזיסט און אומנישט אויסהערען די קריטיקען פון די סטרייקער, טראץ דעם וואס זיי ארבייטען אונערמידליך, טאג און נאכט. זיי סעטלען, פארשטעהט זיך, בלויז יענע שעפער, אויף וועלכע עס איז קיין שום חשד ניטא, אז דארט וועט געמאכט ווערען סקעב ארבייט, אונטער א מאנטעל פון א געסעטעלטען יוניאן שאפ.

צוזאמען מיט באראף'ען ארבייטען אין דער קאמיטע, טאקע מיט לייב און לעבען, נאך אייניגע ברידער און שוועסטער. ברודער ס. זיידמאן, דער ווייס טשערמאן פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע און סעקרעטער פון די ווייסט און דרעסמאכער יוניאן, ברודער הורוויטש, ברודער עסענפעלד און נאך אנדערע.

הונדערטער און הונדערטער שעפער האט די קאמיטע שוין אפגעסעטעלט און פיעלע טויזענדער ארבייטער, פרויען און מענער זיינען שוין ביי דער ארבייט און געניסען דעם בענעפיט פון די נייע פאדערונגען, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט. זיי זיצען ביי דער ארבייט מיט א ברכה אויף זייערע ליפען פאר זייער יוניאן, פאר די אינטערנעשאנעל, פאר אלע פיהרער פון דעם סטרייק, פאר די טרייע און אקטיווע יוניאן מיטגליעדער און די אלע פארשידענע קאמיטעס פון דער גרויסער דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

און מיט פארגעניגען צעהלען זיי די 10 פראצענט פון זייערע פארדינסטען פאר די סטרייקער, פאר זייערע שוועסטער און ברידער וועלכע זיצען נאך אין די „טרענטשעס" און קעמפפען העלדיש געגען יענע באסעס פון דער אסס'ן וואס האבען געמאכט א פארשווערונג צו ברעכען אונזער מאכט, צו פארניכטען די ארבייטער־פעסטונג — די יוניאן. זיי וועלען דאס אבער קיין מאל, קיין מאל ניט דערלעבען!

מיר האבען נאך צו שרייבען א סך וועגען די אנדערע קאמיטעס, באזונדערס וועגען דער פיקעט קאמיטע, און וועגען דער רעליעף און פינאנץ קאמיטע, פון וועלכער אונזער ווייס פרעזידענט, ברודער הערי וואנדער, איז דער טשערמאן. דאס מוז שוין אבער בלייבען פאר נעקסטע וואך.

אונזער אינטערנעשאנאל איבער'ן לאנד

פון מאקס ד. דעניש.

די קלאוקמאכער אין קאליפארניא.

ניט קיין סך קלאוק מאכער פון דער איסט און די מיטעל וועסט ווייסען, דאס עס זיינען פאראן קלאוק און סוט שעפער אויף די זאוניגע ברעגען פון פאציפישען ים, און נאך ווייניגער ווייסען זיי, דאס אין יענעם געגענד זיינען דא לאקאל יוניאנס פון קלאוק מאכער און נאך גוט ארגאניזירטע לאקאלס אויך!

נעהמט, למשל, די שטאדט לאס אנדזשעלעס.

דורך די לעצטע 10-12 יאהר זיינען א צאהל קלאוק מאכער פארווארפען געווארען אין יענער שטאדט. מאנכע פון זיי זיינען געפאהרען אהין, ווייל עס האט זיי פשוט דערעסען דאס לעבען דא אין דער איסט; אנדערע זיינען געפאהרען אהין אויפ'ן ראט פון דאקטוירים, נאכדעם ווי זיי זיינען דא געווען א גרויסען טייל פון זייער לעבען אין די קלאוק סוועט שעפער פון די פריהערדיגע יאהרען, און אזוי נאך האבען עטליכע הונדערט קלאוק מאכער געפונען באשעפטיגונג אין יענע שעפער, וועלכע זיינען געווארען אלץ מעהר אין צאהל.

די קלאוק מאכער אין לאס אנדזשעלעס זיינען אויסגעצייכענטע ארגאניזאציאנס מענשען. מיר הערען פון זיי זעלטען ווען אויף אונזערע קאנווענשאנס, וועלכע ווערען מעהרסטענטיילס אפגעהאלטען אין די איסט, און פאר יענע ארטען איז עס פשוט א צו ווייטער מהלך צו פאהרען. זיי האבען אבער דאך באוויזען אויפצובויען אין לאס אנדזשעלעס א פעסטע ארגאניזאציאן, זיי האבען 100 פראצענט יוניאן און גוטע ארבייטס באדינגונגען, אין באצוג שכירות, שטונדען און ז. וו. וואס זיינען כמעט דיזעלבע ווי ביי אונז אין ניו יארק. זיי האבען טרייד אגרימענטס מיט די מאנופעקטשורערס, און זיי ווערען בכלל פאררעכענט אלס א ווירדיגער טייל פון דער דארטיגער ארבייטער באוועגונג.

ברודער סעמועל מאובער, זייער אונערמידליכער סעקרעטער, וועלכער ארבייט פאר יענער יוניאן שוין פיעלע יאהרען, האט אונז לעצטענס געמעלדעט, דאס די קלאוק מאכער פון לאס אנדזשעלעס האבען ארגאניזירט צוויי נייע, אינטערנעשאנאל לאקאלס, איינער באשטעהט פון וויסט און דרעס מאכער און דער צווייטער באשטעהט פון ליידיעס טיילארס. ביידע דיזע לאקאלס האבען שוין באקומען טשארטערס פון דעם אינטערנעשאנאל אפיס און אין די טריידס ווערט אנגעפיהרט א שארפער ארגאניזאציאנס-קאמפיין. מיר קענען דעם גייסט פון אונזערע מיטגליעדער אין לאס אנדזשעלעס און מיר האבען ניט דעם מינדעסטען צווייפעל, דאס עס וועט ניט נעהמען פיעל צייט און יעדער ליידיס טיילאר און וויסט מאכער אין לאס אנדזשעלעס וועט זיין אנגעשלאסען אין די לאקאל יוניאנס.

* * *

אויך אין סאן פראנציסקא האבען מיר אן איבערגעבענע גרופע קלאוק מאכער, די מיטגליעדער פון אונזער לאקאל 8. אבער דער קלאק מאכער טרייד אין דער שטאדט איז קליין, ניט קיין סך ארבייטער ווערען דארט באשעפטיגט, און זיי נעהמען דעריבער אריין אין דעם לאקאל מיטגליעדער אויך פון אנדערע צווייגען, אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע. פאר איינינגע יאהר צייט האט דער לאקאל געדארפט קעמפען פאר זיין עקזיסטענץ, און איז איין מאל שיער אין גאנצען אונטערגעגאנגען. אבער פאר די לעצטע 2 יאהר איז דער לאקאל געווארען אן אקטיווע, גאנץ לעבעדיגע ארגאניזאציאן און טוט אלץ וואס איז נור מעגליך פאר יענע ארבייטער.

לעצטענס האבען זיי דארטען אנגעפאנגען א שטארקען ארגאניזאציאנס קאמפיין צווישען די ליידיס טיילארס, און ווי ברודער גרינבערג מעלדעט אונז, ערווארטען זיי אין גאר א קורצער צייט צו האבען אלע ארבייטער פון די ליידיס טיילאר שעפער אין דער שטאדט, אין דער יוניאן. ברודער גרינבערג איז א זעהר געטרייער און איבערגעבענער טוער, און אז ער זאגט קען מען זיך אויף איהם פארלאזען.

דאס וואס פרעזידענט שלעזינגער האט ניט באזוכט די לאקאלס ביי די ברעגען פון פאציפישען ים, ווי ער האט עס געדענקט צו טאן לעצטען מאנאט אקטאבער, האט אין יענער געגענד ארויסגערופען א סך ענטוישונג. זיי האבען זיך דארט געגרייט צו געבען איהם א הארציגע אויפנאהמע און אויסצונוצען זיין אנוועזענהייט פאר ארגאניזאציאנס ארבייט. אבער די גרויסע פאסירונגען וואס זיינען לעצטענס פארגעקומען אין די טריידס ביי אונז אין דער איסט האבען געמאכט אוממעגליך פאר פרעזידענט שלעזינגער צו מאכען דעם טור צו די פאציפישע ברעגען און אונזערע פריינד אין קאליפארניא וועלען נאך מוזען אביסעל צוווארטען, ביז עס וועט זיין מעגליך פאר ברודער שלעזינגער צו מאכען די רייזע.

די קלאוק מאכער אין סט. לואיס.

ברודער בען גילבערט, דער דזשענעראל ארגאנייזער פון דארטען, שרייבט אונז:

„דער ערב סיזאן אין סט. לואיס האט געבראכט א סך אונרוהיגקייט צווישען די ארבייטער. די באלאבאטים האבען געמאכט א פאראייניגטען שטאנד צו פארקלענערען די פרייזען פאר מאכען די גארמענטס, טענה'ענדיג דאס איצטער וועלען די ארבייטער מוזען אננעמען אירגענד וועלכע באדינגונגען וואס זיי, די באסעס, וועלען זיין גוט גענוג זיי צו געבען. דאס איז ווירקליך געווען א שטרעקעל שלעכטע צייט. ווארום אין די שעפער איז ניט געווען א שטאך ארבייט און מיר האבען גאנץ גוט געפיהלט אויף אונזערע רוקענס די לאסט פונ'ם באס. מיר האבען זיך אבער דאך ניט פארלארען, ניט אפגעטרעטען פון אונזער פאזיציע. מיר האבען אנגעזאגט די פרייז-קאמיטעס פון די שעפער זיך ניט אפצושרעקען און פארלאנגען זייער פרייז, און גאר אין גיכען האט זיך די לאגע גענומען פארבעסערען. עס איז אונז געלונגען כמעט אין אלע פעלע צו באקומען די פרייזען וואס מיר האבען געפאדערט, און באלד מאקע האט אנגעפאנגען אריינקומען ארבייט. היינט ווערט ביי אונז געארבייט גאנץ „סטעדי" און אלע סמנים ווייזען, אז מיר וועלען האבען א גוטען סיזאן.

וואס מיר דארפען איצט אממייסטען איז א בעסערע, מעהר פאלשטענדיגע ארגאניזאציאן אום צו קאנען נאך בעסער קאנטראלירען דעם טרייד. אונזערע קלאוק מאכער נעהמען א גרויסען אינטערעס אין דעם סטרייק פון די וויסט און דרעס מאכער אין ניו יארק און מיר אלע דא האפען, אז דאס וועט שוין זיין דער לעצטער פארזוך פון די ניו יארקער בעלי בתים צו ערקלערען א ביטערען קריעג, געגען אונזער אינטערנעשיאנעל.״

די קלאוק מאכער אין באסטאן.

ברודער דזשייקאב ווייטה, דער מענעדזשער פון דעם באסטאנער דזשאינט באארד, שרייבט אונז:

„די לאגע אין אונזער אינדוסטריע אין באסטאן און אומגעגענד איז איצט גאנץ צופריעדענשטעלענד. דער סיזאן איז אין פולען גאנג און אין די שעפער איז דא גענוג ארבייט. יעדער קלאוק מאכער אין שטאדט, אפילו די וואס זיינען בעפאר אוועק צו אן אנדער טרייד און האבען זיך איצט צוריקגעקערט צו אונזער טרייד, איז באשעפטיגט. א דאנק אם דער גרויסער אויסערגעוועהנליכער ביזי, זיינען מיר געווען אימשטאנד דא איינצופיהרען באדייטענדע פארבעסערונגען. מיר האבען באקומען א 44 שטונדיגע ארבייטס וואך און א העכערונג אין שכירות פאר די סקירט קאטערס און שטיק ארבייטער.

אבער די וויכטיגסטע רעפארמע וואס עס איז אונז דא געלונגען צו געווינען, איז נעמליך, דאס, וואס מיר האבען איינגעפיהרט וואך ארבייט אין ארום א העלפט פון אלע קלאוק-שעפער אין באסטאן. ארטיילענדיג פון אונזער ערפאהרונג קאנען מיר זיכער זאגען, דאס עס וועט ניט איבעריג שווער זיין פאר אונז, צום נעקסטען סיזאן איינצופיהרען וואך ארבייט אין גאנצען טרייד, און מיר גרייטען זיך שוין מאקע צו דערפאר.

לאמיר אייך זאגען, פארביינגעהענדיג, דאס מיר האבען א סך אכטונג און שעצען זעהר פיעל אונזער נייע צייטונג, די „גערעכטיגקייט". אלע אונזערע מיטגליעדער, וועלכע האבען דאס גליק צו באקומען די צייטונג רעגעלמעסיג, זיינען מיט דער מיינונג אז דאס איז די בעסטע צייטשריפט וואס די אינטערנעשיאנעל האט ווען עס איז ארויסגעגעבען. מיר אלע דא פיהלען, אז די צייטונג וועט באלד ווערען א שטארקע קראפט, א מעכטיגער וואפען אין קאמף פאר אונזער וואוילזיין!״

צווישען די קלאק מאכער אין מאנטרעאל.

בלויז מיט א צוויי וואכען צוריק האבען מיר געשריבען וועגען דעם פארטשריט וואס עס מאכט די מאנטרעאלער קלאוק מאכער יוניאן, און וועגען די גוטע אויסזיכטען פאר דער צוקונפט. עס איז ווירקליך וואונדערבאר ווי די לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע האט זיך דא אומגעביטען, — פון א פינסטערער פארצווייפלונג צו א האפנונגספולער טעטיגקייט, און ס'איז ווערט צו הערען נאך אמאל וואס די בעאמטע פון יענער יוניאן האבען צו זאגען וועגען דעם.

ברודער דזש. לענטש, דער נייער ארגאנייזער, אין מאנטרעאל, שרייבט:

„ווען איך האב איבערגענומען די ארגאניזאציאנס ארבייט דא אין שטאדט איז, ווי איהר ווייסט, כמעט גאר קיין יוניאן ניט געווען. עס איז, נאטירליך, געווען דא א יוניאן אפיס, אבער א יוניאן מיט מיטגליעדער — דאס ניט! עס זיינען געווען דא בלויז עטליכע מיטגליעדער און אויך זיי פלעגען כסדר טראכטען ווי אזוי איינגאנצען אויפצוגעבען די יוניאן. די לאקאלס האבען ניט געהאט קיין פרעסטיזש און האבען ניט ארויסגערופען ביי קיינעם אירגענד וועלכען רעספעקט.

ווען איך האב מיט א פאר וואכען צוריק אנגעפאנגען ארבייטען פאר דער יוניאן, זיינען די פרייזען אין די מעהרסטע שעפער שוין געווען אפגעשטעלט, און אין מאנכע שעפער האבען די באסעס זיך אין גאנצען אפגעזאגט צו סעטלען פרייזען, און די בעסטע ארבייטער אפילו, האבען נישט געוואוסט וויפיעל זיי האבען פארדיענט, ביז זיי האבען באקומען דעם פיי ענוועלאפ. מיט איין ווארט, די באסעס האבען זיך פארגענומען צו האבען א באזונדערס גוטע צייט, אויפ'ן חשבון פון די ארבייטער. עס האט מיר געשיינט, ווי דער אידעאל פון טרייד יוניאניזם וואלט פאר אייביג אויסגעלאשען געווארען אין אונזער קלאוק אינדוסטריע.

ווי עס זעהט אבער אויס, האבען די באסעס געמאכט דעם חשבון אהן דער אינטערנעשאנאל, די יוניאן וואס האט איצטער צושטערט זייערע באליעבטע „פריעדליכע" חלומות.

מיר האבען זיך צו זיי א נעם געטאן מיט פולער ענערגיע און עס איז אונז געלונגען איבערצושטעלען די פרייזען פאר שטיק ארבייט אין די מעהרסטע שעפער. נאך מעהר, אפילו די וואך ארבייטער האבען באקומען א העכערונג אין שכירות פון 2 ביז 5 דאלאר א וואך אין די מעהרסטע שעפער, און אין איינינגע איז די העכערונג נאך גרעסער.

און די יוניאן האט אזוי נאך ווידער אויפגעלעבט און איז געווארען א מאכט, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען. און מיר זיינען באמת שטאלץ דערויף! ווייל מיר האבען גוט געוואוסט אז אונזער קלאוקמאכער סיטואציע איז געווען דער איינציגער אנגעוועהטאגטער פלאץ אויף דער גאנצער לאנדקארטע פון אונזער אינטערנעשאנאל. און עס איז ביי אונז מעהר ניטא דער מינדעסטער צווייפעל, דאס אונזערע ארבייטער האבען דורך דער [illegible] צייט געלערענט ווי וויכטיג עס איז פאר זיי די יוניאן, אז אהן דער יוניאן קען מען פשוט קיין לעבען ניט מאכען. נאטירליך, מיר זיינען נאך מיט אונזער ארגאניזאציאן ניט אין גאנצען פארטיג; עס איז נאך פאראן גענוג פארבעסערונגען אויסצוקעמפען, אבער דער גייסט וואס הערשט אין אונזערע רייהען בארעכטיגט אונז צו ערווארטען גרויסע זאכען אין דער נאהנטער צוקונפט.

אין די לעצטע פאר וואכען האבען מיר דא געהאט איינינגע „סטאפפעדזשעס" צו באקומען א העכערונג אין שכירות. מיר האבען אויך געהאט סטאפפעדזשעס אין צוויי פון די גרעסטע שעפער אין שטאדט, צוליעב דעם וואס עס איז איינפאך געווען אוממעגליך פאר די ארבייטער צו ארבייטען מיט זייערע פארלייט, און מיר האבען אונזערע אויסגעפיהרט אין ביידע שעפער. איהר קאנט פון דעם זעהן, דאס מיר לאזען ניט דורך קיין געלעגענהייט וואס מאכט זיך אונז.

לאמיך אייך שוין אין איין ווארט אויך זאגען, דאס אונזער איינקונפט האט זיך דורך די לעצטע עטליכע וואכען א סך פארגרעסערט. אלע אונזערע אמאליגע מיטגליעדער קומען צוריק אין דער יוניאן און ווערען גוטשטעהענד. און ווארום זאלען זיי דאס מאקע ניט טאן? די ארבייטער זעהען שוין איין אז דאס איז די בעסטע אינוועסטמענט וואס זיי קאנען מאכען פאר זיך און זייערע פאמיליען.״

ביי די שטיק שניידער און סעמפל מאכער ל. 3

פאר די לעצטע צייט איז אונז פיעלע מאל אויסגעקומען זיך ערנסט צו פארטראכטען איבער די פינאנציעלע לאגע פון אונזער לאקאל. נאך קיינמאל זייט דער לאקאל עקזיסטירט, איז די פינאנציעלע זייט פון אונזער לאקאל ניט געווען אזוי שלעכט ווי פאר איינינגע מאנאטען צוריק. אונזערע מיטגליעדער, א דאנק דעם לעצטען סיזאן, וועלכער איז געווען זעהר א שלעכטער פאר די שטיק שניידער, האבען אבסאלוט קיין דיוס ניט געצאהלט, און מיר האבען אויך קיין פאראיבעל ניט געהאט אויף זיי. מיר האבען געוואוסט דאס זיי קאנען ניט צאהלען.

אבער פאר די לעצטע צוויי מאנאטען זייט דער סיזאן האט זיך אנגעפאנגען, איז די פינאנציעלע לאגע פון דעם לאקאל געווארען אביסעל בעסער. די מיטגליעדער האבען אנגעפאנגען צו באצאהלען זייערע אלטע שולדען נאך פון דעם פארלעצטען סיזאן. מיר נעהמען ערשט איין די דיוס פון אונזערע מיטגליעדער פון דעם סיזאן פון וועלכען זיי האבען ניט געארבייט. ווען זיי קומען באצאהלען בלייבען זיי נאך אימער שולדיג א פאר מאנאטען דיוס. דאס איז גאנץ לייכט צו פארשטעהן, אונזערע מיטגליעדער איז שווער אפצוצאהלען אלעס מיט אמאל.

די לויפענדע אויסגאבען פון דעם לאקאל זיינען אבער געווען דיזעלבע. דערפאר איז אויך לייכט צו פארשטעהן, דאס מיר זיינען געצוואונגען געווען אריינצוגעהן אין א סך חובות. די חובות זיינען אזעלכע דאס מיר ערווארטען ניט אזוי גיך פון זיי ארויסצוקריכען. ווייל ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, קאנען אונזערע מיטגליעדער ניט באצאהלען אלעס מיט אמאל, אז פאר אונז זאל זיין א מעגליכקייט אלע אונזערע חובות צו דעקען באלד. מיר האבען אבער האפנונג, אז אזוי ווי דער איצטיגער סיזאן איז אן אויסערגעוועהנליך גוטער פאר די שטיק-שניידער, וועלען דאס אונזערע מיטגליעדער באלד אויסצאהלען.

די עקזעקוטיוו באארד, צוזאמען מיט דער ארגאניזאציאנס קאמיטע, האט די פינאנציעלע לאגע פון אונזער לאקאל נאך אמאל אויפגענומען. האבענדיג אין זינען די לאגע פון אונזערע מיטגליעדער, דאס זיי קאנען זייערע שולדען ניט באצאהלען מיט אמאל, די חובות וואס מיר האבען — דער לאקאל, און צו דעם אלעס קאן מען זיך מיט קיין האפנונגען ניט רעכענען, ווייל די אונטערשריפט פאר א גאראנטי אויף האפנונגען קאן מען ניט נעמען ערנסט, און איבער אלעס מוז מען דעם לאקאל אויפהאלטען, האט די עקזעקוטיוו באארד באשלאסען דאס די דיוס פון אונזער לאקאל וואס אונזערע מיטגליעדער צאהלען, זאלען געהעכערט ווערען אויף 25 סענט א וואך, אנשטאט 21 סענט, ווי עס איז געווען ביז איצט. דער באשלוס נעהמט אריין אין קראפט דעם 15טען מערץ, 1919. דאס מיינט, דאס פון דעם 15טען פעברואר אן און ווייטער וועט יעדער מיטגליעד און אונזער לאקאל באצאהלען 25 סענט א וואך דיוס, אנשטאט 21 סענט.

די וואס וועלען ביז צו דעם 15טען מערץ ניט באצאהלען זייערע ריקשטענדיגע דיוס, וועלען דארפען אלע ריקשטענדיגע דיוס באצאהלען אויף דעם פרייז פון 25 סענט א וואך. מיטגליעדער געדענקט דאס, און קומט וואס שנעלער באצאהלען אייערע ריקשטענדיגע דיוס, אום שפעטער זאל ניט פארקומען קיינע מיספארשטענדניסע.

צוליעב דעם צוועק רופען מיר א מיטינג פון אונזערע מיטגליעדער דעם 8טען מערץ, 1919, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט, פונקט צוויי א זייגער נאכמיטאג. מיר וועלען דעם מיטינג אויך אדווערטייזען אין די צייטונגען. מיר ווילען אייך זאגען דאס ביי דעם מיטינג וועט די פראגע ניט זיין די איינציגע. מיר האבען גענוג פראגען פאר אייך פארצולייגען. מיר דינגען בעפאר א נייעם אגרימענט מיט אונזערע קלאוק מאנופעקטשורערס, און איבער דעם איז דא פיעל צו דיסקוטירען, און אויבערהויפט פאר אונזער לאקאל. דאס איהר דארפט גאר טאן איז קומען צום מיטינג. וויכטיג און אינטערעסאנט דעם מיטינג צו מאכען — דאס לאזט איבער צו אונז.

* * *

יעדער פון אונזערע מיטגליעדער איז שוין היינט באקאנט דאס די דזשאינט באארד האט באשלאסען צו קאלעקטען א 5-דאלארדיגען סטרייק-טעקס. דער טעקס האט זיך שוין אנגעפאנגען צאהלען, און אין צייט פון די קומענדע 4 וואכען מוז יעדער איינער האבען דעם טעקס באצאהלט. מיטגליעדער פון אונזער לאקאל, זעהט דאס איהר זאלט ניט זיין הינטערשטעליג אין דעם צאהלען פון דעם טעקס. עס איז צוליעב אייער אייגענע טובה. עס איז כמעט ווי זיכער דאס ווען מיר וועלען האבען א סוקסעס מיט דעם קאלעקטען פון טעקס, איז דא א מעגליכקייט צו פארמיידען א סטרייק. מיר מוזען זיך דאס מאל מעסטען מיט די כחות מיט וועלכע די קלאוק מאנופעקטשורערס פארבערייטען זיך.

שטיק-שניידער און סעמפעל מאכער, באצאהלט דעם טעקס און בלייבט א סעמפעל אין דעם באל, אזוי ווי איהר זייט אין אייער פאך.

ד. רובין, סעק.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Sec'y-Treas.; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, February 28, 1919. No. 7.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

איבלען פון שטיק ארבייט אין קלאוק טרייד

פון מאריס זיגמאן

2.

די שטיק-ארבייט סיסטעם איז א קוואל פון אינטריגעס און מאכט מעגליך פאר די באלעבאטים און פארלייטע צו פארביטערען דעם לעבען פון די ארבייטער.

לאמיר פרובירען ערקלערען, ווי אזוי דיזע סיסטעם מאכט דאס מעגליך.

ווי אונז איז שוין באקאנט פון די פאריגע ארטיקלען, איז ניט מעגליך אפצושאצען דעם באשטימטען ווערט פון דער ארבייט פון יעדען גארמענט, אזוי אז עס זאל ניט זיין קיין אונטערשייד פון גארמענט און גארמענט, און אז פאר די ארבייטער אין שאפ זאל ניט זיין קיין חילוק וועלכע שטיק ארבייט מען באקומט אויפצומאכען, אז פאר יעדען גארמענט זאל אן ארבייטער אין דער זעלבער ארבייטסצייט קענען פארדינען ניט מעהר און ניט ווייניגער פון די אנדערע ארבייטער אין שאפ. אויב, נאטירליך, ער איז פונקט אזוי פעהיג, אדער ער זאל פארדינען פראפארציאנעל נאך זיין פעהיגקייט, אין פארגלייך מיט די אנדערע ארבייטער.

מיר זיינען שוין אויך באקאנט מיט דעם פאקט, אז דער פארמאן פון שאפ איז דער וואס צוטיילט די ארבייט צו די ארבייטער. מיר ווילען דא אויך ערקלערען, אז אין א סך פעלע, זיינען די באלעבאטים אליין די, וואס טיילען אוים די ארבייט צו די ארבייטער.

אז אונזערע פרייז קאמיטעס אין די שעפער באשטעהען פון די מעהר אקטיווע און מעהר אינטעליגענטע ארבייטער אין די שעפער, איז אונז אלעמען קלאר, ווייל ווי קען דאס זיין אנדערש? אלזא, ווען די פרייז קאמיטע סעטעלט די פרייזען מיט דעם באס, פארמאן, אדער מיט ביידע, קוסט דער פרייז קאמיטע אוים צו קומען אין שטארקען קאנפליקט מיט זיי, צוליעב דעם, וואס זיי ווילען ארויסקריגען א בעסערען פרייז פאר דער ארבייט.

דעם באס און דעם פארמאן פארדריסט גאנץ שטארק אויף דער אויסגעהאלטענקייט פון דער פרייז קאמיטע, און די פארצייכענען ביי זיך גוט אין מח, זא צו זאגען, די לידערס פון דער קאמיטע. זיי האבען שוין דערביי אויך אין זינען די אנדערע אקטיווע ארבייטער אין דעם שאפ מיט וועמען די פרייז קאמיטע באראט זיך גאנץ אפט דורך דער צייט פון דעם סעטלען פון די פרייזען, און וועמען זיי באטראכטען אויך פאר די שולדיגע אין ארויסקריגען א בעסערען פרייז פאר דער ארבייט. דער באס און דער פארמאן זיינען פאראינטערעסירט זיך אפצורעכענען מיט די ארבייטער, וואס האבען זיך איינגעשטעלט פאר א בעסערען פרייז, און זיי פיהרען דעם טייפלישען פלאן דורך.

איידער איך וועל ערקלערען אויף וואס פאר אן אופן דאס ווערט געטאן, וויל איך ארויסברענגען נאך א וויכטיגען פונקט, וואס העלפט דעם באס און דעם פארמאן דורכצופיהרען די אינטריגעס געגען די בעסערע יוניאן לייט אין שאפ.

אין טרייד איז דא אזעלכעס, ווי גרויסע און קלענערע באנדלעס, באנדלעך פון איין קאליר און באנדלעך פון א סך קאלירען. עס זיינען אויך פאראן סינגעל גארמענטס פון פארשיעדענע קאלירען און פארשיעדענע סטיילס. אט דורך דיזער אונגלייכהייט פון די פרייזען און פארשיעדענארטיגקייט פון די סטיילס, קאלירען און באנדלעס איז מעגליך פאר די באלעבאטים און פארלייטע צו באשטראפען, צו נעמען נקמה אין די ארבייטער, וועלכע זיי קענען אלס גוטע און געטרייע יוניאן לייט.

און וואס באשטעהען די אינטריגעס? לאמיר דאס ערקלערען.

ווען אן אפערייטאר, לאמיר זאגען, באקומט א באנדעל ארבייט פון 5 אדער 10 גארמענטס פון איין קאליר ווארע, מאכט דאס, אז ער קען פארדינען מעהר. ווען דערזעלבער ארבייטער באקומט צעהן באזונדערע, דאס הייסט איינציגע גארמענטס, מעגען זיי אפילו זיין פון איין און דעמזעלבען קאליר, וועט ער זיכער פארדינען פיעל ווייניגער, כאטש זיי זיינען פון דעם זעלבען סטייל, פון דעם זעלבען קאליר ווארע, און פון דעם זעלבען פרייז פאר דער ארבייט ווי דער באנדעל פון די צעהן גארמענטס צוזאמען. עס איז דעריבער זיך לייכט פארצושטעלען, אז ווען אן ארבייטער באקומט פינף, אדער צעהן, איינצעלנע גארמענטס, סינגעלס פון פארשיעדענע קאלירען און באזונדערע סטיילס, אז דאס מיינט איינפאך, אז דער ארבייטער איז אוועקגעשטעלט געווארען אין אזא לאגע, דאס ער זאל ניט זיין אימשטאנד צו פארדינען אויף א לעבען צו מאכען. ווייל אויפצוארבייטען די איינציגע גארמענטס נעמט צוויי מאל אזוי פיעל צייט, ווי איין באנדעל פון צעהן גארמענטס פון איין קאליר.

אלזא, ווען א באס, אדער פארמאן, וויל זיך אפרעכענען מיט די בעסערע יוניאן לייט, פארזארגט מען זיי מיט דיזע איינציגע גארמענטס פון פארשיעדענע קאלירען און סטיילס, מען רופט דאס אביסעל מעהר פארטיקולארע ארבייט, און מען שרייבט דאס צו דערצו, אז מען גיט דיזע גארמענטס דיזע ארבייטער ווייל זיי זיינען, זא צו זאגען, די בעסערע מעכאניקער.

ריכטיג געהאנדעלט, וואלט דער סארט ארבייט געדארפט צוטיילט ווערען אזוי, אז יעדער ארבייטער אין שאפ זאל באקומען א גלייכען טייל פון די גרויסע באנדלעס, פון איין קאליר און אויך פון די מעהרערע קאלירען, און די איינציגע גארמענטס, די סינגעלס, פון די פארשיעדענע קאלירען, און פארשיעדענע סטיילס. דאס ווערט אבער ניט געטאן, און בלויז די איינציגע פון די ארבייטער ווערט געגעבען די סינגעל גארמענטס, אונטער פארשיעדענע פרעטענזיעס פון דעם באס אדער פארמאן; טרייבט דאס צו פארצווייפלונג און אונערטרעגליכע ליידען.

עס זיינען דא אנדערע באלעבאטים און פארלייט, וואס טוען פונקט דעם היפוך. זיי טיילען צו די בעסערע ארבייט און גרעסערע באנדלעס צו די אקטיווערע יוניאן לייט אין דעם שאפ, דערמיט טרייען זיי צו דיסקרעדיטירען די בעסערע יוניאן לייט און אריינברענגען סיכסוכים צווישען די ארבייטער. זייער ציעל איז צו שאפען א געגנערשאפט ביי די ארבייטער געגען די ווארטפיהרער אין דעם שאפ.

די יוניאן האט אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטלען דיזע אינטריגעס פון די באסעס אפצושאפען, און א דאנק דעם טאקט איז דיזער איבעל ניט אוועק צום עקסטרים, אבער טראץ דעם איז דער איבעל ניט אפגעשאפט געווארען. די שטיק-ארבייט סיסטעם מאכט איהם מעגליך, און די שטארקסטע יוניאן וועט דאס ניט קענען אויסראטען, ווייל די סיסטעם גיט די מעגליכקייט דעם באלאבאס אויסצונוצען דאס געגען די ארבייטער.

לאמיר דא ברענגען א ביישפיעל:

אין יעדען שאפ ווערט געמאכט ביליגערע און טייערע ארבייט. ארבייט וואס ווערט געמאכט פון בעסערע סחורה און ווערט פארקויפט פאר א העכערען פרייז, און ארבייט וואס ווערט געמאכט פון ביליגערע ווארע, און ווערט פארקויפט נאטירליך פאר א ביליגערען פרייז. די ארבייט וואס ווערט געמאכט פון בעסערע סחורה, ווערט געמאכט אין קלענערע קוואנטיטעטען, און קומט אויך אריין אין קלענערע באנדלעס און אין סינגעלס. אלזא, ווען עס קומט צו דער פראגע פון צוטיילען די ארבייט גלייך, ווי מיר האבען פריהער ערקלערט, ענטפערט דער באלעבאס גאנץ אונשולדיג: וועל, דיזע לייטע זיינען די בעסערע מעכאניקס און איך האב א רעכט זיי צו געבען די בעסערע ארבייט. צו זיי האב איך דעם צוטרוי אז זיי וועלען די ארבייט מאכען ריכטיג, און אויב זיי פארדינען ניט גאר גרויסע ווייזשעס, איז דאס דערפאר וואס זיי זיינען טאקע גוטע אבער לאנגזאמע מעכאניקס. די פרייזען זיינען געסעטעלט כשר, מיט דער זעלבער פרייז קאמיטע, און עס איז ניטא קיין אורזאכע, ווארום זיי זאלען ניט מאכען די ארבייט.

די יוניאן קען דאס אבער ניט פארלירען, און דער סוף איז, א סטרייקעל, אפגעסטרייקט און געוואונען, אבער דער איבעל איז אלץ פאראנען. ווייל ווען עס ווערט נאר אביסעל שטילער אין דער ארבייט, און דער באס האט זיך שוין פארגעסען אן דעם סטרייק, וואס די יוניאן האט צוליעב דעם געגען איהם אנגעפיהרט, פאנגט ער אן ווידער אסאך דיזעלבע מאנעווערס.

אונטער דעם וואכען-סיסטעם וועלען די באלעבאטים ניט האבען די מעגליכקייטען פאר קיינע אינטריגעס, און [illegible] וועט זיך דאס זיי ניט לוינען. זיי וועלען דערפון גאר ניט קענען פראפיטירען, פארקעהרט, עס וועט זיין בעסער פאר זיי, ווען די ארבייטער אין זייער שאפ וועלען זיין גוט געשטימט.

די ארבייטער ווידער וועלען וויסען, אז זייער סקייל פון ווייזשעס איז אנגעסעטעלט און די איינציגע אויפמערקזאמקייט וואס זיי האבען פאר זיך אין דעם שאפ, איז אויסמאכען אן עהרליכען טאג ארבייט און מאכען די ארבייט גוט. גרויסע און קליינע באנדלעס, קאלירטע אדער גלייך קאלירטע ארבייט, איינציגע גארמענטס אדער גרויסע באנדלעס, דאס אלעס וועט מעהר די ארבייטער ניט קימערען און זיי וועלען ניט דארפען ליידען קיין שיקאנען פון אזא פארפוילטע סיסטעם ווי די יעצטיגע.

דער סטרייק פאנד פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן

אין דער געשיכטע פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן האט נאך ניט פאסירט, אז ווען עפעס א גרויסע זאך ווערט אונטערנומען, זאל דאס ניט דורכגעפיהרט ווערען מיט ערפאלג. דאס זעלבע קען מען שוין זאגען וועגען דעם ספעציעלען סטרייק-פאנד, וואס די יוניאן האט זיך לעצטענס אונטערנומען צו שאפען.

אזוי גיך ווי דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סקירט און רעפער מאכערס יוניאן האט באשלאסען צו באשאפען א ריזיגען סטרייק פאנד און עס איז ארויסגעלעגט געווארען א טעקס פון 5 דאלאר אויף יעדען מיטגליעד, מאן אדער פרוי, פון אלע לאקאל-יוניאנס, וואס שטעלען צוזאמען דעם דזשאינט באארד, און אזוי גיך ווי אלע דיזע לאקאל יוניאנס האבען דעם באשלוס גוטגעהייסען, האט זיך גלייך אנגעפאנגען אין דער יוניאן א פיעבערהאפטע טעטיגקייט דעם באשלוס דורכצופיהרען אין לעבען, און דאס ווערט געטאן גאר אויף א גרויסען שטייגער. די ארבייט איז שוין איצט אין פולען גאנג. עס איז באשלאסען געווארען צו געבען שעהנע סאוועניר אלס א ווערטפולען אנדענקען צו אלע שאפ-טשערליים פון די קלאוק-שעפער, וואס צייכענען זיך אוים אין דער ארבייט פון קאלעקטען דעם טעקס און אויך יעדער מיטגליעד וואס באצאהלט איין דעם טעקס באקומט א שעהנעם באדזש, א פרעזענט פון דער יוניאן, וואס ווייזט אן אויף זיין לאיאליטעט צו דער ארגאניזאציאן. יעדער לאיאלער מיטגליעד פון דער יוניאן דארף טראגען דעם באדזש, וואס ווייזט אז ער איז איינער פון דער גרויסער קלאוקמאכער ארמעע, וועלכע מאביליזירט זיך צו א גרויסען קאמפ פאר די פאדערונגען פון דער יוניאן, וואס וועלען קירצליך ארויסגעשטעלט ווערען צו די קלאוק-מאנופעקטשורערס.

נעקסטע וואך פאנגען מיר אן דרוקען אין דער „גערעכטיגקייט" דעם „ראל אוו האנאר", די עהרען-ליסט פון די קלאוק-שעפער, וואס האבען שוין איינגעצאהלט זייער טעקס צום סטרייק-פאנד. ווי מען גיט אונז איבער, נעהמט פשוט אן א „רייס" צווישען די קלאוק-שעפער, וועלכע פון זיי עס זאלען ארויסקומען אויף דער עהרען-ליסט די ערשטע — וועלכע פון זיי עס זאלען די ערשטע פארשריבען ווערען אין דער געשיכטע אלס שעפער „הונדערט פראצענט יוניאן.״

ששון ושמחה ביי די טשילדרענס דרעס מייקערס

דער סטרייק אין דעם טשילדרען דרעס טרייד איז שוין כמעט ווי געענדיגט. בלויז א קליינע צאהל ארבייטער פון די קלענערע שעפער זיינען נאך אין סטרייק. די גרויסע צאהל טשילדרען דרעס-מאכער זיינען שוין צוריק ביי דער ארבייט, האבענדיג געוואונען אלע פאדערונגען פון דער יוניאן — א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, א העכערונג אין שכירות און א גרעסערע און מעכטיגערע יוניאן!

אין דער וואך צייט, וואס דער סטרייק אין דעם טרייד האט אנגעהאלטען, האט די טשילדרען דרעסמאכער יוניאן צוגעקראגען איבער פופצעהן הונדערט נייע מיטגליעדער! עס זיינען ארגאניזירט געווארען שעפער אין דעם טרייד, צו וועלכע מען האט פריהער קיין מאל גאר אפילו ניט געקענט צוקומען.

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין פון פריהער, האט פרעזידענט שלעזינגער, צוזאמען מיט די בעאמטע פון טשילדרען דרעסמאכער יוניאן לאקאל 50, אפגעהאלטען א דייקע קאנפערענץ מיט די בעלי בתים פון דער אסס'ן אין דעם טרייד. דיזע בעלי בתים האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין פאלשטענדיגע ביזנעס-לייט, און עס איז געלונגען ברודער שלעזינגער פאר זיי גאנץ קלאר צו מאכען, דאס זיי וועלען גאר ניט קענען אפדינגען פון די גערעכטע פאדערונגען, וואס די יוניאן האט זיי ארויסגעשטעלט.

אלזא, די מייסטע און וויכטיגסטע בעלי בתים פון דער אסס'ן האבען איינגעזעהן די ווירקליכע לאגע און האבען נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן נאך איידער דער סטרייק האט אויסגעבראכען. אבער אלע שעפער זיינען דאך אפגעשטעלט געווארען, כדי בעסער צו ארגאניזירען די גאנצע אינדוסטריע.

און די רעזולטאטען זיינען גלענצענדע. פרעזידענט גרינבערג, דער זעהר ענערגישער מענעדזשער פון דער יוניאן, איז ממש אין זיבעטען הימעל! און דאסזעלביגע איז אויך דער גאנצער עקזעקוטיוו באארד פון דעם לאקאל.

העכסט באגייסטערט פאר דעם רעזולטאט פון דעם קורצען סטרייק זיינען אויך די אנדערע בעאמטע פון דער יוניאן, די ברידער מ. סירוטא, לואיס [illegible] און ה. גרינפעלד. זיי האבען [illegible] געהאלפען צום גרויסען ערפאלג.

לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

פון א סטעף רעפארטער.

איך האב ווידער געמאכט א שפאציר איבער די אפיסעס פון דעם דזשאינט באארד פון דער וואונדערבארער קלאוקמאכער יוניאן און איך קאן זאגען אז עס איז ווירקליך א פארגעניגען צו באטראכטען ווי סיסטעמאטיש און צוועקמעסיג די ארבייט געהט צו אין אלע די אפיסעס.

יעדער בעאמטער איז אין זיין פלאץ און אלעס ארבייט פינקטליך און הארמאניש.

אין אפיס פון פראטעקטיוו דיוויזשאן

לאמיר קודם כל ווארפען א בליק אויף דער טעטיגקייט אין דעם אפיס וואס איז באקאנט אלס „פראטעקטיוו דיוויזשאן"; דאס איז דער אפיס וואס קאנטראלירט די אסס'ן שעפער, וועלכער שטעהט אונטער'ן אויפזיכט פון ברודער מאקס פינקעלשטיין.

ווי דער מענעדזשער פון דעם אפיס גיט מיר איבער, איז די לעצטע פאר וואכען דארט אטענדעט געווארען א 200 „קאמפליינטס" פון א פארשידענארטיגען כאראקטער. איך וועל דא איבערגעבען בלויז יענע „קאמפליינטס" פון א מעהר אדער ווייניגער אלגעמיינעם כאראקטער.

נעהמט, למשל, אזא פאל:

די פירמע מעכלאוויטש און סאנס האט זיך לעצטענס געמאכט א מאדע צו באהאנדלען די ארבייטער ניט ווי עס באדארף צו זיין. מיט א שטיקעל צייט צוריק האט די פירמע אריינגערופען צו זיך אין אפיס דעם שאפ-טשערמאן און די פרייז קאמיטע און מען האט זיך גענומען סעטלען פרייזען. מען האט זיך, ווי געוועהנליך, גענומען דינגען און דערביי איז איינער פון די בעלי בתים אזוי בייז געווארען, דאס ער האט זיך פארגעסען וואו ער איז אין דער וועלט. ער האט געמיינט, אז ער לעבט נאך אין יענע „גוטע, אלטע צייטען" פון בעפאר דער קלאוק מאכער רעוואלוציע אין יאהר 1910, ווען דער קלאוקמאכער אין שאפ איז געווען הפקר צום קאפריז פון באס, און ער האט זיך פשוט א ווארף געטאן שלאגען דעם שאפ-טשערמען.

די ארבייטער פון דעם שאפ האבען טאמענטאן אפגעשטעלט די ארבייט און עס האט ניט פיעל גענומען צו דערמאנען דעם בעל הבית אז די קלאוקמאכער זיינען ארגאניזירט און מען קאן מיט זיי מעהר אזוי ניט האנדלען. די פירמע האט נעבעך געמוזט איינשטימען זיך צו ענטשולדיגען פאר דער יוניאן און האט אויך געמוזט באצאהלען א געוויסען שטראף פאר'ן אנגריף אויף דעם שאפ טשערמאן. די פירמע וועט שוין איצט בעסער געדענקען אז עס איז דא ווער עס זאל זיך אננעהמען פאר'ן קלאוקמאכער אין שאפ, אז ער האט א שטארקע יוניאן און וועט שוין זיכער ווייטער זיך קאנטראלירען און זיך בעסער באנעהמען אין די האנדלונגען מיט איהרע ארבייטער.

און איצט קומען מיר צו א פאל, וואס די ארבייטער זיינען שולדיג אפשר מעהר ווי די פירמע.

ביי דער פירמע ה. רובין האבען די פרעסער ניט באקומען זייערע שכירות לויט דעם יוניאן סקייל. די פירמע האט עס אזוי צוגעפיקסט מען זאל זיך ניט קאנען כאפען. אין די ביכער איז פארשריבען געווארען די ריכטיגע שכירות און די פרעסער האבען דאס אויך באקומען אין זייערע „ענוועלאפס". מעהר ניט, שפעטער האבען די נארישע פרעסער צוריקגעגעבען דער פירמע עטליכע דאלאר.

דאס איז אנגעגאנגען אין דעם שאפ א היבשע צייט. ענדליך אבער איז ארויסגעקומען א סכסוך צווישען די פרעסער און דער פירמע און די פרעסער זיינען אפגעזאגט געווארען פון דער ארבייט. הפנים, די פירמע האט זיך געטראכט, אז זי וועט מסתמא געפינען נאך אזעלכע פערדישע פרעסער וואס וועלען ניט וועלען נעמען אזוי פיעל געלט וויפיעל עס קומט זיי, לויט דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. דערווייל אבער האבען יענע פרעסער אויסגעזאגט פון תרה. זיי האבען אונטערשריבען געשוואוירענע אפידייוויטס אז זיי האבען ניט באקומען דעם יוניאן סקייל, און די זאך איז אויפגענומען געווארען מיט דער באסעס אסאסיאיישאן. דער רעזולטאט איז געווען, דאס די פירמע האט נעבעך געמוזט דערצאהלען די פרעסער פיער הונדערט דאלאר אלס „בעק פעי".

ער פארשטעהט זיך, דאס די יוניאן האט דא געהאנדעלט מיט די ארבייטער לפני משורת הדין, זיי האבען אפגענארט זייער אייגען יוניאן און האבען ניט פארדינט מען זאל זיך פאר זיי אננעהמען. אבער ווי זאגט מען דאס, זאל בעסער אונזערס איבערגעהן. ערשטענס, וועט דאס זיין אגוטער לעסאן פאר דער פירמע מעהר ניט צו מאכען מיט ארבייטער אזעלכע „מאנקי ביזנעס", און צווייטענס, וועט עס אפשר אויך ווירקען אויף דיזע נארישע פרעסערס ווייטער קליגער צו זיין און ניט ארבייטען אונטער'ן יוניאן סקייל. ווארום ווען עס גיט זיך ניט איין דער יוניאן אויפצומאהנען פאר זיי דאס געלט, וואלטען זיי דאך האבען באשווינדעלט זיך אליין א סך מעהר ווי די יוניאן. דאס וועט אפשר ענדליך עפענען זייערע מחות מעהר ניט צו זיין אזוי נאריש.

און אט איז נאך אן אינטערעסאנטער פאל:

די ארבייטער פון דעם אינסייד שאפ פון דער פירמע י. ל. מייער, האבען זיך באקלאגט, אז די פירמע שיקט כסדר ערגעץ ארויס די ארבייט און זיי זיצען אין שאפ און פארדינען ניט גענוג צו האבען פון וואס צו לעבען. „מיר האבען — זאגט ברודער מאקס פינקעלשטיין — עטליכע מאל געבראכט קלאגען געגען דער פירמע צו דער פראטעקטיוו אסס'ן, עס האט אבער ווייניג וואס געהאלפען, די פירמע האט געלאזען הונגערען די ארבייטער פון אינסייד שאפ, און מיר האבען דיעזע פירמע דערקלערט אין סטרייק".

קורץ, עס האט ניט פיעל גענומען און עס האט זיך אנגעהויבען פארהאנדלונגען צווישען די יוניאן און דער פירמע וועגען א שלום. מר. סאועל זינגער, דער פרעזידענט פון דער פראטעקטיוו אסס'ן, האט זיך אליין אריינגעמישט, אום אויסצוגלייכען דעם סכסוך, און מען מעג ערווארטען דאס די פירמע וועט שוין מעהר אזוי ניט האנדלען.

און אזעלכע און עהנליכע טראבעלס זיינען נאך געווען א סך. דער פלאץ ערלויבט אונז ניט זיי דא אלע איבערצוגעבען. און צו וואס איז דאס נויטיג? שוין די פאר פעלע, וואס מיר האבען דא געבראכט, איז גאנץ גענוג צו אילוסטרירען די גוטע ארבייט אין דעם אפיס.

לאמיר נאך צום שלום זאגען, דאס דער אפיס האט דורך די לעצטע עטליכע וואכען רעוואידירט כמעט יעדען שאפ אין דעם דיסטריקט. מיט די שעפער זיינען אפגעהאלטען געווארען מיטינגען, עס זיינען ערוועהלט געווארען שאפ טשערלייטע און פרייז קאמיטעס און אז. וו. איבער צוויי הונדערט אזעלכע שאפ מיטינגען זיינען איינגערופען געווארען בלויז אין די לעצטע פאר וואכען. דאס איז ווירקליך א שעהנער רעקארד פאר דעם אפיס פון גוטער יוניאן ארבייט.

אין דאון-טאון אפיס.

לאמיר איצט כאפען א קוק אין דעם דאון-טאון אפיס פון דזשאינט באארד, וועלכער איז אונטער דער אויפזיכט פון ברודער ס. סאפין.

דער אפיס, ווי מיר האבען שוין אמאל אנגעוויזען, האט מעהרסטענס צו טאן מיט די קלענערע שאפעס פון די סאב-מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס און עס פעהלט ניט דעם אפיס קיין טראבעל. וואדרום די קליינע שאפעס גיבען דעם אפיס מעהר טראבעל ווי די גרויסע שעפער.

לויט דעם באריכט פון דעם מענעדזשער, ברודער ס. סאפין, איז אין די לעצטע צוויי וואכען אין דעם אפיס אטענדעט געווארען 140 פארשידענע קאמפליינטס, און עס זיינען א חוץ דעם געמאכט געווארען 126 אלגעמיינע שאפ-קאנטראלס.

איבערקוקענדיג די לאנגע ליסט פון קאמפליינטס אין דעם אפיס, ווארפט זיך אממייסטען אין די אויגען דער קאמפף וואס דער אפיס האט צו פיהרען געגען דער פעסט, וואס האט זיך די לעצטע פאר יאהר פארשפרייט אין קלאוק טרייד, אונטער דעם נאמען „קאאפעריישאן שאפ."

דער נאמען „קאאפעריישאן שאפ" קלינגט גאנץ שעהן; עס שמעקט מיט פראגרעס... אין דער אמת'ן אבער איז דאס א פאסקודנע ערשיינונג, א געפעהרליכע אנשיקעניש אויפ'ן טרייד און אויף דער יוניאן.

דער זאגענאנטער „קאאפעריישאן שאפ" אין קלאוקס טרייד איז דער ערגסטער סארט סוועט שאפ, וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען. עס נעהמען זיך צוזאמען עטליכע ארבייטער און מאכען אין דער שטיל א געשעפטעל; זיי דינגען אן נאך עטליכע ארבייטער און מען פאנג אן צו „רייבען די גיים". דאס מיינט, ארבייטען טאג און נאכט, זונטאג און שבת און ווען נור עס לאזט זיך. אין אזא שאפ זיינען געוועהנליך א פאר בעלי בתים, וואס פארשטעלען זיך פאר ארבייטער, אין דער פרייז קאמיטע און זיי זעהען שוין אז די פרייזען זאלען דארט זיין וואס קלענערע... דיעזע שעפער דריקען אזוי נאך ארונטער די פרייזען און שאפען א קאנקורענץ אין טרייד. זיי זיינען אן אמת'ער פעסט אין דער קלאוק אינדוסטריע.

אלזא, דיעזע צרה'דיגע „קארפאריישאן" שעפער געפינען זיך דאס רוב אין דעם דיסטריקט וואס ווערט קאנטראלירט פון דעם דאון-טאון אפיס און ווי דער מענעדזשער, ברודער סאפין, גיט מיר איבער, בעדארף דער אפיס כסדר פיהרען א קאמפף געגען דעם גרויסען איבעל און דאס פארשלינגט א מאסע ענערגיע. פיעלע אזעלכע שעפער ווערען ארויסגעטריבען, זיי מוזען זיך פארמאכען. עס קומען אבער באלד אויף אנדערע און דער קאמפף געגען זיי איז דעריבער געווארען א „קאנטיניוס פערפארמענס", עס ענדיגט זיך קיינמאל ניט.

און דער אפיס טוט אויף אין דער הינזיכט א סך גוטע ארבייט, מ'קען, אמת, יענע שעפער, ניט איינגאנצען אויסראטען מיט אמאל, זיי ווערען אבער דאך געהאלטען אין צוויק און זיי קאנען זיך ניט אזוי אויסשפרייטען, ווי דאס וואלט זיכער געווען דער פאל, ווען די יוניאן וואלט ניט אנפיהרען געגען זיי אט דעם ביטערען קאמפף.

אלזא, דער קאמפף געגען דיעזע „קאאפעריישאן" שעפער איז דער הויפט פיטשור אין רעפארט פון דעם דאון-טאון אפיס אין די לעצטע פאר וואכען.

נעקסט צו דעם קומט ווידער די פראגע וועגען ארויפשטעלען אין די שעפער יוניאן קאטערס. אבער וועגען דעם האבען מיר שוין גערעדט אויספיהרליך אין א פריהערדיגען איבערבליק, וועגען דער טעטיגקייט אין דעם אפיס.

ווייטער איז צו זעהען, דאס אין די לעצטע פאר וואכען איז דורך דער באמיהונג פון דעם אפיס אין איינינע שעפער איינגעפיהרט געווארען וואך-ארבייט, מיט א גאנץ פיינעם וויידזש סקייל.

פאר וויידזשעס און „בעק פעי" איז דורך דעם אפיס קאלעקטירט געווארען $121.60. פאר סעקיוריטיס פון מאנופעקטשורער, אלס א פארזיכערונג אז זיי וועלען נאכקומען דער יוניאנס באדינגונגען, איז דורך דעם אפיס לעצטענס אריינגעקומען 1,000.50 דאלאר. צוזאמען, אלזא, 222.10 דאלאר.

ווי עס איז צו זעהן, ווערט אויך אין דעם אפיס געטאן א סך גוטע יוניאן ארבייט, וואס ברענגט א סך נוצען אי דער יוניאן, אי די ארבייטער אין די שעפער.

אין סקוירט און דרעס דעפארטמענט

איצטער קומען מיר צום סקוירט און דרעס דעפארטמענט.

דער אפיס פון סקוירט און דרעס דעפארטמענט איז נאר באזונדערס „ביזי" געווארען די לעצטע פאר וואכען.

ווי ברודער מאררים ווינער, דער מענעדזשער פון דעם דעפארטמענט, גיט מיר איבער, איז די הויפט ביזי באשטאנען אין דעם וואס אין פיעלע סקוירט שעפער, וועלכע זיין דעפארטמענט קאנטראלירט, ווערען אויך געמאכט דרעסעס, און דיעזע שעפער זיינען ארונטערגענומען געווארען אין סטרייק, צוזאמען מיט די ווייסט און דרעס-שעפער פון לאקאל 25. און באלד טאקע האבען אין יענע שעפער זיך אנגעהויבען סעטלמענטס, און דאס איז, פארשטעהט זיך, ניט קיין גאר לייכטע זאך. ווייל טראץ דעם וואס יענע דרעס שעפער זיינען אונטער דער יוריסדיקציע פון לאקאל 23, וועלכער איז א טייל פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, האט מען אבער אין די דרעס שעפער געדארפט סעטלען דעם סטרייק לויט די פאדערונגען פון לאקאל 25, אויף דעם באזיס פון א 44-שטונדיגער ארבייטס-וואך און אזוי ווייטער. און דאס, נאטירליך, איז ניט אזוי לייכט אנגעקומען.

אבער לייכט צו ניט לייכט, די זאך איז געטאן געווארען; און טאקע גוט אויך. דורך די לעצטע פאר וואכען זיינען געמאכט געווארען סעטלמענטס אין 141 אזעלכע שעפער און די ארבייטער זיינען צוריקגעגאנגען ארבייטען אונטער די באדינגונגען וואס דער נייער אגרימענט פון לאקאל 25 שרייבט פאר. און דאס איז, פארשטעהט זיך, א גאנץ פיינער אויפטו.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. צוליעב די דרעסשעפער איז חלילה ניט פארנאכלעסיגט געווארען די אנדערע, געוועהנליכע ארבייט אין דעם אפיס. אלע שעפער, וואס שטעהען אונטער דעם קאנטראל פון דעם אפיס, זיינען קאנטראלירט געווארען ווי אימער, און עס זיינען אויך אטענדעט געווארען אלע קאמפליינטס וואס זיינען דורך דער צייט אין דעם אפיס געמאכט געווארען. עס זיינען געסעטעלט געווארען פרייזען, עס זיינען אטענדעט געווארען „דיסטשארדזש קייסעס"; עס איז קאלעקטעט געווארען „בעק פעי", קורץ עס איז געטאן געווארען אלעס וואס האט געדארפט געטאן ווערען, אויסער יענער גרויסער עקסטרא ארבייט.

ווי איהר זעהט, אלזא, איז גאנץ לעבעדיג אין יעדען אפיס פון דזשאינט באארד. וואו מען ווארפט נאר א בליק, מערקט מען גלייך, ווי רעגולאר עס ארבייט די מאשינערי פון דער וואונדערבארער קלאוקמאכער יוניאן.

דער אינדעפענדענט דיוויזשאן.

מיר האבען אויך באזוכט דעם אפיס פון די אינדעפענדענט דיוויזשאן וואס שטעהט אונטער'ן אויפזיכט פון ברודער סאול מעץ, און אויך דארטען נעהט אן די יוניאן ארבייט מיט דער זעלבער לעבעדיגקייט.

מיר וועלען אבער דעם מאל וועגען דעם אפיס ניט שרייבען. ברודער מעץ, דער מענעדזשער פון דעם אפיס, האט אונז איבערגעגעבען א היבשען רעפארט, וועגען דער טעטיגקייט אין דעם אפיס אין די לעצטע עטליכע וואכען, און וועלכען עס זיינען דא איינינע אינטערעסאנטע און גאנץ נייע שטריכען. מיר וועלען, אלזא, דעם רעפארט, מיט איינינע קאמענטארען, דרוקען נעקסטע וואך.

אין דער גאנצעקייט אין הערשט איצט שלום ושמחה!

די אונטערשטע שורה, ווי ברודער גרינבערג גיט אונז איבער, איז די:

דעם מאנטאג אין דער פרית זיינען די ארבייטער פון אלע אסס'ן שעפער אין טרייד שוין געווען צוריק ביי דער ארבייט.

ביז מיטוואך מיטאג-צייט זיינען שוין אויך געווען אפגעסעטעלט איבער 60 פראצענט פון די אינדעפענדענט שעפער און ארום און ארום האט די יוניאן צוגעטראגען איבער 15 הונדערט נייע מיטגליעדער.

בראוואָ, טשילדרען דרעסמאכער!

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס

אויפמערקזאם:

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען-פון נייע מעמבערס זאלען צוגעשיקט ווערען צום רעקארד-דעפארטמענט אויף די ספעציעלע סליפס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אנגעבען זיין געוועזענעם אלטען אדרעס. דאס איז נויטיג כדי' צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט פאר אייך און פאר אונז און אויך כדי צו האבען א בעסערען קאנטראל איבער אונזער מיילינג-ליסט.

עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

איינדריקע פון דער מוני קאנווענשאן אין שיקאגא

פון ישראל פיינבערג.

איידער איך געה איבערגעבען מיינע איינדריקע פון דער קאנווענשאן, וועלכע האט שטאטגעפונדען אין שיקאגא וועגען דער באפרייאונג פון טאמאס מוני און ווארען ק. בילינגס, וויל איך בעטען אום ענטשולדיגונג ביי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט", וואס איך האב זיך אביסעל פארשפעטיגט. עס איז פשוט דערפאר, ווייל איך האב קיין צייט ניט געהאט. איהר ווייסט דאך, איך בין זעהר ביזי.

און יעצט צום ענין.

איך דענק ניט, דאס עס איז נויטיג איבערצודערצעהלען די גאנצע קייס, ווייל וועגען איהר ווייסען די לעזער זעהר גוט. טראכט איהר זיך אריין אין דיעזען שוידערליכען אנגריף, וועלכען די פינסטערע כחות פון לאנד האבען געמאכט אויף דעם ארבייטער-קלאס פון אמעריקא, א פארברעכען, וועלכער האט ניט זיין גלייכען אפילו אין די שוידערליכקייטען פון די פינסטערע צייטען פון רוסלאנד, פארשטעהט איהר זעהר גוט, ווארום אלע ארבייטער, קאנסערוואטיווע ווי ראדיקאלע, זאלען זיין פאראינטערעסירט אין דעם.

זעהר ריכטיג האט געזאגט בוירק קאקרען, דער לאייער פאר די ארעסטירטע, דאס אזוי לאנג ווי די ארעסטירטע וועלען ניט קריגען א נייעם טרייעל, וועלען אלע זיין איבערצייגט, דאס א פארברעכען איז באגאנגען געווארען געגען די עלעמענטארסטע פרינציפען פון גערעכטיגקייט.

ווען דיעזע ווערטער זיינען ארויסגעזאגט געווארען, האט איהר געקענט זעהן, דאס די הונדערטע דעלעגאטען, וועלכע זיינען פארזאמעלט אין דעם גרויסען זאל, פיהלען די פאראנטווארטליכקייט פון דיעזען מאמענט, און אז זיי טארען ניט און וועלען ניט שווייגען פאר דיעזען פארברעכען.

איך ווייס, אז א סך מענשען שטעלען זיך פאר, אז דאס גאנצע איז בלויז אן אויסדרוק פון פערזענליכער ליעבע צו דעם מאן אדער מענער, וועלכע ווערען יעצט באטראכט אלס די מארטירער פון א שרעקליכער פארשווערונג. די וואס האבען אזוי געדענקט, אדער דענקען נאך איצט אזוי, האבען א טעות. דער אמת איז, אז דאס איז אן אויסדרוק פון פראטעסט געגען דער יעצטיגער געזעלשאפט, וועלכע מאכט מעגליך, אז אזעלכע פארברעכענס זאלען באגאנגען ווערען.

אין דיעזען מאמענט האב איך ווירקליך געזעהן, דאס די מאסע דעלעגאטען, וועלכע פארטרעטען מיליאנען מיטגלידער פון דער אמעריקאנער ארבייטער-באוועגונג, זיינען ווייט ניט אזוי קאנסערוואטיוו, ווי מיר שטעלען זיי זיך פאר. ריידענדיג וועגען קאנסערוואטיזם, וויל איך אייך זאגען, דאס מיר שיינט, דאס מיר האבען איבערהויפט זעהר שטארק איבערטריבען דעם קאנסערוואטיזם פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. מיר האבען געמאסטען איהר באוואוסטזיניגקייט נאך די באשליסע, וועלכע זיינען געפאסט געווארען פון דער העכסטער אינסטאנץ פון דער אמעריקאנער ארבייטער-באוועגונג. ווי מיר ווייזט אויס, איז אונזער אויפפאסונג וועגען ניט די ריכטיגע. איך קען זיך ערמאנערען א פאל, וועלכער האט פאסירט ביי דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר אין סט. פאול. עס איז דאמאלס פארגעלעזען געווארען דער רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אויבענגעדערמאנטער קערפערשאפט און ווען זיי האבען גערעדט וועגען דער אייראפעאישער ארבייטער-באוועגונג און זייערע פיהרער האבען זיי זיי אנגערופען פאליטישענס. און ווען דער פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, בענדזשאמין שלעזינגער, האט געפאדערט, דאס מען זאל דיעזען זאץ אויסשטרייכען, איז געווארען א גאנצער טומעל און א געוויסער וויים-פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל. מיט'ן נאמען דאפי, האט געפרעגט דעם טשערמאן צו קען מען דיעזע פראגע אויסטייטשען אלס ניט פאטריאטיש און דערביי ערקלעהרט, דאס ער וויל ניט זיצען צוזאמען מיט שלעזינגער'ן אין איין קאמיטע. נאטירליך, האט איהם שלעזינגער אוועקגעגעבען א חלק, אז ער האט שוין חרטה געהאט, וואס ער האט אנגעפאנגען. אבער דער פאקט, וואס ער איז דער פארשטעהער פון זעהר א גרויסער יוניאן, איז געווען גענוג אורזאכע ניט צו פיהלען זיך באזונדערס גוט.

ווען איך בין אבער געזעסען ביי דער מוני-קאנווענשאן האב איך געהערט ריידען מעמבערס פון דער זעלבער יוניאן, פון וועלכער דאפי איז דער פיהרער, אז וועט ניט ענדערען זיין מיינונג אין באצוג צו ארבייטער-פראגען, זיינען זיינע טעג אלס לידער געצעהלט.

איך ווייס, מען וועט פרעגען, אויב די רענק ענד פייל איז אזוי קלאסען-באוואוסט, ווי קומט עס וואס זיי קלייבען איהם אויס? אויף דעם זיינען פאראן פארשיעדענע ענטפערס. דא איז אבער ניט דער פלאץ פאר דעם. וואס איך וויל ארויסברענגען איז, דאס די ארבייטער-באוועגונג איז ניט אזוי ווייט ריקשטענדיג ווי מיר שטעלען זיך פאר. איך וועל זיך דא פאר אייך מודה זיין, אז זייענדיג ביי דער קאנווענשאן, האב איך געטרייעט די גאנצע צייט צו קוקען אויף דיעזער דעלעגאציאן ניט דורך אירגענד וועלכע ברילען. איך האב די גאנצע צייט געזוכט ניט היגנעריסען צו ווערען, נאר שטרענג געזוכט צו געפינען יענע מאטיוון, וועלכע האבען געמאכט מעגליך אזא באגייסטערונג. און וואס מעהר איך האב זיך איינגעקוקט אין זיי, אלץ מעהר האב איך געזעהן דעם גייסט פון דער נייער צייט, וועלכער דיקטירט מיט זיין גאנצער מאכט, און עס האט מיר ווירקליך לייד געטאן, ווארום די קאנווענשאן האט זיך ניט געקענט אפגעבען אויך מיט אנדערע פראגען.

איך מיין ניט, נאטירליך, צו זאגען, אז עס זיינען ניט אויפגעהויבען געווארען קיין אנדערע פראגען. פונקט פארקעהרט. נאר מען האט זיי ניט געקענט געבען די ריכטיגע צייט, וועלכע מען וואלט זיי געדארפט געבען. עס האט אויך געפעהלט די נויטיגע פערזאנען צו ערקלעהרען סיי די טעארעטישע, סיי די פראקטישע נויטווענדיגקייט פאר דער דורכפיהרונג פון די אלע אויפגעהויבענע פראגען. און דאך זיינען אלע פראגען דיסקוטירט געווארען אויף א העכסט אינטעליגענטען אופן פון מענשען, וועלכע ארבייטען שוין א שעהנע עטליכע יאהר אין מיללס, פאבריקען און מינען.

נאך אן אינטערעסאנטער פאקט. קיינער האט זיך ניט געזידעלט, ווי, למשל, ביי אונז, אויף דער אידישער גאס. ביי אונז, א דאנק גאט, טאר דער ארבייטער אליין נאר ניט זאגען וואס אנבאלאנגט סאציאלע און פאליטישע פראגען, ווייל אויב ער זאגט עפעס, ווערט ער ערקלערט אלס א מורד באינטעליגענציע און דאן זאל איהם איין גאט העלפען. און טאקע, ווי קומט ער עפעס צו וויסען? ער דארף ווארטען ביז די פאטענטירטע, זעלבסט-געקרוינטע אינטעליגענטען זאגען זייערס און דאן דארף ער, משה, נאכזאגען... אבער ענטשולדיגט, וואס איך האב זיך אביסעל אוועקגערוקט אן א זייט, ווייל מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז עס האט צו טאן מיט דעם ענין.

איז ווי איך האב שוין געזאגט, איז עס בלויז געווען א שאד ווארום מען האט ניט געקענט מעהר דיסקוטירען איבער אנדערע פראגען, וואס וואלט ווירקליך געווען א גייסטיגער גענוס און פון א גרויסען היסטארישען ווערט.

אלענפאלס, נאך מיין מיינונג איז נאך ניטא וואס צו באקלאגען זיך, און נאך ווייניגער איז דא וואס צו זיין פעסימיסטיש אין באצוג צו דעם ארבייטער-קלאס פון אמעריקא.

אינטערעסאנט איז נאך א זאך. עס איז געווען א שטארקע שטימונג ביי די דעלעגאטען, אז אזעלכע קאנווענשאנס זאלען גערופען ווערען פון צייט צו צייט, און וועלכע זאלען אויך קענען באטראכטען אנדערע פראגען פון א סאציאל-פאליטישען כאראקטער. און איך וויל אייך זאגען, אז דאס וואלט נאר ניט געווען אין ווידערשפרוך מיט דער א. פ. אוו ל., ווייל זי איז דאך א שטרענג-עקאנאמישע ארגאניזאציע. אזוי האבען גע'טענה'ט א סך דעלעגאטען און ניט קיין עקסטרעמיסטען. איך דערמאן דיעזען ווארט, ווייל די פארקויפטע פרעסע האט געוואלט מאכען דעם איינדרוק, אז דארטען זיינען געווען שרעקליכע רעוואלוציאנערען. אבער דאס איז ניט אמת. די דעלעגאטען, וועלכע זיינען געווען אביסעל ראדיקאלער ווי זייערע חברים ביי דער קאנווענשאן, האבען קלאר און דייטליך ערקלעהרט, וואס עס איז נויטיג, אז אמעריקא זאל באמת זיין א לאנד פאר דעם פאלק און ניט פאר א קליינעם טייל פון פאלק.

צום שלום וויל איך זאגען, אז איך דענק, דאס עס איז ניט זעהר ווייט די צייט, ווען דער אמעריקאנער ארבייטער-קלאס וועט זיך שטעלען אין די רייהען פון אלוועלטליכען רעוואלוציאנערען ארבייטער-קלאס און צוזאמען מיט איהם קעמפפען פאר דער באפרייאונג פון דער מענשהייט. דער מאטעריאל איז דא. מען דארף איהם נאר וואס ווייטער אלץ מעהר ענטוויקלען.

די פרויען-וועלט

פון ראזע בעדריק.

אונזערע מיליאנערסקע אריסטאקראטקעס מאכען א „רעוואלוציע".

מיסעס בעלמאנט, מיס הערימאן, מיס פריק, מיס רוט און א פאר צעהנדליג אנדערע מיליאנערסקע אריסטאקראטקעס האבען לעצטע וואך געמאכט א פאלגע רעוואלוציע אין דעם „דזשוניער ליגע", א מין קלוב פון די ניו יארקער יחסנ'ישע דאמען.

די קרבנות פון דער דאזיגער „רעוואלוציע" זיינען פראפעסאר טשארלז ביערד, דר. דזשיימס הארווי ראבינסאן און טהארסטאן וועבלען. די רעוואלוציע איז געמאכט געווארען געגען מיסעס דאראטהי וויהיטני סטרעיט, פרעזידענטין פון א מיליאנערסקע בילדונגס-ארגאניזאציע מיט דעם נאמען „ניו סקול פאר סאשעל ריסוירטש (נייע שולע פאר סאציאלער פארשונג). די פרעזידענטין פון אט דער שולע, מיסעס סטרעיט, וועלכע איז אויך א מיטגליעד פונ'ם „דזשוניער ליגע", איז אפילו אליין א פיעלפאכע מיליאנערקע, נאר עס איז שוין עטליכע יאהר ווי זי איז, רחמנא לצלן, „ארונטער פונ'ם גלייכען וועג" און האט זיך אנגעהויבען חבר'ען מיט פראגרעסיווע און ראדיקאלע מענשען, און מיט פאדטיידיגער פונ'ם פרייען ווארט און פרייען געדאנק.

די היגע „הויכע געזעלשאפט" קוקט שוין לאנג מיט פארדאכט אויף מיסעס סטרעיט און אויף איהר „אונגעוויינשטער" געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. איהר ערשטער „חטא", וואס האט ארויסגערופען א היבש ביסעל אונצופרידענהייט אין די „הויכע ספערען", איז געווען דאס, וואס זי איז געווען דער גרינדער און הויפט-שטיצער פון דעם פראגרעסיווען וועכענטליכען זשורנאל „ניו רעפובליק", וועלכער פארגינט זיך אפטמאל ארויסצוזאגען אונזערע מאגנאטען און מאכטהאבער אזעלכע אמת'ען, וואס מאכען זיי פיהלען זעהר אונהיימליך. טאמער איז נאך דאס ווייניג געווען, איז מיסעס סטרעיט די לעצטע צייט געווארען באזונדערס טעטיג אין דער ארגאניזאציאנס און בילדונגס ארבייט פון דער דערמאנטער שולע, די „ני סקול פאר סאשעל ריסוירטש." פון א מאדע-ארגאניזאציע פאר אינטעלעקטועלען צייט-פארטרייב פאר אריסטאקראטישע דאמען, ווי די דאזיגע שולע איז פון אונזערע מיליאנערקעס באטראכט געווארען, האט זיך מיסעס סטרעיט גענומען מאכען דערפון אן אמת'ען און ערנסטען בילדונגס און פארשונגס-צענטער פאר די אינגערע דאמען פון דער „העכערער" געזעלשאפט. זי האט זיך דערצו זאגאר באנוצט מיט איהר מיטגליעדערשאפט אינ'ם „דזשוניער ליגע" און פלעגט דורך פאמפלעטען איינלאדען די מיטגליעדער פונ'ם ליגע צו פארשיידענע ערנסטע לעקציעס, וואס זיינען דורך איהר פארמיטלונג אפט געגעבען געווארען אין איהר שולע פאר סאציאלער פארשונג. אויך דאס האבען נאך אונזערע סטאטעטשנע מיליאנערקעס ווי סע נים איז ארונטערגעשלונגען און געשוויגען. איז זיך אבער מישב מיסעס סטרעיט און לאדעט איין צו האלטען לעקציעס אין איהר שולע אזעלכע דריי „טרים'ניאקעס", ווי פראפעסאר ביערד, דר. דזשיימס ראבינסאן און טהארסטאן וועבלען: דער ערשטער — אן אויסגעשפראכענער ראדיקאל און לעהרער אין דער סאציאליסטישער רענד-סקול; דער צווייטער — אן ארבייטער-פריינד און באקעמפפער פון די פארפאלגונגען געגען ארבייטער-פיהרער; און דער דריטער — א מיטרעדאקטאר איינ'ס צווייוואכענטליכען פראגרעסיוו זשורנאל „דהי דייעל" — א זשורנאל, וועלכער, הגם ניט קיין סאציאליסטישער, פיהרט ער דאך אן א העפטיגע און ענערגישע אגיטאציע פאר גרויסע ראדיקאלע רעפארמען אין דער געזעלשאפטליכער ארדנונג.

נו, פארשטעהט זיך, אז אזא מין נעוואגטע האנדלונג פון מיסעס סטרעיט, ווי איהר אויסוואהל פון אזעלכע דריי „געפעהרליכע פערזאנען" צו האלטען לעקציעס פאר די אריסטאקראטישע דאמען, האבען שוין אונזערע „בכבוד'יגערע" מיליאנערקעס ניט געקענט פארשווייגען. זיי האבען זיך באלד אנגענומען די לענדען און אונטער דער פיהרערשאפט פון מיסעס דזשאהן ס. פראט זיינען זיי ארויס אין אן אפענער רעוואלוציע געגען מיסעס סטרעיט און געגען איהר „טערריבעל רעדיקאליזם." אינ'ם „דזשוניער ליגע" טוט זיך עס איצט „אויף טיש און אויף בענק", און איין גאט ווייסט מיט וואס די דאזיגע „רעוואלוציע" וועט זיך ענדיגען...

א קאמפראמיס-רעזאלוציע איבער'ן דורכגעפאלענעם סאפרעדזש-אמענדמענט געפלאנט אין סענאט.

אין די רעגירונגס-קרייזען אין וואשינגטאן געהט אן אן ענערגישע באוועגונג אריינצוברענגען אין סענאט, נאך איידער עס ענדיגט זיך זיין איצטיגער טערמין, א נייע רעזאלוציע וועגען דעם סאפרעדזש-אמענדמענט, וועלכער איז צוריק מיט א פאר וואכען אין דעם זעלבען סענאט דורכגעפאלען מיט בלויז איין שטימע דאגעגען. די נייע רעזאלוציע וועט זיין א מין קאמפראמיס-רעזאלוציע. זי וועט אריינגעבראכט ווערען פון סענאטאר דזשאונס, דעם טשערמאן פון דער „סענאט וואומען סאפרעדזש קאמיטע". דער קאמפראמיס אין דער נייער רעזאלוציע באשטעהט אין דעם, וואס זי שלאגט פאר צו געבען די פרויען די זעלבע רעכט, ווי עס האבען די מענער אין די באזונדערע שטאאטען. דאס הייסט, אז אין די מעהר דעמאקראטישע שטאאטען (אין דער וועסט אדער נארד, למשל), וואו אלע מענער, אהן אונטערשיעד פון ראסע אדער קאליר, האבען גלייכע רעכט, זאלען אויך די פרויען קריגען אלע רעכט גלייך מיט די מענער. אין שטאאטען, אבער, וואו ניט אלע מענער האבען די זעלבע רעכט, ווי, א שטייגער, אין איינינע שטאאטען אין דער סאוט, וואו די נעגער אדער אנדערע ראסען האבען ניט די זעלבע רעכט ווי די ווייסע אמעריקאנער, — אין אזעלכע שטאאטען זאלען אויך די פרויען-רעכט זיין אונטערוואורפען די זעלבע ראסען-באגרענצונגען.

די דורכגעפאלענע רעזאלוציע, וועלכע איז געווען פארפאסט פון סוזאן ב. אנטהאני, איינע פון די גרינדער און הויפט-פיהרער פון דער אמעריקאנער סאפרעדזש באוועגונג, האט ניט געמאכט קיינע אויסנאהמען, נאר האט געפאדערט פאלשטענדיגע גלייכבארעכטיגונג פאר אלע פרויען איבער'ן גאנצען לאנד אהן אונטערשיעד פון ראסע אדער קאליר. די דעמאקראטישע סענאטארען פון דער סאוט האבען דעריבער געשטימט געגען דער רעזאלוציע און דערמיט געבראכט איהר דורכפאל אין סענאט. כדי צו געווינען די שטיצע פון אט די סענאטארען פאר דעם סאפרעדזש-אמענדמענט האט עס סענאטאר דזשאונס איצט אויסגעארבייט זיין קאמפראמיס-רעזאלוציע, וועלכע וועט נאר אין גיכען פארגעבראכט ווערען פאר'ן סענאט און, ווי עס זעהט אויס, אויך אנגענומען ווערען.

דער אמת'ער צוועק אבער פון סענאטאר דזשאונס'עס באמיהונג מיט זיין נייער רעזאלוציע איז צו ראטעווען דעם פרעסטיזש פון דער דעמאקראטישער פארטיי. עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, און די דעמאקראטישע פארטיי-פיהרער גיבען אליין צו, אז אין די קומענדע אלגעמיינע וואהלען פון 1920 וואלט זייער פארטיי צו טייער באצאהלט פאר איהר דורכוואורפען דעם סאפרעדזש אמענדמענט. משמעות, אז די פאליטישע מאכט פון די פרויען דא אין לאנד איז שוין איצט אזוי גרויס, אז די אלטע פאליטישע פוקסען מוזען זיך מיט איהר גאנץ ערנסט רעכענען...

אן אינטערעסאנטע קאריערע פון אן אינטערעסאנטער פרוי.

מיט דעם טויט פון דאקטאר מערי וואקער, וועלכע איז געשטארבען פארגאנגענען פרייטאג אין באנקער היל, נעבען אסוויגא, ניו יארק, אין עלטער פון 87 יאהר, איז געענדיגט איינע פון די אינטערעסאנטסטע קאריערען פון איינער פון די

אינטערעסאנטסטע אמעריקאנער פרויען.

די פארשטארבענע איז געווען באַרימט אין גאנץ אמעריקא און אין ענגלאנד אלס א פרוי פון אויסערגעוועהנליכען מוט און זעלטענע פעהיגקייטען. זעהר פיעל האט ביינעטראגען צו איהר באריהמטקייט אויך דאס, וואס זי האט כמעט איהר גאנצען לעבען געטראגען מענערשע קליידער. ניט קיין נאכגעמאכטע, נאר עכט־מענערשע קליידער, ווי הויזען, א זשילעט, אן איינפאכען ראק, א קאפעליוש און גראמע, באקוועמע שיך. נאכ'ן געזעץ איז פרויען דא ניט ערלויבט צו טראגען קיין מענערשע קליידער, אבער פאר דר. מערי וואקער איז געמאכט געווארען אן אויסנאהם, און דורך א ספעציעלער ערלויבניס פון דעם קאנגרעס איז איהר געגעבען געווארען דאס רעכט צו טראגען אזעלכע קליידער.

שוין דער פאקט אליין, וואס דער קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען האט איהר געגעבען א ספעציעלע ערלויבניס אויף א זאך, וואס איז פונ'ם געזעץ פארבאטען, איז א באווייז, אז די דאזיגע פרוי האט זיך געמוזט מיט עפעס אויסצייכענען און באריהמט מאכען צו פארדיענען אזא אויפמערקזאמקייט פונ'ם אמעריקאנער קאנגרעס. דאקטאר מערי וואקער האט זיך אויסגעצייכענט מיט מעהר ווי איין זאך, אבער, הויפטזעכליך, מיט איהר זעלטענעם מוט און ענטשלאסענהייט פון כאראקטער, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אפילו אין איהר ארט קליידען זיך. זי איז נאך ניט אלט געווען קיין פולע 23 יאהר ווען זי האט באקומען איהר דאקטאר־דיפלאם, און האט כמעט באלד אנגעהויבען פראקטיצירען מעדיצין. ארום יענער צייט האט זי אויך אויסגעווארפען איהרע ווייבערשע קליידער און זיך אנגעהויבען קליידען ווי א מאן. ווען עס האט אין יאהר 1861 דא אויסגעבראכען דער בירגער־קריעג האט דר. וואקער — דעמאלט 29 יאהר אלט — וואלונטירט אלס כירורג אין דער יוניאן־ארמעע און, אנטועגדיג די זעלבע קליידער ווי איהרע ברידער אפיצערען, האט זי געטאן די זעלבע ארבייט מיט דער זעלבער אונערשראקענהייט ווי די מענער כירורגען אין דער ארמעע, און האט דערנאך באקומען פון דער רעגירונג א בראנזענעם מעדאל. נאך דעם בירגער־קריעג האט דר. מערי וואקער אנגעהויבען צו נעהמען א טיכטיגען אנטייל אין דער עפענטליכער טעטיגקייט. זי האט אפט ארויסגעטראטען מיט לעקציעס און פארטראגען איבער פארשיעדענע סאציאלע פראגען, דערהויפט איבער פרויען־עמאנציפאציאן. איהרע לעקציעס האבען זי באלד באריהמט געמאכט אין אמעריקא און אין ענגלאנד, און זי ווערט פון אלעמען באטראכט אלס איינער פון די פיאנערען פון דער סאפרעדזש־באוועגונג. אויך אין דער סאפרעדזש־פראגע איז איהר בליק געווען אייגענארטיג און איהרע ארגומענטען — אריגינעל: זי האט ניט ארגומענטירט מיט די מענער און ניט אפעלירט צו ז י י ע ר יושר, נאר תמיד זיך געווענדעט צו די פרויען; זי האט אלעמאל גע'טענה'ט, אז די פרויען וועלען באקומען גלייכע רעכט מיט די מענער נאר דעמאלט, ווען זיי, די פרויען, וועלען אויפהערען זיך נאריש מאכען מיט מאדע און פוצן, און אנהויבען נעהמען זיך אליין ערנסטער. „ניט מיט פרומע וואונשען און פארלאנגען — פלעגט זי שרייען — קען מען עפעס אויספיהרען, נאר מיט האנדלונג און טאט!" ערשט אנומעלטען האט זי אין איינער פון איהרע כאראקטעריסטישע רעדעס אויסגעדרעהט צו די סאפראדזשעטקעס, אז זיי זאלען שוין אויפהערען זיך צו באשעפטיגען מיט הוילע פראזען, נאר זיך נעהמען צו טאן פראקטישע ארבייט.

דר. מערי וואקער האט קיינמאל ניט געהייראט. פיעלע פון אונזערע אונפארהייראטע מיידלעך וועלען אפשר אין דעם געפינען א שטיקעל טרייסט פאר זיך...

פאר די פערער סקול

אן ערשטע קלאסע קאנצערט און באל וועט געגעבען ווערען אין די בראנקס [illegible] שבת אווענד, דעם 8טען מארטש, 8 אוהר אין אווענד, אין מעקינלי סקווער קאסינא, מעקינלי סקווער און 163טע סט., וואו גוטע קרעפטע וועלען אנטייל נעהמען, ווי צום ביישפיעל דער באוואוסטער וויאליניסט מאקס ראזען; דער באריטאן פאול פארבער וועט זינגען קלאסישע לידער; די קינדער פון דער סקולה וועלען דורכפיהרען קלאסישע טענץ. נאכ'ן קאנצערט וועט זיין א באל ביז 4 אוהר פארטאג.

טיקעטס 25סט. העט־טשעקס 25סט.

אינגעבאָרג

א ראמאן פון
ב. קעללערמאן

(פארזעצונג)

א פאר טאג נאכדעם זיינען מיר ווידער געגאנגען אין וואלד און פאצא האט זיך גענומען בילען. דאס איז געווען אין הויכע בוקאוועז וואלד. פאצא האט גענומען בילען און א ווארף געטאן זיך אין וואלד. הערי איזעדאם האט זיך באוויזען פון אונטער א בוים.

— רופט צוריק אייער הונד, — האט ער אויסגערופען און פארדעקט זיין פנים מיט די הענט.

ער איז געשטאנען אויפ'ן וועג און געקוקט אויף אינגעבארג.

זיין פנים איז געווען פון א בלייך־ערדיגען קאליר; די ברייטע רינגען אונטער זיינע אויגען האבען געגלאנצט מיט א דונקעלען קאליר.

זיין דאר געזיכט איז געווען עהנליך צו א געזיכט פון א פרוי, וואס האלט ביים שטארבען. זיינע ליפען האבען געציטערט, ער האט צוגעלייגט זיין לינקע האנד צום הארץ און זיינע פינגער האבען גענומען נערוועז קלאפען.

— איך זוך אייך שוין איינינע טעג אום דורכצורעדען זיך מיט אייך, — האט ער געזאגט, — איך האב אייך בלויז געוואלט זאגען, אז איהר האט א קורצען זכרון, פריילין אינגעבארג!

ער האט צוגעלייגט זיין האנד צום הוט און מיט גיכע טריט אוועק אין וואלד.

— קום — האב איך געזאגט צו אינגעבארג, און צוערסט ארויפגעלייגט מיין האנד אויף איהר אקסעל.

אינגעבארג איז געווען בלייך. זי האט א לאנגע צייט ניט גערעדט. דערנאך האט זי זיך מודה געווען:

— איך האב איהם פארט ליעב.

א מעסער האט זיך אריינגעשטאכען אין מיין הארצען; איך האב שטיל ארונטערגענומען מיין האנד פון איהר פלייצע.

— ניין, ניין! נעם ניט ארונטער דיין האנד. א קליין ביסעלע האב איך איהם דאך ליעב; מיר טוט וועה דאס הארץ פאר איהם, נאר דיך האב איך טויזענדער מאל מעהר ליעב, טויזענדער מאל מעהר! קוש מיך, אקסעל, זיי גוט צו מיר.

— איך האב דיך ליעב — האב איך געענטפערט און געקושט זי. — איצט איז שוין אלץ ווידער גוט.

— איך האב זיך דערשראקען, אקסעל. דו דארפסט מיך אויסהערען. איך האב איהם געגעבען מיין ווארט. — דאס איז געווען מיט א פאר טאג נאכדעם, ווי איך האב דיר געזאגט אויפ'ן בארג, אז איך האב דיך ליעב. ער איז געקומען צו מיר אין גארטען. — מען זעהט אייך אזוי זעלטען, — האט ער געזאגט. — איך שפאציר אפט. — יא — האט ער פארטגעזעצט. — די קרוין פון א קעניגין איז מעהר אנציהענד ווי דער רוהם פון א פידעל־שפילער. אזוי נאריש און פרעך איז ער געווען. נאר איך בין אין יענע טעג געווען אומגליקליך און הילפלאז, דערפאר בין איך ניט געווארען אין כעס אויף איהם. איך האב זיך פאנאנדערגעלאכט. — נו, וואס רעדט איהר! — האב איך אויסגעשריען און צולאכט זיך. אך, איזעדאם, ווי נאריש איהר זייט צייטענווייז! — אין דעם אווענד האב איך איהם געגעבען מיין ווארט. איך האב איהם עס געגעבען בלויז פון עקשנות. ער האט ארויסגעלייגט זיין האנד אויף מיין פלייצע און איך האב א קלער געטאן: זאל ער זעהן, — האב איך א קלער געטאן — זאל ער זעהן! איך בין אוועק שפאצירען מיט איזעדאם אין וואלד בלויז אום צו טרעפען זיך מיט דיר און א שמאך צו טאן דיר. דו ווייסט דאך דאס ניט פארשטעהן, ניין, ניט פארשטעהן. איך בין געווען אומגליקליך און צובראכען, און אלץ האט זיך געדרעהט אין מיין קאפ. א, מיט וויפיעל פרייד איך וואלט דאס געגאנגען נאך דיר, איך וואלט גלייך געגאנגען צו דיר, נאר ווען איך האב דיך דערזעהן, — האב איך אנגעהויבען צו רעדען מיט פאצא...

מיר זיצען אויפ'ן פעלד, אויף דער זון. אינגעבארג זינגט אונטער אין דער שטיל און בינדט א קראנץ פון פעלד בלומען. איך ליג אויפ'ן גראז, ליג און קוק ווי אינגעבארג בינדט דעם קראנץ. קיינמאל אין מיין לעבען האב איך ניט געהערט אזא שטימע, קיינמאל אין מיין לעבען האב איך ניט געזעהן אזוי פיעל שעהנקייט, ווי ביי אינגעבארג. זי האט לאנגע גאלדענע ווייעס. עס דאכט זיך, אז א קליינע זון איז באהאלטען אונטער איהרע אויגענדעקלער און ווארפט שטראלען. זי האט ברעמען, מען קען איבערצעהלען יעדער־איינציג הארעל. זיי זיינען ווי מיט א פענזעל אנגעצייכענט און, דאכט זיך, דעם פענזעל האט געפיהרט א האנד פון א יאפאנעזער. זי האט א הויכען און ריינעם קאפ און וועלכען עס געפינען זיך א גרויסע צאהל געדאנקען, פון וועלכע זי אליין ווייסט ניט. אינגעבארג דרעהט דעם קראנץ אין אלע זייטען און מיט מוטערליכער ליעבע דריקט זי איהם צום ברוסט. א פויגעל זינגט אין נאהענטען וועלדעל. אינגעבארג האלט איין דעם אטעם און הערט זיך צו.

זי פיהלט מיין בליק. זי הויבט אויף איהרע אויגען און שמייכעלט צו מיר. ווידער איז זי פארנומען מיט איהר קראנץ, זי האט אין גאנצען פארגעסען אן מיר. מאכט א פרייליך קינדיש מיילכעל, זי שמייכעלט צו די בלומען און זינגט שטיל אונטער.

זי האט געענדיגט. — געפעהלט דיר? — פרעגט זי.

— יא.

— נו, אויב אזוי נעם איהם! נאר זעה היט איהם!

אינגעבארג איז די מוטער פון בלומען און פייגעל, זי ערצעהלט די בוימער. זי קען אלע גראזען, די נעמען פון אלע פייגעל, אלע קוסטען. זי קוקט אויף די שפיצען פון די בערג, פונקט ווי זא וואלט דארט געזעהן וועלכע געזיכטער. אייטמאל האב איך זי געטראפען רעדענדיג מיט בלומען, ווי מיט קינדער.

אינגעבארג איז געבארען געווארען אין וואלד.

איך זעה איהר היינט, איך זעה איהר מאמע, יעדען טאג זעה איך זי. יעדען טאג דאכט זיך מיר, אז איך זעה זי צום ערשטען מאל. און מיין הארץ קלאפט ביי איהר אנקומען ניט ווייניגער, ווי דאס ערשטע מאל.

אפט בין איך אין יענער צייט לאנגע שטונדען אין דער נאכט געלעגען פאר'ן הויז אין גראז. מיט א זילבערנעם גלאנץ שימערט דער טאל, פול מיט וואלקענס אין דער הימעל. שווארצע פייגעל טראגען זיך רוישלאז איבער'ן וואלד, פינקלענדע זשוקעס שוועבען פארביי. צייטענווייז האבען זיי זיך געזעצט נעבען מיר און איך האב ניט ארומגענומען די אויגען פון זיי. א, ווי קליין זיי זיינען געווען, ווי שטיל און העדליך! זיי האבען געליעבט איינער דעם צווייטען און זיינען געווען, פונקט אזוי גליקליך ווי איך — דער גרויסער זשוק. איך האב בעאבאכט זיי ביז זיי זיינען פארשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניש פון די קוסטען. אהן א שיער זשוקעס און נאכט־שמעטערלינגען האבען זיך געטראגען איבער'ן וועג.

איך בין געלעגען און געטראכט וועגען אינגעבארג, וועגען זיך און מיין גרענצלאזען גליק. די רוהיגקייט פון דעם טאל האט דורכגעדרונגען מיין הארץ.

דאס איז געווען אזא טיפע רוה, פון וועלכער איך האב קיינמאל אין מיין לעבען ניט געוואוסט. מיין הארץ איז געווען איבערפילט. און איך בין אויפגעשטאנען, אויפגעהויבען די הענט און געבענשט די וועלט. עס האט זיך דורכגעטראגען דורך מיין הארץ: יא, זאל דער פרידען ארונטערנידערען אויף אלע מענשליכע הערצער, — א זיכער פרידען; זאל זיין גליקליך דער אומגליקליכסטער מענש אין דער גאר ווייטסטען לאנד, דער קלענסטער ווארעם אין דער שווארצער ערד. ווארעמקייט דעם פארפראָרענעם, ברויט דעם הונגעריגען, א לייכטער טויט דעם מידען, א רוהיגען ים דעם מאטראז!...

איך בין געלעגען אין גראז ביז שפעט אין דער נאכט און געפיהלט, ווי איך וואלט שוועבען.

רוהיג פארגעהט די ערד איהר וועג, האב איך געטראכט און געעפענט די ליפען און געמורמעלט: — רוהיג פארענדיגט די ערד איהר וועג.

אין דער צייט... יא... וואס איז דען ניט געווען אין יענער צייט?

ליגענדיג זיך שלאפען, האב איך געצעהלט די מינוטען, ווען איך וועל זי דערזעהן ווידערמאל. נאך אמאל האב איך דורכגעלעבט דעם פארגאנגענעם טאג און אויסגעפיהרט דעם סך הכל. איך האב געפיהלט די באריהרונג פון איהרע ליפען מיט מיינע; מיינע הענט האבען נאך געדאנק געפיהלט דעם דרוק פון איהרע הענט. ווידער אויפגעלעבט אין מיין זכרון האט די ווארעמקייט פון איהר אטעם, די צארטקייט פון די האר, דער גלאנץ פון די אויגען און איהר שמייכעל.

דערנאך פלעג איך איינשלאפען און אין חלום זיך ווידער באגעגענען מיט אינגעבארג. יעדע שטונדע האב איך ערוואכט און געקוקט אויף די שטערען, — זיי האבען געגלאנצט, געלויכטען, געפלאטערט און ענדליך פארבלייכט.

אינגעבארג האט געזאגט: ביי טאג וואנדערל איך ארום ווי אין חלום, און אין חלום ביי נאכט — ווי ביי טאג. אינגעבארג האט געזאגט: אלץ זעה איך אין א ליכטיגען קאליר. קיינמאל איז דער הימעל ביז ניט געווען בלויער און גרינער ווי דער וואלד. אלץ איז געווען ארומגעוויקעלט מיט די שטראלען פון דעם רעגענבויגען, א, אקסעל, איך בין דיר דאנקבאר פאר דעם אלעם.

אינגעבארג, אינגעבארג, דו ביסט דער ליעבלינג פון גאט און די שעהנהייט פון דער וועלט.

די טעג זיינען פארבייגעגאנגען, פונקט ווי בלעטלעך פון וויזען, וואס שווימען אין טייך, — שטיל, שעהן, קוים באמערקבאר, — אזוינע זיינען געווען יענע טעג.

דער טאג האט זיך געוויגט ווי א גאלדענע הינעל, דער וואלד האט גערוישט ווי אן ארגעל, די פויגעל האבען געזונגען, ווי זיי וואלטען האבען דימענטענע שנאבלען.

און אינגעבארג האט געזונגען: אלץ בלויער ווערט דער הימעל און אלץ זיסער — דיינע ליפען.

.10

— איך האב דיך ליעב! — ווי שעהן איז צו האבען א מעגליכקייט צו קענען זאגען דאס ווארט, ווי שעהן איז צו דערהערען דאס ווארט!

קליין, זעהר קליין איז דאס ווארט, אבער יעדער מוז עס אמאל זאגען און יעדער מוז עס אמאל דערהערען. מעג עס זיין א גנב מיט די שווארצסטע, בלוטיגסטע געדאנקען, מעג דאס זיין א געלעהרטער, וואס גריבעלט זיך דאס גאנצע לעבען איבער ביכער — יעדענס צייט מוז קומען.

ער פארגעסט אלץ, זיין שכל נעהמט זיך פארנעבלען און די ליפען רעדען אלץ דאס קליינע, קליינע ווארט. מעגען אין זיין קאפ זיין הויכע, אייביגע געדאנקען, מעג דאס זיין א גרויסער מענש, וואס פארנעהמט פיעלע מוחות, — זיין צייט וועט קומען און אלץ, וואס ער וועט זאגען, וועט זיין דאס ווארט.

עס איז אלט און פול מיט טיפען געדאנק, עס איז אין איהם פארבארגען דאס בלוט פון דעם גאנצען מענשליכען הארץ, זיין גאנצע פרייד, זיין גאנצער טרויער; טאג און נאכט רעדט דאס ווארט, עס רעדט אין זיסען מורמעל און דורך צייהן־קריצעניש און גערעדט וועט עס ווערען שטענדיג, אזוי לאנג ווי אונטער'ן הימעל וועט זיך הערען דער לעצטער געזאנג.

זיי געבענשט, אינגעבארג! איך האב דיך ליעב, דו מענסט עס גלויבען.

איך שלעפ זיך ארום, לאנג קוק איך אויפ'ן הימעל, לאנג קוק איך אויף דער ווייטקייט, וואס רינגעלט אונז ארום. איך שטעה פאר א שטיין אין וועג און שמייכעל. קיינמאל ווער איך ניט מיד. ניין, עס עקזיסטירט מעהר ניט קיין מידקייט. איך עפען די אויגען: ליכטיג און ברייט איז מיין נשמה.

מיין קאפ איז פול די גאנצע צייט מיט געדאנקען, מיט גרויסע געדאנקען. רייך איז מיין נשמה און א פארלאנג פלאקערט אין איהר.

איך פיהל זיך פאר א פאעט, אין וועמעס הארץ עס ברויזען גרויסע טרוימען.

אויף דער וואנד פון פארק האבען א שפריץ געטאן הויכע כוואליעס פון בלומען, — ווייסע, רויטע, פיאלעטע, געלע, ווי ציטראנען; אין מיין גארטען וואקסען פיעלע בלומען: אויף שווינדעלדיגע פייערלעך זיינען זיי געגליכען, זיי זיינען געגליכען אויף זונען פלעקען, אויף פורפור ליפען, אויף אויגען, — יא, אויך אויף אויגען זיינען זיי געגליכען. דער פריהלינג האט אנגעצונדען דיינע פייערען אויף די בערג און זיי שווימען פון איין טאג אין דעם צווייטען.

איך געה דורך די פלאטערדיגע פייערען, וואס דער פריהלינג האט אנגעצונדען און איך שמייכעל.

צייטענווייז ווערען אין מיין קאפ געבארען וואונדערבארע געדאנקען! מיט א רויטען שוים באדעקט שטעהט איבער די בערג דער נעבעליגער וואלקען, ווי א לייכטענדער גלעטשער. וואלט איך ניט געקענט ארויפכאפען זיך אויף א ווינקעל פון דעם וואלקען און א מאך טאן מיט'ן הוט? איך קוק אויף דער לבנה און טראכט: גוט וואלט געווען ארויפצוכאפען זיך אויף דער לבנה און פון דארטען שיקען א גרוס דער ערד.

וואונדערבארע טעג און נעכט! דאס הארץ קלאפט אין מיין ברוסט און איך לאך צו זיך אליין.

קיינער ווייס ניט דערפון, קיינעם פאלט ניט איין פארוואס איך לאך צו זיך אליין.

אווענד. איך זיץ אין מיין צימער. זאל וואס גיכער קומען די נאכט! א, ווען איך וואלט געקענט צושפרייטען א שווארץ לייולעך איבער דער ערד! אלץ ברענט אין מיר מיט אונגעדולד, קיינער, פארשטעהט זיך, ווייסט ניט, אויף וואס איך ווארט.

שטיל איז ארום. עס קומט די נאכט.

איך צינד אן א ליכט און זעץ זיך פאר זיין פלאם. איך הער, ווי עס קלאפט מיין הארץ. איך ווארט.

קלינגען נישט טריט אין פינסטערען וואלד? ווער געהט? איך ווארט. טייערע, איך וועל צולידען, אייל זיך ניט... א גערויש. עפעס ליכטיגעס באווייזט זיך אויף דער שוועל. אינגעבארג!

איך געה צו צו איהר. איך לאז זיך ארונטער אויף די קני, זי — אויך. מיר קושען איינער דעם צווייטען. א באק דריקט זיך צו א באק, א הארץ צו א הארץ.

— זעץ זיך, — זאג איך שטיל.

— גוט — ענטפערט אינגעבארג פונקט אזוי שטיל. מיך בעאומרוהיגט איהר לייכטענדער בליק.

איך נעהם זי מיט דער האנד ארום. — דו ביזט ביי מיר, און מיטע נאכט איז שוין אין הויף. איך דאנק דיר, אינגעבארג.

— זיינען מיר אליין?

— יא!

— ווייסט קיינער ניט, אז מיר ביידע זיינען צוזאמען?

— ניין!

— אינגעבארג, איך האב דיך היים ליעב. דו ווייסט עס.

— יא, יא.

אינגעבארג שאקעלט מיט'ן קאפ און לעגט מיין האנד אויף איהר הארץ.

איך הויב זיך אויף און פארלעש דאס ליכט.

איצט איז אין גאנצען פינסטער. די דונקעל־בלויע נאכט קוקט אריין אין פענסטער. עס שווימט פארביי א שטערען, ער באלויכט אונז, ער דרינגט אריין ביז דעם דעק פון אונזערע אויגען.

אינגעבארג'ס צייהן גלאנצען, עס פינקעלט גאלד פון איהרע האר.

עס אטמען אריין אין פענסטער דער וואלד און דאס פעלד און פארגיסען אונז מיט זייער אראמאט.

אפגעריסענע קלאנגען וואכען אויף פון שלאף נאהענט פון אונז און ווייט. דא אויפ'ן שפיץ פון דעם בוים אונטער'ן פענסטער, דא אינ'ם שטאל ניט עפעס א קלונג, ניט עמיץ א זיפץ. עס הערט זיך דער שטילער קלאנג פון דער נאכט. די שטילקייט הערט זיך צו. די קלענסטע קלאנגען שטארבען אפ, קיינער וויל ניט דער ערשטער אנריהרען די שטילקייט.

אונזערע שטימען פארוואנדלען זיך אין א מורמעל, וואס איז ניט העכער ווי דאס רוישען פון א טייך.

— מיינע באקען ברענען! — זאגט אינגעבארג. זי איז שטאלץ אויף דעם.

— יא, — ענטפער איך. — דיינע באקען ברענען טאקע.

— מעג איך גלעטען דיין ברוסט?

— זי באלאנגט צו דיר!

— ווי גוט איז מיר, ווען איך גלעט דיין ברוסט!

— ווי גוט עס איז, ווען דו טוסט עס.

לאנג האבען מיר גערעדט. אפגעריסענע קלאנגען וואכען אויף פון שלאף. מיר באוועגען זיך ניט. אונזערע הערצער קלאפען.

— ווי גוט עס איז! — מורמעלט אינגעבארג. — קיינמאל איז נאך ניט געווען אזוי גוט און אזוי ליעב דער נשמה.

— „ליעב דער נשמה", — זאגט זי. — ווי וואונדערבאר קלינגט דאס ווארט.

א קלאנג פון גוס־אייזען דערטראגט זיך פון דער ווייטען. דער זייגער שלאגט אונטען אין דערפעל. אין טיפער שטילקייט ליגט דער טאל און דער קלאנג פון דעם זייגער צוטראגט זיך דורך איבער די וועלדער.

אינגעבארג ציטערט אויף.

— מיר האבען נאך צייט, — מורמעל איך.

אינגעבארג שאקעלט מיט'ן קאפ.

עס לעבט אין מיין קאפ אויף א לעגענדע, ווען איך זאג: מיר האבען נאך צייט.

מיר האבען נאך צייט, מיר האבען נאך צייט.

— ווייסטו, טייערע אינגעבארג, איך טראכט וועגען צוויי יונגע מענשען, וואס שווימען אויפ'ן ים... זי איז די טאכטער פון א פירסט און ער איז א יונגער יוועליר. ער האט געבראכט דער טאכטער פון פירסט קאסטבארקייטען און זיי האבען זיך באקענט. ביידע האבען זיך פארליעבט איינער אין צווייטען און זיינען אנטלאפען איבער'ן ים.

— אונזער שיף איז ווי א וויגעל אין וועלכען עס וויגען זיך צוויי קינדער, — מורמעלט די פארליעבטע.

איהר פריינד ענטפערט:

— דער ים איז אונזער חתונה־בעט, דער הימעל — גאט'ס הויז מיט טויזענדער ליכט, אנגעצונדען פאר אונזער חתונה.

— יא, — זאגט די יונגע פירסטין און דריקט זיך צו צום געליעבטען. — גאט פיהרט אונז אין זיין האנד איבער'ן ים.

הער, ליעבע אינגעבארג. — דער שטייערמאן קומט צו און זאגט:

— פירסטין, איך זעה ניט אונזער ציעל. מיר האבען שוין לאנג געדארפט דארט זיין, פיעלע וואכען ווי מיר זיינען שוין אין וועג.

— כא־כא־כא, — מיר האבען נאך צייט!

דער שטייערמאן קומט צו און זאגט:

— פירסטין, איך זעה ניט אונזער ציעל. ווי שניי זיינען ווייס מיינע האר. דרייסיג יאהר שווימען שוין מיר.

— כא־כא־כא, מיר האבען נאך צייט!

הונדערט יאהר געהען פארביי, טויזענד יאהר געהען פארביי,

— כא־כא־כא, — מיר האבען נאך צייט!

אינגעבארג שמייכעלט.

— דו דערצעהלסט אזוי, אז דאס הארץ האט אויפגעהערט ביי מיר צו קלאפען, — זאגט זי.

איך בויג זיך איין אזוי נידעריג, אז איהרע האר גלעטען מיינע באקען, איך מאך דערביי צו מיינע אויגען.

— מיר האבען נאך צייט! — מורמעלט אינגעבארג — און שמייכעלט שטיל.

— יא!

— גוט איז צו זיצען אין דער פינסטער, ווען די שטערען שווימען אונטער'ן פענסטער.

— אזוי גוט, אז מען קען עס מיט ווערטער ניט אויסדריקען.

(פארזעצונג פאלגט)

באנעז הענד עמבראידערערס פאדערען א 44 שטונדען ארבייטס וואך

די באנעז הענד עמבראידערערס יוניאן, לאקאל 66 א. ל. ג. וו. י., האט די וואך ארויסגעשיקט צו אלע באלעבאטים די פאדערונג פאר א 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך. דער בריעף, וואס די יוניאן האט אדרעסירט צו יעדען באס באזונדער לעזט זיך ווי פאלגט:

„געעהרטער הערר!

ערלויבט אונז צו ציהען אייער אויפמערקזאמקייט צו פאראגראף 19 פון אונזער אגרימענט, וועלכען מיר האבען מיט אייך לעצטען יאהר געשלאסען, וועלכער לויטעט: „ס'ווערט געגענזייטיג פארשטאנען און ביידע צדדים שטימען איין, דאס די יוניאן פארבאהאלט פאר זיך דאס רעכט צו פאדערען קירצערע ארבייטס־שטונדען אין פאלס די וועכענטליכע ארבייטס־שטונדען אין אנדערע נארעל־טריידס וועלען רעדוצירט ווערען אויף ווייניגער ווי 48 שטונדען א וואך."

„איהר ווייסט דאך מן הסתם, אז אין דעם אגרימענט, וואס איז ערשט אונטערגעשריבען געווארען מיט די ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס אין דער לידיעס ווייסט און דרעס אינדוסטריע, פאר וועלכער איהר ארבייט, איז פאראן דער פאלגענדער פונקט: „אז די קאנטראקטארס, וועלכע ארבייטען פאר די דרעס און ווייסט באלעבאטים, דארפען זיין יוניאן שעפער און אויפהאלטען די קאנדיציאנען און ארבייטס־סטענדארדס, וועלכע זיינען עטאבלירט ביי דער יוניאן אונטער דעם קאנטראקט פון דער יוניאן מיט'ן באלעבאס."

„מיר לאזען אייך דארום וויסען, אז לאקאל 66 האט באשלאסען צו עטאבלירען די 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך אין באנעז הענד עמבראידערי טרייד ניט שפעטער ווי דעם 10טען מארטש, 1919.

„אזוי ווי דיעזע ענדערונג ווערט געמאכט אונטער דער דירעקציאן פון אונזער אינטערנעשאנאל פרעזידענט, ברודער ב. שלעזינגער, פארזיכערען מיר אייך, אז די אינטערנעשאנאל וועט טאן אלעס מעגליכעס אפצושאפען די קאנקורענץ, וועלכע איהר באגעגענט פון ניט יוניאן עמבראידערי קאנטראקטארס אין די ווייסט און דרעס שעפער.

„מיר פאדערען אן ענטפער ניט שפעטער ווי דעם 3טען מארטש, 1919."

דאס איז דער אינהאלט פון בריעף. מיר ערווארטען א בלוטלאזען זיעג. אונזערע באלעבאטים וועלען זיך דאך אודאי ניט נאריש מאכען און פארפיהרען מיט אונז קריעג. זיי ווייסען, אז מיר זיינען ניט נאר גערעכט, נאר אז יעדער ווידערשטאנד פון זייער זייט נעגען דער 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך אין אונזער טרייד איז אבסאלוט [illegible]. ניט נאר פאדערען מיר א גערעכטע פאדערונג, מיר האבען אויך דאס כח אונזערע רעכטע צו פארטיידיגען.

די באסעס ווייסען, אז די אינטערנעשאנאל איז מיט אונז. די דרעס מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען ערשט געסיינט אגרימענטס מיט לאקאל 25, וועלען אודאי ראטען די עמבראידערי קאנטראקטארס מיט אונז קיין קריעג ניט צו פארפיהרען.

מיר ווילען ביי דיעזער געלעגענהייט אויסדריקען אונזער דאנק צו ברודער באראף און מארים זיגמאן, מענעדזשער און דזשאינט באארד, און זיין גאנצען גענעראל שטאב, וועלכע האבען אונז ניט פארגעסען, ווען זיי האבען געמאכט לעצטענס אן אלגעמיינע אינספעקשאן אין די [illegible] דרעס־שעפער:

זיי האבען אנגעזאגט די דרעס־מאנופעקטשורערס, אז די עמבראידערי ארבייט דארף געמאכט ווערען אין יוניאן שעפער".

לאקאל 66 אנערקענט דעם גייסט פון אמת'ער סאלידאריטעט און ברידערליכקייט, וואס באזעלט די לאקאלס פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל.

אסיפ וואלינסקי, מענעדזשער.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President
A. BAROFF, Sec'y-Treas.
S. YANOFSKY, Editor
E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Vol. I. Friday, February 28, 1919. No. 7.
Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

די באסעס אין דער מאסקע פון „ברידער-ארבייטער".

עס וועט קומען א צייט — אזוי האפען מיר — ווען די וועלט וועט באשטעהן בלויז פון ארבייטער, און ווען איינער דעם אנדערען וועט באגריסען מיט דעם ווירקליך שעהנעם נאמען: ברודער-ארבייטער (פעללאו ווארקער). אבער דערווייל איז נאך יענע שעהנע צייט ניטא. דערווייל איז די וועלט נאך צוטיילט אין די, וועלכע ארבייטען און אין די, וועלכע לעבען פון דעם ארבייטער'ס פראצע. דערווייל איז נאך די וועלט צוטיילט אין ארבייטער און באלעבאטים, און עס איז אמת פריקרע, ווען דער באלעבאס הויבט אן פלוצלונג באגריסען זיין ארבייטער אלס ברודער-ארבייטער.

ניט אפשר?

אנטקעגען וואס זאגען מיר עס? א קלייניגקייט, אבער דוקא זעהר א כאראקטעריסטישע, וואס פון איין זייט מאכט זי, די „קלייניגקייט", פאר יעדען קלאר, אז אויך די באסעס פון דער לידים ווייסט אסס'ן איז נעבעך א צער בעלי חיים, ווייל וואס, וואס, אבער לעבעדיגע נפשות זיינען זיי דאך! און פון דער צווייטער זייט מאכט זי קלאר, אז די באסעס האבען בענצליך פארלארען דעם פארשטאנד, אז זיי ווייסען ניט, אויף וועלכער וועלט זיי זיינען, און דערפאר זיינען זייערע טריקס אזעלכע אומגעלומפערטע, אז א בלינדער קען זיי אנטאפען.

די קלייניגקייט, פון וועלכער מיר רעדען, איז אן ענגלישער הענדביל, וואס איז אונז געקומען צו דער האנט. ער לויטעט ווי פאלגט:

ברידער ארבייטער:

מיר זיינען ארויס סטרייקען, אום צו קריגען א 44 שטונדיגע ארבייטסוואך און א העכערונג אין וויידזשעס. מיר האבען פארטרויט די דאזיגע אויפגאבע צו אונזערע אינטערנאציאנאלע בעאמטע, און אלס רעזולטאט איז פארגעקומען א שפאלטונג אין די רייהען פון די באסעס און א שפאלטונג אין די רייהען פון די סטרייקער. (איהר הערט א מעשה, א שפאלטונג אין די רייהען פון די ארבייטער! נאר לייענט ווייטער).

די יעניגע באסעס, וועלכע האבען זיך אפגעריסען פון דער אסס'ן, האבען אונטערגעשריבען מיט אונזער יוניאן, אבער זיי האבען ניט נאכגעגעבען קיין אנדער זאך, אויסער דאס וואס זיי וועלען פאלגען אירגענד וועלכען בשלום, וואס וועט אויסגעפיהרט ווערען צווישען אונזער יוניאן און די מיטגליעדער פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן. און אלס רעזולטאט, ארבייטען שוין איצט הונדערטע (מעהר ניט, ווי הונדערטע) אונזערע ברידער ארבייטער, וועהרענד אונזערע טויזענדע, וועניגער גליקליכע, האבען ניט קיין אנדער בעכוים, אויסער דעם, וואס מיר קריגען פון אונזערע ברידער ארבייטער.

לויט דער פרעסע, זיינען אונזערע מיטגליעדער גאר ענטציקט פון דעם „זיעג" צו האבען געקראגען א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך מיט געהעכערטע וויידזשעס, אבער דער פאקט איז, דאס מיר אלע קענען האבען דעמזעלבען זיעג, אויב אונזערע אינטערנאציאנאלע בעאמטע וואלטען זיך ניט איינגע'עקשנ'ט אויף דעם זאגענאנטען „רעוויו און דיסטשארדזשעס". ווארום זאל מען אונז ניט ערלויבען זיך צוריקצוקעהרען צו דער ארבייט אונטער יוניאן באדינגונגען און איבערלאזען די פראגע פון געצוואונגענער ארביטריישאן נאך דעם, ווי מיר וועלען שוין האבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט?

אויב אזוי פיהלען די מיטגליעדער, ווארום דאס ניט פארברייגען אויף דעם מיטינג פון די שעפער און די לאקאל יוניאנס?

קאטערס און אפערייטארס
יוניאן.

נו, ווי געפעהלט אייך אט דער הענדביל פון א קאמיטע פון קאטערס און אפערייטארס צו זייערע ברידער-ארבייטער? זאגט, דערקענט איהר ניט די ריכטיגע מאכער פון אט דעם גייסטרייכען הענדביל?

נאטירליך, האבען מיר ניט צו די באסעס פאר זייער איידעלען וואונש אנצומאכען מחלוקות צווישען די ארבייטער. דאס איז געווען אימער די טאקטיק פון אלע לומפען און טיראנען: „צוטייל און הערש" איז אן אלטער כלל. וואס מיר האבען אבער צו זיי, איז, דאס זיי טוען עס אזוי נאריש. עס איז פשוט א באליידיגונג פאר די אינטעליגענץ פון דעם סטרייקער און סטרייקערין, אז מען זאל גלויבען אויף איין מינוט, דאס דורך אזא גראבען טריק קען דער נאאיווסטער אדער די נאאיווסטע צווישען זיי פארפיהרט ווערען. יעדער ליגען אין דעם הענדביל שטעכט דאך ממש די אויגען אויס.

דער הענדביל האט עס ניט פארדינט, אבער דאך זאל ער דא אביסעל צוגלידערט ווערען, און זאלען די באסעס וויסען, ווי וועניג זיי קענען זיך פארמאסקירען, אום צו קענען האפען אויף דעם מינדסטען ערפאלג.

ליגען נומער איינס:

די באגריסונג „ברודער ארבייטער" איז אללרייט, אבער דאס גופא ווערט שוין געלייענט מיט פארדאכט, ווען פאר דעם ווערט געגעבען אן אויסצוג פון דער „ווארלד" אונטער דעם קעפעל: „עטוואס וואס זעהט אויס ווי א שפאלטונג צווישען די סטרייקער". וואלטען די באסעס געהאט עטוואס מעהר שכל, וואלטען זיי זיך געהיט צו ציטירען גלייך ביים אנפאנג אט דעם בלבול פון דער „ווארלד", וועלכער איז זייער אייגענע פאבריקאציע. זיי וואלטען פארשטאנען, אז צו קומען צום ברודער ארבייטער מיט דעם פרעכען ליגען פון כלומרשטדיגער שפאלטונג צווישען די ארבייטער, הייסט שוין גלייך פון אנפאנג זיך ארויסגעבען, הייסט שוין גלייך לאזען פאלען די מאסקע פון „ברודער ארבייטער" און זיך בלויז-שטעלען אין זייער גאנצער העסליכקייט, אלס באסעס.

ליגען נומער צוויי: „מיר זיינען ארויס אין סטרייק, אום צו קריגען א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך און א העכערונג אין וויידזשעס". א ליגען, איהר כלומרשטדיגע קאמיטע פון קאטערס און אפערייטארס! די ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק ניט בלויז פאר דאס. זיי האבען דאס געהאלטען פאר וויכטיג, אבער ניט פאר דאס וויכטיגסטע. א ראיה האט איהר, אז זיי זיינען געווען בארייט די דאזיגע פאדערונג איבערצולאזען צו ארביטריישאן. די ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק פאר זייער גרונד-רעכט ניט צו קענען ווערען געשעקט, לויט דעם הפקר-ווילען פון די באסעס, א רעכט, וועלכען די ארבייטער האבען שוין גענאסען יאהרען לאנג, און וועלכע די באסעס אין זייער בלינדקייט און חוצפה האבען באשלאסען אוועקצורייסען פון זיי. אט פאר דאס זיינען די ארבייטער ארויס סטרייקען. הערען באסעס, וואס מאסקירען זיך אלס קאמיטע פון קאטערס און אפערייטארס!

ליגען נומער דריי: „מיר האבען פארטרויט די דאזיגע אויפגאבע צו אונזערע אינטערנאציאנאלע בעאמטע?" וועלכע אויפגאבע האט איהר פארטרויט צו די אינטערנאציאנאלע בעאמטע? צו קריגען 44 שטונדען, א העכערונג אין וויידזשעס? אן אמת'ער ברודער ארבייטער וואלט קיינמאל ניט געזאגט אזא אונזין. די ארבייטער האבען צו קיינע בעאמטע גארניט פארטרויט, ווייל פריהער פון אלעמען האבען זיי זיך געטרויט, זייער יוניאן, זייער קראפט צו קעמפען און אויסצוהאלטען, מעג עס געדויערן ווי לאנג, ביז צום פאלשטענדיגען זיעג. און די אינטערנאציאנאלע בעאמטע זיינען דא אריינגעשלעפט געווארען פון די אזוי שלעכט פארמאסקירטע באסעס, אט טאמער וועט אויף אזא אופן דער ברודער ארבייטער לאזען זיך איינרייד'ן, אז ער איז נאר אין א סטרייק, ווייל אזוי ווילען די אינטערנאציאנאלע בעאמטע. וואס פאר א גראבער, נארישער ליגען דאס איז!

ליגען נומער פיער: „און אלס רעזולטאט פון די אנשטרענגונגען פון די אינטערנאציאנאלע בעאמטע איז געווארען א שפאלטונג אין די רייהען פון די באסעס, ווי אויך א שפאלטונג אין די רייהען פון די סטרייקער".

אה, איהר וועלף אין שעפסען-פעל, וואס פאר א נארען איהר זייט עס, ווען איהר האט געקענט שרייבען אזא אונזין. דערמיט אליין האט איהר זיך דאך שוין ארויסגעגעבען. א שפאלטונג צווישען די באסעס — דאס געוויס. א שפאלטונג איז גאר ניט דאס ריכטיגע ווארט. עס איז א פאלשטענדיגער צוזאמענברוך. אבער וואו איז דא די מינדסטע שפאלטונג צווישען די ארבייטער? וועמען שיט איהר זאמד אין די אויגען? וועמען מיינט איהר דא צו נארען?

ליגען נומער פינף: „הונדערטע פון אונזערע ברידער ארבייטער שוין איצט און קריגען וויידזשעס, וועהרענד טויזענדע פון אונז, וועניגער גליקליכע, מוזען לעבען אויף דעם בענעפיט, וואס מיר קריגען פון אונזערע ברידער ארבייטער".

נארישע אומגליקליכע באסעס, ווען איהר וואלט נאר עטוואס באגריפען די פסיכאלאגיע פון דעם סטרייקער, וואלט איהר זיך די פינגער ניכער אפגעהאקט, איידער איהר וואלט אנגעשריבען אזעלכע נארישע ווערטער, וואס גיבען אייך ארויס איינגאנצען מיט די קאפיטעס אייערע. פארשטעהט, אז פון דעם שטאנדפונקט פון סטרייקער זיינען די ברידער ארבייטער גארניט אזוי גליקליך, ווייל „זיי ארבייטען שוין און קריגען וויידזשעס". פאר דעם ארבייטער איז דאס גאר א קנאפע שמחה צו קריגען „וויידזשעס". און אזוי וואלט זיך אן ארבייטער קיינמאל, קיינמאל ניט אויסגעדריקט. איהר קענט ניט אייערע דאלען, איהר פורצעס, וואס איהר זענט. און די ארבייטער, וואס זיינען אין סטרייק, פיהלען זיך א האר ניט וועניגער גליקליך, ווי די, וועלכע ארבייטען שוין, ווייל זיי וויסען, אז פאר דעם ערפאלג פון קאמפף איז נויטיג, אז א טייל ארבייטער זאלען געהן צו דער ארבייט, און זאלען, ווי מען זאגט, שאפען די נויטיגע אמוניציע, און א טייל זאלען קעמפפען אויפ'ן פראנט. דא איז אלזא בלויז א נויטיגע צוטיילונג פון דער קאמפף-ארבייט, און איהר, העררען פארמאסקירטע באסעס, זיינט דא אומגעלומפערט אריינגעפאלען, וועלענדיג ארויסרופען א קנאה-שנאה צווישען די, וועלכע ארבייטען שוין, און די, וועלכע וועלען באלד זיך צוריקקעהרען זיעגרייך צו דער ארבייט.

עס קאן זיין, אז איהר באגרייפט ניט גוט אט דעם פונקט, טו לאמיר אנהם אייך צוקייען: געווען א צייט, ווען עס איז ווירקליך געווען געפעהרליך צו לאזען איין טייל סטרייקער געהן ארבייטען און דער צווייטער טייל זאל ווייטער קעמפפען. דאס איז געווען דאן, ווען די ארבייטער זיינען נאך געווען גייסטיג זעהר שוואך אנטוויקעלט, און די געפאהר איז געווען, אז די ארבייטער, וואס זיינען געבליבען אין קאמפף, זאלען זיך מתקנא זיין אן די וואס האבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט און אזוי ארום האט דער גאנצער קאמפף געקענט פארלארען געהן. די צייט איז אבער, גליקליכערווייזע, שוין לאנג אוועק. די ארבייטער, מיט וועמען איהר האט צו טאן, זיינען דענקענדע, ציעלבאוואוסטע ארבייטער, און עס איז ניטא איצט די מינדעסטע סכנה, צוליעב סטראטעגישע צוועקען, צו צוטיילען די מחנה קעמפפער, אין קעמפפער אויפ'ן פראנט און קעמפפער אין די שעפער. זיי פארשטעהען, אז זיי אלע טוען די נויטיגע ארבייט פאר איין און דעמזעלבען ציעל. דערפאר איז אייער טרחה צו וועלען אויפהעצען ארבייטער געגען ארבייטער פשוט אן אומזיסטע.

ליגען נומער 6: עס ארבייטען ניט, ווי איהר זאגט, איצט הונדערטע, נור טויזענדע; גארניט איבערטרייבענדיג, קענען מיר זאגען, אז עס האבען שוין פאלשטענדיג געזיעגט צווישען 15 און צוואנציג טויזענד סטרייקער. די, וואס ארבייטען נאך ניט, זיינען שוין איצט א מינאריטעט. און די סטרייקען און וועלען סטרייקען, ביז עס וועט נויטיג זיין, ביז איהר וועט נאכגעבען יעדע גערעכטע פאדערונג פון דער יוניאן.

ליגען נומער זיבען: „מיר קענען אלע האבען דעמזעלבען זיעג, אויב אונזערע אינטערנאציאנאלע בעאמטע וועלען זיך ניט איינשפארען אויף דעם זאגענאנטען „רעוויו און דיסטשארדזשעס!"

„זאגענאנטען" — דאס איז גרויסארטיג! אזוי וואלט גערעדט א יוניאן-מאן פון דאס, וואס איז פאר איהם דאס סאמע וויכטיגסטע אין דעם קאמפף? אה, איהר נארישע קאמעדיאנטען, ווי קענט איהר אנפיהרען אייערע ביזנעס מיט אזעלכע מאסקיטא-געהירנס? ווי פארשטעהט איהר עס ניט, אז אט דער זאגענאנטער „רעוויו און דיסטשארדזש" איז ניט אויסגעטראכט פון קיינע בעאמטע, — ניט נאציאנאלע, ניט אינטערנאציאנאלע, נור איז א ברענענדיגע לעבענס-פראגע פאר יעדען ארבייטער, פאר יעדען יוניאן מאן!

אט אזוי שוויבעלט און גריבעלט דער דאזיגער הענדביל מיט בלאפס און נארישקייטען, וואס א ווארט, דאס א געמיינהייט אדער אן אידיאטסטווא. און וואלטען מיר געוואלט אט דעם באסישען הענדביל ריכטיג צוגלידערען ווארט ביי ווארט, וואלט אונז די צייטונג ניט געסטאיעט. אבער עס איז גענוג. מיר האבען זיך נאר אפגעשטעלט אויף דעם הענדביל, אום צו ווייזען קלאר און דייטליך, ווי ווייט די באסעס האבען פארלארען זייערע קעפ, אויב זיי האבען ווען געהאט וועלכע, און אויך, אלס דעם בעסטען סמן, אז די באסעס זיינען ווירקליך אין אלע הינזיכטען צוגעשטופט צום וואנט, און אז אט, אט, און עס איז שוין נאר, גאר ניט ווייט פון זייער יציאת נשמה.

א ווארקערס קאונסיל אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע?

ריידענדיג וועגען דעם הענדביל פון די באסעס, קענען מיר שוין ניט פארשווייגען נאך אזא מין דאקומענטעל. מיר האבען אין אונזער באזיץ א פאסטעל-קארד, דורך וועלכער א מיטגליעד פון דער יוניאן, א סטרייקער, ווערט איינגעלאדען צו א מיטינג אין דעם נאמען פון א „ווארקערס קאונסיל". דער סעקרעטער שרייבט זיך אונטער ניט מיט זיין פולען נאמען, נאר מיט די אנפאנג-בוכשטאבען — פ. ב.

וואס איז דאס פאר א מין חיה? וואס איז עס פאר א ווארקערס קאונסיל? וואס וויל ער? וואס איז זיין אבזיכט? אפשר האט בדעה דער קאונסיל, דער „סאוועט" איבערצונעמען די גאנצע ווייסט-אינדוסטריע? דאס איז גארניט אזא שלעכטער פלאן, נאר ווארום זיך ניט ווענדען מיט דער דאזיגער גרויסארטיגער אידעע צו דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע? ווארום מאכען דערפון אזא סוד?

היינט ווער איז עס אט דער ווארקערס קאונסיל? פון וועמען איז ער אויסערוועהלט געווארען? פון די ארבייטער? אוממעגליך, קיינער האט פון קיינע אזעלכע וואהלען ניט געהערט. און אויך די ארבייטער ווייסען גארניט וועגען דעם, טו ווער איז פארט אט דער מיסטעריעזער „ווארקערס קאונסיל", וועמעס סעקרעטער האט מורא זיך אונטערצושרייבען מיט זיין פולען נאמען?

זאל אט דער ווארקערס קאונסיל זיין ווידער אמאל א ווערקציינג פון די באסעס, אדער זאלען עס זיין עטליכע נארישע אינגלעך און מיידלעך, וואס האבען א חשק זיך צו שפילען אין סאוועטען?

פארשטעהט זיך, אז ווי דאס זאל ניט זיין, איז דער גאנצער ווארקערס קאונסיל ניט פון דער מינדסטער באדייטונג פאר דעם ווייטערען אנגאנג און פאר דעם ערפאלג פון קאמפף. מיר האלטען עס אבער פאר אונזער פליכט צו ברענגען צו עפענטליכקייט אט די דאזיגע נארישע שפילעריי, גלויבענדיג, אז דאס אליין איז גענוג צו טויטען עס. אזא נארישקייט קען ניט לעבען אין ליכט פון דער עפענטליכקייט. עס איז ניטא דער מינדסטער גרונד, די מינדסטע נויטווענדיגקייט פאר אט דעם זאגענאנטען ווארקערס קאונסיל. ער האט ניט וואס צו טאן, ער קען גארניט טאן. דער סטרייק ווערט געפיהרט פון די פעהיגסטע מענשען, וואס די יוניאן, וואס די ארבייטער באוועגונג פארמאגט. זיי האט די יוניאן אויסערוועהלט, צו זיי האבען די ארבייטער דעם פולסטען צוטרוי, און זיי וועלען אויך דעם געשענקטען צוטרוי רעכטפערטיגען, ווי זיי האבען עס געטאן ביז איצט. און דערפאר איז דער זאגענאנטער ווארקערס קאונסיל, אויב די באסעס זיינען ניט הינטער דעם, פשוט א נארישע שפילעריי, מיט וועלכער קיין דענקענדער ארבייטער וועט און קאן ניט האבען די מינדסטע פארבינדונג.

ערשטער פריעדענס-ליגע פלאן

פון א. זעלדין.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 28, 1919, as required by the Act of Congress, apprroved Oct. 6th, 1917, knownas the "Trading with the Enemy Act."

דער פראיעקט פון דער פעלקער ליגע, וואס איז פארגעשלאגען געווארען פון פרעזידענט ווילסאן, אלס טשערמאן פון דער פעלקער ליגע קאמיטע, אויף דער פרידענס קאנפערענץ אין פאריז, האט שטארק ענטוישט די סאציאליסטישע און ראדיקאלע עלעמענטען אין אייראפא, אבער צו דערזעלבער צייט האט זי ניט וועניגער ענטוישט די אמעריקאנער און אייראפעאישע רעאקציאנערען. אויב די אמעריקאנער רעאקציאנערען לאזען הערען זייער שטימע א סך העכער פון די אייראפעאישע איז דאס נאר דערפאר, וואס די ערשטע פיהלען זיך א סך זיכערער פון די לעצטע. דאס באווייזט מעהר ניט, אז אין די אמעריקאנער קאנסערוואטיווע קרייזען איז מען א סך וועניגער געניינט אויף צו מאכען ענדערונגען, זאלען עס זיין די קלענסטע, ווי אין אייראפא. און אפשר איז דאס דערפאר, וואס פון דעם ענג-נאציאנאליסטישען אמעריקאנער שטאנדפונקט וועט אמעריקא גארניט קענען געווינען פון דער ליגע, נאר זי וועט דארפען ברענגען פאר איהר די גרעסטע אפפער.

די סאציאליסטען אבער, פון דער צווייטער זייט, האבען שוין גראדע זעהר א סך אורזאכען צו זיין אומצופרידען מיט דעם פראיעקט פון דער ליגע. ערווארטעט האבען זיי אן אמת'ע ליגע פון פעלקער און באקומען האבען זיי ניט מעהר, אין בעסטען פאל, ווי א ליגע פון רעגירונגען, אויב ניט א ליגע פון גרויסמעכטע. דערצו נאך ענטהאלט אין זיך די פראיעקטירטע ליגע קיין גאראנטיע געגען מלחמות, וואס דאס האט געדארפט זיין די הויפט אויפגאבע פון דער ליגע.

דער הויפט צוועק פון דער פעלקער-ליגע, ווי ער איז אויסגעדריקט געווארען פון פרעזידענט ווילסאן, האט געדארפט זיין צו שאפען אן אינסטרומענט וואס זאל פארמיידען מלחמות אין דער צוקונפט. די ליגע, ווי פרעזידענט ווילסאן האט זי פראיעקטירט, האט געדארפט זיין א פארבאנד פון אלע פעלקער, גרויס און קליין, שטארק אדער שוואך, און האט געדארפט אייגענטליך דיענען אלס א צוים אפצוהאלטען די שטארקערע זיי זאלען ניט באפאלען און אונטערדריקען די שוואכערע. די הויפט אורזאכע פון אלע מלחמות ליגט אייגענטליך אין דעם שטרעבען פון די פעלקער אויסצוברייטען זיך, ערווערבען זיך נייע מארקעט און עראבערען נייע קאלאניעס, וואו זיי זאלען קענען אפזעצען דעם איבערפלוס פון זייער פראדוקציאן, אדער קאפיטאלען, און וואנען זיי זאלען קענען ציהען די רויהע מאטעריאלען, וואס זיינען נויטיג פאר זייערע אינדוסטריען. אט דער שטרעבען איז הויפטזעכליך ענטוויקעלט אין די גרויסע קאמערציעלע און אינדוסטריעלע לענדער און ווען די פעלקער ליגע וואלט ווירקליך געווארען אן אינסטרומענט צו פארהיטען מלחמות אין דער צוקונפט, וואלט זי געדארפט נאטירליכערווייזע ווערען א באשיצערין פון די קלענערע, שוואכערע פעלקער אנטקעגען די גרעסערע און שטארקערע. ווי זי איז אבער פארגעשלאגען געווארען פון דער קאמיטע וועט זי, זעהט אויס, דערגרייכען פונקט אן אנטגעגענגעזעצטען ציעל.

פון די 26 פונקטען פון דער פראיעקטירטער קאנסטיטוציע פון דער ליגע, זיינען די וויכטיגסטע נאטירליך די, וואס דארפען באווארענען די וועלט געגען מלחמות אין דער צוקונפט. פאר דעם צוועק ווערט געפלאנעוועט צו שאפען א קערפערשאפט, אדער ווי מען רופט עס אויפ'ן דיפלאמאטישען לשון, אן אינסטרומענט, וואס זאל דעם צוועק דורכפיהרען אין דער פראקטיק. ווען מען אנאליזירט אבער אט דעם אינסטרומענט גענוי, זעהט מען איין, אז זיין אויפגאבע וועט זיין ניט צו פארמיידען מלחמות, נאר צו פארבאטען מלחמות. די הויפט אויפגאבע פון דער ליגע, ווי זי ווערט פראיעקטירט, וועט זיין צו פארבאטען מלחמות געגען די פינף גרויס-מעכטע וואס זיינען די גרינדער פון דער ליגע און געגען די אלע איבעריגע מיטגליעדער, וואס די פינף גרויסמעכטע וועלען אריינגעהמען.

אבוואהל די קאנסטיטוציע פון דער ליגע איז ברייט גענוג אריינצונעהמען אלע פעלקער פון דער וועלט, איז זי אבער געווען פארזיכטיג גענוג צו באווארענען, אז די פינף גרויס-מעכטע—ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען, אמעריקא און יאפאן — זאלען האבען אין איהר די הויפט דעה. דאס ווערט באווארענט מיט דעם פונקט אין דער קאנסטיטוציע, אז די פארשטעהער פון די גרויסמעכטע זאלען צוזאמענשטעלען די עקזעקוטיווע קאמיטע פון דער ליגע צוזאמען מיט די פארשטעהער פון נאך פיער לענדער, וועלכע וועלען שפעטער אריינגענומען ווערען.

די ליגע וועט באשטעהן פון א זאגענאנטער דעלעגאטען קערפערשאפט, פון פארשטעהער פון די איבעריגע לענדער, וואס וועלען זיין מיטגליעדער פון דער ליגע און אן עקזעקוטיווע קאמיטע וואס וועט באשטעהן פון די פארשטעהער פון די פינף גרויסמעכטע. אין דער קאנסטיטוציע איז ניטא קיין פונקט וואס זאל באשטימען א געוויסען קאנטראל איבער דער עקזעקוטיווע קאמיטע און מען קען דעריבער רעכענען, אז די עקזעקוטיווע קאמיטע וועט האבען אן אומבאשרענקטע מאכט, ווי דער אמעריקאנער סופרים קאורט, למשל.

אלס מיטגליעדער פון דער ליגע וועלען אריינגענומען ווערען אזעלכע לענדער, וואס וועלען נאכקומען די רעגעלען און די רעגולאציאנען, וואס די גרינדער וועלען באשטימען. וואס די רעגעלען און רעגולאציאנען וועלען זיין ווערט ניט געזאגט און זיי קענען אזוי אויסגעארבייט ווערען אז א סאציאליסטישע רעפובליק, צום ביישפיעל, זאל ניט קענען געפינען קיין פלאץ אין איהר.

אבער וויכטיגער פון אלץ זיינען די פונקטען וועגען ענטוואפנונג, וועגען ארמייען און וועגען דער פראדוקציאן פון אמוניציע. אין דער פראיעקטירטער קאנסטיטוציע זיינען די פונקטען אזוי אויסגעארבייט, אז זיי קענען אויסגעטייטשט ווערען אויף פארשיידענע אופנים. אין פרינציפ האט די קאנסטיטוציע ערקלערט, אז די ארמייען פון די פארשיידענע מיטגליעדער פון דער ליגע דארפען זיין ניט גרעסער, ווי עס איז אבסאלוט נויטיג פאר דער „היימישער זיכערקייט" פון די באטרעפענדע לענדער. יעדע רעגירונג וועט, אלזא, קענען אויפהאלטען אזא ארמיי, וואס לויט איהר מיינונג, וועט זיין נויטיג פאר איהר „היימישער זיכערקייט", ד. ה. צו פארזיכערען זיך געגען גרויסע ארבייטער אונרוהען, אדער ראסען אונרוהען, אדער רעוואלוציעס. אבער אויסער דעם, ווערט אין דער קאנסטיטוציע געזאגט אז מען וועט זיך דארפען רעכענען מיט ספעציעלע „געאגראפישע אומשטענדען" פון יעדען לאנד באזונדער. פראנקרייך, למשל, דענקט, אז זי געפינט זיך אין ספעציעלע „געאגראפישע אומשטענדען", דערפאר וואס זי גרענעצט זיך מיט דייטשלאנד און דערפאר וועט איהר זיין ערלויבט צו האלטען א גרעסערע ארמיי. דיזעלבע ספעציעלע „געאגראפישע אומשטענדען" קענען אנגעווענדעט ווערען אין באצוג צו פוילען און פיעלייכט נאך אנדערע.

וואס אנבעלאנגט דער פראדוקציע פון אמוניציע, האט די קאנסטיטוציע בלויז אויסגעדריקט א וואונש, אז דאס זאל געטאן ווערען פון די רעגירונגען אליין און ניט פון פריוואטע פאבריקאנטען צוליעב פראפיטען.

דערפאר איז דא א פונקט אין דער ליגע קאנסטיטוציע, וואס גאראנטירט אלע איהרע מיטגליעדער די גאנצקייט פון זייערע טעריטאריאלע און קאלאניאלע באזיצונגען. דאס מיינט צו זאגען, אז אלע מיטגליעדער פון דער ליגע וועלען דארפען אנווענדען אלע מיטלען וואס די קאנסטיטוציע פארשרייבט, מלחמה אריינגערעכנט, צו העלפען יעדען מיטגליעד פון דער ליגע ווען א צווייטע לאנד וועט וועלען ביי איהם צונעהמען א טייל טעריטאריע, אדער קאלאניע, אדער אפילו אונטערצודריקען אויפשטאנדען אדער רעוואלוציעס, ווען א פראווינץ אדער א קאלאניע וועט זיך וועלען פון איהם אפרייסען.

די ליגע לאזט איבער אין קראפט די אלע אפמאכונגען וואס זיינען דא צווישען די פארשיידענע רעגירונגען, וואס זיינען געשלאסען געווארען פריהער מיט דער איינציגער רעפארם וואס די אפמאכונגען וועלען מעהר ניט קענען זיין קיין געהיימע, ווייל זיי וועלען דארפען רעגיסטרירט ווערען ביים סעקרעטער פון דער ליגע און יעדער מיטגליעדער פון דער ליגע וועט זיך מיט זיי קענען באקאנען.

ווי אזוי די ליגע וועט ארבייטען אין דער פראקטיק איז נאך איצט שווער פאראויסצוזעהן, ווייל א סך זאכען הענגען נאך אין דער לופט, ווי למשל די פראגע פון די פיער לענדער וואס וועלען אויך ווערען מיטגליעדער אין דער עקזעקוטיוו. עס איז נאך ניט באוואוסט, ווי אזוי די ליגע רעכנט צו האנדלען מיט דייטשלאנד, רוסלאנד, די געוועזענע טערקישע און עסטרייכער אימפעריעס. וועט די ליגע וועלען אריינעהמען אט די לענדער, אדער א טייל פון זיי, אויב זיי וועלען בלייבען אונטער דעם קאנטראל פון סאציאליסטישע רעגירונגען? דאס איז נאך א פראגע וואס פאדערט אן ענטפער. אבער עס איז שווער צו פארשטעלען זיך אזא זאך זאל קענען פאסירען כל זמן די לענדער וואס גרינדען די ליגע וועלען בלייבען אונטער דער הערשאפט פון די איצטיגע אדער עהנליכע רעגירונגען.

וואס עס זעהט זיך אן שוין באשטימט איז, אז די ליגע וועט דיענען אלס א גאראנטיע פאר די לענדער וואס זיינען ארויס זיעגרייך פון דער מלחמה, אז זיי זאלען זיין זיכער מיט'ן זיעג. יעדע איינע פון זיי ווערט גאראנטירט מיט דעם הילף פון די איבעריגע אין פאל אן אנדער לאנד וועט וועלען מיט דער צייט אפנעהמען א פראווינץ אדער א קאלאניע, אדער אין פאל א פראווינץ אדער א קאלאניע וועט זוכען זיך אפרייסען דורך אן אינערליכער רעוואלוציע.

אין דער הינזיכט איז די ליגע ניט קיין פארבעסערונג איבער די פריהערדיגע אליאנצען, וואס זיינען געשלאסען געווארען צווישען פארשידענע רעגירונגען, אדער גרופען פון רעגירונגען. דער אונטערשייד איז בלויז דער, וואס די פריהערדיגע אליאנצען האבען געשטרעבט צו א באלאנס פון מאכט אזוי אז קיין גרופע זאל זיך ניט לוינען אנצופאנגען א מלחמה, וועהרענד די ליגע שטרעבט צו קאנצענטרירען די גאנצע מאכט אין דער ליגע אזוי אז קיינער זאל ניט קענען אדער ניט וואגען אנצופאנגען א מלחמה געגען א מיטגליעד פון דער ליגע.

וואס פאר א ווירקונג די ליגע קען האבען אויף אמעריקא איז א גאנץ באזונדערע פראגע, וועלכע פארדיענט באהאנדעלט צו ווערען אין א באזונדער ארטיקעל.

ליעדער

פון ה. גודעלמאן.

1

פיעלע שעה אין טאג,
פיעלע טעג אין וואך
געה איך נאך זיי-נאך
מיט פארדראס,
ווי עס געהט,
צוגעבונדען אויף א קייט,
א הונט נאך זיין נייעם באלאבאס.
יעדער שארך פון זייער קלייד,
יעדער ריהר פון זייער גליד,
שאפט מיר וועהטאג,
שאפט מיר פרייד,
מאכט מיך לעבהאפט,
מאכט מיך מיעד,
און אין הארצען טיעף ביי זיך
זינג איך שטיל צו זיי א ליעד.

2

כ'ליעב אייך, כ'ליעב אייך!
„פראסטע ווערטער צוויי,
א געמאכטער ליעבעס-וועה,"
ווייס איך, וועט איהר זאגען,
ווייס איך, וועט איהר טראכטען,
און נקמה'דיג דאן שמייכלען.
איך וועל אבער שטיל דעם וועהטאג
אין מיין הארצען טראגען,
ווי א שאטען בלאנדזשען
אין די ווייסע פראסטיגע פארנאכטען,
פון אלעמען פארפרעמד,
פון אלעמען פארשעמט,
שפירען דעם געמאכטען ליבעס-וועה,
מורמלען שטיל די פראסטע ווערטער צוויי:
כ'ליעב אייך, כ'ליעב אייך!

3

כ'האב ליעב רויטען שפילעוודיגען וויין!
ווייל איך רויטען שפילעוודיגען וויין,
הויב איך אן די ליפען זיי'רע זויגען;
ווייל איך באדען זיך אין פריהלינגס שיין,
קוק איך טיעף אריין אין זיי'רע אויגען.
הויב איך אן צו ווערען שיכור
פון דעם רויטען שפילעוודיגען וויין,
פון דעם פריהלינג יום טוב'דיגען שיין,
ווערט מיין פרייד דאן העלער, שענער,
און מיין אומגליק קלענער, קלענער;
הויב איך אן צו ווערען ניכטער,
טאנצט די זינד אויף זייערע געזיכטער.
ס'וויל זיך דאן פון זיי באפרייען
און מיין אייגען פנים פארשפייען.

4.

טוט מיט מיר שוין וואס איהר ווילט,
כ'טו צו אייך געהערען;
מעגט איהר גוטס טאן אדער שלעכטס,
איך וועל אייך ניט שטערען.
כ'וועל ווי אימער אייך, נור אייך
האבען בלויז אין זינען,
ווי עס דינט א שקלאף זיין האר,
וועל איך אייך אויך דינען.
וועט איהר חוזק'ען פון מיר,
ניט מיין טרייהייט שאצען, —
וועל איך ליידען אין דער שטיל
ביז מיין הארץ וועט פלאצען.

די פוילישע דיכטערין פון אידישען עלענד

פון ל. לאקסאן.

גאנץ אפט פלעגט מען זי זעהן אויפ'ן מארק אין גראדנא. אט שטעלט זי זיך אפ און הארכט זיך צו, ווי די מארק־אידענעס שעלטען און קריגען זיך איבער א פאר גראשען פרנסה. און אט נעהמט זי צו צו א מארק־אידענע, נעהמט ארויס פון איהר קאשיק עפעס־וואס, וואס איז ווערט א קאפיקע אדער צוויי, און גיט איהר א גאנצען גילדען אדער א גריוונע און נעהמט קיין רעשטע ניט. ביי א צווייטער אידענע קויפט זי ווידער עפעס, גיט ווידער א גילדען אדער מעהר פרעגט ביי איהר אויס וועגען איהר חיתה, וועגען איהר דירה, וועגען איהר מאן און איהרע קינדער.

קיינער האט ניט געוואוסט ווער זי איז און די מארק־ווייבער פלעגען זי רופען „די גוטע פריצ'טע", אדער „די גוטע פאניע". א, וויפיעל מאל פלעגען די עלענדע מארק־ווייבער מאכען שבת פון דעם געלד פון דער גוטער פריצ'טע!

און אמאל פלעגט די „גוטע פאניע" ווינטער פון אוונט אריינגעהן אין א קלויז און א בליק טאן, ווי די עלענדע קלויזניקעס זיצען איבער די גרויסע פארשטויבטע גמרא'ס און שאקלען זיך, אדער זי פלעגט אריינגעהן ביי א אידען א מופלג און זיך מיט איהם דורכשמועסען וועגען עולם הבא, וועגען אידיישע לעגענדען, וועגען די תנאים און וועגען דער אידיישער אמונה. איהר האט געצויגען צום פראסטען הארעפאסנעם אידען, צום אידישען מופלג, צום אידישען רב.

שפעטער איז מען געוואהר געווארען, אז די דאזיגע „גוטע פריצטע" איז די פוילישע שריפטשטעלערין עליזא ארזשעשקא, וואס האט מיט אזוי פיעל ליעבע, מיט אזוי פיעל מענשליכקייט געשילדערט דעם אידען אין איהרע ראמאנען און ערצעהלונגען.

עליזא ארזשעשקא איז געווען גוט באקאנט מיט'ן אידישען לעבען, מיט די אידישע מנהגים און טראדיציעס, מיט די לעגענדען פון תלמוד און מדרשים. זי האט טיף אריינגעבליקט אין דעם אידען'ס נשמה און האט זי פארשטאנען. און איהר בליק אויפ'ן אידען איז געווען אן אלזייטיגער: זי האט גוט געקענט דעם אידישען מופלג, וואס לעבט מיט דער פאעזיע פון תלמוד און קבלה, זי האט אויך געקענט דעם איינפאכען הארעפאסנעם אידען, וואס לעבט אין דחקות און אין נוים. און איהר טיפע ליעבע צום אידישען פאלק האט זיך ניט באשרענקט מיט דער אידיישער געגענווארט. אין איהר באוואוסטען ראמאן „מירטאלא" פון דער צייט פון חורבן האט די דיכטערין אריינגעבליקט אין דער הערליכער אידישער פארגאנגענהייט. אין דעם דאזיגען ראמאן שילדערט עליזא ארזשעשקא די לעצטע אידישע העלדען, וואס האבען זייערע לעבענס מקריב געווען אין קאמפף מיט די רוימער.

עליזא ארזשעשקא האט באלאנגט צו דער פוילישער אריסטאקראטיע, זי איז אבער געווען זעהר, זעהר ווייט פון דער אנגעבלאזענקייט פון דער פוילישער אריסטאקראטיע. די אריסטאקראטישע וועלט האט איהר ניט צופרידען געשטעלט.

יא, אזעלכע נאטורען ווי עליזא ארזשעשקא קענען זיך ניט צופרידען שטעלען מיט א וועלט פון א הייפעלע מענשען. זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליעבע צו דער גאנצער מענשהייט, זי איז געווען געבענטשט דערמיט, וואס געלערנטע רופען: „דאס קאסמישע געפיהל", ווען דער מענש פיהלט זיך באהעפט מיט דער גאנצער וועלט, מיט אלע מענשליכע ברואים אויף דער וועלט, ווי מיט דער גאנצער נאטור. קיינער פון די פוילישע שריפטשטעלער האט ניט געשריבען אזוי פיעל פון אידישען לעבען, ווי זי. אין איינער פון איהרע ערצעהלונגען פון אידישען לעבען שרייבט זי:

„גרויסער גאט! וועט איהר מיר מוחל זיין, וואס איך מאך אייך באקאנט מיט חיה איטע'ן די אלטווארג־הענדלערקע, וואס פארנעהמט אזא נידריגען שטאנד אין דער געזעלשאפט? וועט איהר ניט זאגען, אז דאס פאסט ניט און דאס איז איבריג? ווארום וואס פאר א שייכות איז פאראן צווישען אייך און אן אלטווארג־הענדלערקע? ענטשולדיגט! איך האב האלט די אלטע חיה איטע'ן און בעת איך קוק זי אן, דאכט זיך מיר שטענדיג, אז צווישען אונז איז דא אן ענגער בונד. און איך, און זי, ביידע צוגלייך געהערען מיר צו דער גרויסער, אומגליקליכער געזינד, וואס רופט זיך — מענשהייט. וואס אנבאלאנגט איהר נידריגען שטאנד אין דער געזעלשאפט, איז אויב א געזעלשאפטליכע לאגע וואלט אויסגעמאסטען געווארען מיט פרעצע און ליידען, קאוויר איך אייך, אז חיה איטע די אלטווארג־הענדלערקע וואלט אויף איהרע עלטערע יאהרען אויסגעוואקסען זעהר הויך."

„ניט אלע מאל איז חיה איטע געווען אן אלטווארג־הענדלערקע. איהר פארגאנגענהייט... איך האב א מאדנע שטרעבונג צו טרעפען די פארגאנגענהייט פון אזעלכע באשעפעניסען מיט צוקניטשטע פנים'ער, מיט רויטע אויסגעוויינטע אויגען. איינמאל, געדענק איך, האב איך געזעהן אין אן אויסלענדישער בילדער גאלעריע אזא סארט בילד. לאנג בין איך געשטאנען פאר דעם דאזיגען פארוועלקטען פנים און האב קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען אויף אנדערע שעהנע לאנדשאפטען און וואונדערליכע בילדער פון דאמען אין זיידענע און סאמעטענע קליידער. איך האב נאר געקוקט אין די אויסגעלאשענע אויגען און האב זיך אליין געפרעגט: ווי האסטו אויסגעזעהן אין דער יוגענד? וואו האסטו געלעבט? וועמען האסטו געליעבט? וואסערע ליידען און פריידען, פעהלערן און מאטערניסען האסטו דורכגעלעבט און דורכגעפיהלט, איידער מ'האט דיר צום קבר געבראכט, וואו דו וועסט זיך לעגען אזא אויסגעמאטערטע?"

„וועט איהר מיר גלויבען? קיין זאך אין לעבען האב איך ניט געוואלט אזוי שטארק, ווי צו וויסען די געשיכטע, פון אנהויב ביז'ן אויסלאז, פון אלע ערנידריגטע, ארימע, שפל'ע, באליידיגטע, פון בייזען שיקזאל אויסגעמאטערטע?"

די גרעסטע מעלה פון עליזא ארזשעשקא, אלס שריפטשטעלערין, איז געווען איהר גוט הארץ. אפילו דארט, וואו זי האט געזעהן ארימקייט, אומוויסענקייט, פארגרעבטקייט און זשאר פארברעכען, האט זי געפיהלט, אז דאס איז נאר די אויבערשטע קארע. ניט אלץ, וואס גלאנצט איז גאלד, און זי האט געוואוסט, אז אונטער די גראבע, פראסטע קליידער קלאפט א מענשליך הארץ מיט די פיינסטע מענשליכע געפיהלען. און זי האט זיי אנטפלעקט פאר דער וועלט.

עליזא ארזשעשקא האט געגלויבט, אז דאס שלעכטס, וואס קומט פאר אין דער וועלט איז ניט, ווייל דער מענש איז בטבע א שלעכטער, נאר דערפאר ווייל דער מענש לעבט אין חושך פון דער אומוויסענהייט און ווי א בלינדער געהט ער דורך די וועלט. זאל נאר אריינשיינען דאס ליכט פון בילדונג, און דער נעכטיגער גזלן וועט זיך ארויסווייזען פאר דעם בעסטען ליבפולסטען מענשען. אין איהר ראמאן „דזורדזיא" באקענען מיר זיך מיט א רייהע פערזאנען, וואס האבען אויס אבערגלויבען גע'הרג'עט א מענשען, און וועלכע זיינען אמת'ן נאר ניט אזוי שלעכט, ווי עס קומט אוים אויפ'ן ערשטען בליק. נאך מעהר, פיאטער דזורדזיא, וועלכער איז איינער פון די, וואס האבען אויפגעהויבען די מארד־וואפען, איז פיעל בעסער און פיהלט א סך איידעלער און טיפער ווי מאנכע ריכטער, וואס טראגען ארוים א באשולדיגונגס־אקט און פארשיקען מענשען אויף קאטארגע. אין איהר ראמאן „חאם", וואו סימבאליש טרעפען זיך צוזאמען די זינדיגע שטאדט מיט דעם דארף, באווייזט עליזא ארזשעשקא, אז ביי די „חאמעס" — אזוי רופט אן די שטאדט דעם פויער — לעבט אן איידעלערער געוויסען, ווי ביי א סך פון די שטאדט־לייט, מעגען זיי אפילו זיין מענשען מיט בילדונג.

מיט א באזונדער ליעבע האט זי האלט געהאט איבערצוחזר'ן דעם לעזער דעם אלטען טיפען געדאנקען, אז יעדער מענש דארף זיין בכח צו פארגעסען אן זיך און די קליינע אייגענע צרות, אום צו קענען זיך אריינפיהלען אין דאס לעבען פון צווייטען און דאס לעבען פון כלל. „דאס מענשליכע לעבען", — זאגט זי — „גיט אונז א סך קוואלען פון וואנען מיר קענען באקומען דעם באלזאם צו אלע אונזערע וועהטאגען. נאר אום צו באקומען דעם באלזאם מוזען מיר קענען פארגעסען א ווייל'ע אן דעם אייגענעם חומר. א מענש מוז קענען דערהויבען זיין נשמה אזוי הויך, אז זי זאל אלץ ליעב האבען און פיהלען צו אלץ א הדרת הכבוד.

אין אן אנדער ארט ערקלעהרט זי אונז דעם פראצעס פון צו באקומען דעם דאזיגען באלזאם:

„פון קורצזיכטיגען און בלינדען המון שיידט זיך אפ א הייפעל מענשען, וואס נייגען זייער בליק צום מענשליכען לעבענס־שטראם. מיט שארפזעהענדיגע אויגען, וואס זיינען באליכטעט פון אן אינווענינסטען ליכט, זיינען זיי בכח צו זעהן אין דעם שטראם אלץ, אלץ. צוויי כחות לעבען אין די דאזיגע מענשען, א געזונטער גייסט, א חשק צו צוברעכען יעדען שאלעכץ, וואס לאזט ניט זעהן די יאדרע, און, צווייטענס, א ליבשאפט צום מענשען, צום לעבען בכלל, צו דער גאנצער וועלט. צוזאמען מיט די ביידע קרעפטען, וואס ווערען געבארען אין קאפ און אין הארצען, קומט נאך צו דער הייסער רצון אנדערע נוצען צו ברענגען, דעם פאלק צו דיענען מיט לייב און לעבען; מיט דער בילדונג פון מוח, מיט די געפיהלען פון הארצען. אט אזוינע מענשען — מען רופט זיי דענקער, פארשער, פאעטען — ענטדעקען אין לעבענס־שטראם דעם ברוד, אבער צוזאמען מיט'ן ברוד געפינען זיי קריסטאלען און פערלען, טראפענס בלוט און טראפענס פון מענשליכע טרערען. און זיי זאמלען צונויף די פערלען און טראפענס, טראגען דאס ארוים פון די ברודנע טיפקייטען און לעגען דאס צו די פיס פון דער מענשהייט, פארגרעסערן דערמיט די אוצרות פון מענשליכע אידעען און אידעאלען. נאר אזוינע מענשען זיינען בכח צו געפינען דעם זעלטענעם באלזאם."

ארזשעשקא האט באלאנגט צום דאזיגען הייפעל זעלטענע מענשען. זי געהט צום פראסטען פאלק, זי גראבט זיך אינ'ם איינפאכען לעבען פון דארפישען פויער, פון פראסטען הארעפאסנעם אידען. אומעטום זוכט זי פון דעם ברוד אפצושיידען דאס ריינע, דאס קריסטאלענע. און וויבאלד זי געפינט אין די ברודנע טיפקייטען א פערל, א קריסטאל, טראגט זי עס ארוים פאר דער וועלט און זאגט: זעהט, מענשען, ווי נאריש איהר זייט! צוליעב דעם ברוד ווילט איהר ניש זעהן דעם פערל; ווערט שארפזעהענדיגער א ביסעל און איהר וועט אויך מאכען אזעלכע ענטדעקונגען, ווי איך.

צווישען איהרע גרעסטע אידישע ווערק זיינען: „מאיר יאזעפאוויטש" און „עלי מאקאווער". אין „מאיר יאזעפאוויץ" האט עליזא ארזשעשקא געוואלט באשרייבען די אידישע נשמה מיט איהר ריינקייט און קדושה. זי האט זיך באמיהט צו ווייזען דער קריסטליכער וועלט די גרונד־פרינציפען פון דער אידישער גייסטיגער קולטור צוליעב וועלכע דער איד ברענגט אזוי פיעל קרבנות. ניט נאר האט זי געשילדערט די פארצוואורטע אידישקייט, נאר אויך די נייע שפראצונגען אויפ'ן אלטען אידישען בוים.

„עלי מאקאווער" איז גאר ניט קיין סימפאטישער טיפ. ער איז די אורזאך, פאר וואס דאס פוילישע דארף געהט אריבער אין פרעמדע הענד. עלי מאקאווער נוצט אוים די פעהלערן פון די פוילישע פריצים, כדי מיט דער צייט אריינצוכאפּנען זייערע מאיאנטקעס. דאס איז א שפין, וואס כאפט אריין אין נעץ די ארימע פליגען און זויגט זיי אוים ביז אויף טוים. אבער אויך אין דעם פאל ווייזט ארזשעשקא ניט ארוים קיין שנאת צו עלי מאקאווער, זי זייהט ניט קיין שנאת. זי באווייזט, אז דא איז ניט דער איד שולדיג, נאר די פארדארבענהייט פון פוילישען פריץ. צווייטענס, אז חוץ דעם אידען זיינען דא פאליאקען, וואס טוען דאס אייגענע, וואס עלי מאקאווער. מאקאווער איז ווי א שפין פאר'ן פוילישען פריץ, אבער ניט פאר זיינע אייגענע ברידער. מאקאווער לעבט מיט א דאפעלטער מאראל; וואס ער ערלויבט זיך קעגען די גוים, וועט ער זיך קיינמאל ניט ערלויבען קעגען אידען. צוליעב די אייביגע אפגעשיידענקייט איינער פון אנדערען, איז דער איד ניט מסוגל צו קוקען אויפ'ן פאליאק ווי אויף אן אייגענעם. און ארזשעשקא חזר'ט איבער די אלטע ווערטער: זעהט, אז די מענשען זאלען ווערען געבילדעטער, אויפגעקלעהרטער און די אפגעשיידקייט וועט פארשווינדען. אן אויפגעקלעהרטע עלי מאקאווער וואלט אנשטאט שאדען געקענט ברענגען די גרעסטע נוצען.

חוץ די צוויי דערמאנטע זאכען האט ארזשעשקא געשריבען אנדערע קירצערע ערצעהלונגען פון אידישען לעבען: „שמשון הגבור", „גדליה", „גיב א בלום", „ריינגען" און אנדערע.

ארזשעשקא האט אויך געהאט א גאנץ ברייטע ידיעה אין פילאזאפיע און אין נאטור־וויסענשאפט. זי איז געשטארבען אין 1910 אין עלטער פון 68 יאהר.

אין סטרייק

פון מרים קארפילאוו.

דער רייכסטער פון די בראדוויי'ער פאטאגראפערס האט פון די מעהרסטע טעאטערע גרויסע ארדערס אנגענומען און די ארימע ארבייטער זיינע האבען באשלאסען אז דאס איז די בעסטע צייט געווען א פאדערונג פאר בעסערע באדינגונגען ארויסצושטעלען.

א באהאלטענע אבער טיכטיגע פראפאגאנדע איז אין רעטושארען־אפטיילונג אנגעפיהרט געווארען. ווי קליין די צאהל (ארום 40) ארבייטער עס זיינען דארט געווען, האבען זיך צווישען זיי א היבש ביסעל פון פארשיעדענע נאציאנאליטעטען געפונען. און אויף די אידישע, די שפראכען קענער, איז אויסגעפאלען דער גורל די איבריגע צו אגיטירען.

מעהר צרות ווי מיט אלעמען האט משה מיט איהר שכנ'טע, קנוט האמסון'ס א לאנדס־מיידעל, פריאקען אנסאווער, געהאט. „א מענש", האט זי אין געבראכענעם ענגליש געזאגט, „אז ער האט נאר ארבייט, דארף ער זיצען און ארבייטען, ניט זוכען קיין טראבעל. די רוסישע זיינען אונרוהיגע מענשען; אז איינעם פון זיי איז ניט גוט, מאכט ער אזוי, אז אלע זאלען זיין אונצופרידען. מיט זיך צוגלייך זוכט ער אלעמען צו מאכען בעסער. ער זארגט זיך פאר אלעמען און אלע דארפען זיך פאר איהם זארגען!"

„אזוי דארף עס זיין: איינער פאר אלעמען און אלע פאר איינעם", — האט משה גוטמוטיג געזאגט.

„אבער דערפון קומט ארוים טראבעל!" — האט די נארוועגישע אויסגערופען. „פאר אזא זאך ווי וועלען מעהר וויפיעל מ'גיט קען דער באס בייז ווערען און נאר די ביזנעס צומאכען!"

„נו, דאס וועט ער ניט טאן", האט משה געזאגט. „בייז ווי ער זאל ניט ווערען, וועט ער זיך אפילו קיין ארדער ניט לאזען אנווערען"...

פריאקען אנסאווער האט אונצופרידען, ווי פאר זיך, פראטעסטירט געגען די נייע ארדנונג וואס די אונצופרידענע האט זיך פארוואלט איינפיהרען. זי האט זיך פאר די רייכע אנגענומען: זיי איז אויך ניט גוט. זיי האבען אויך ניט אלץ וואס זיי ווילען. זיי האבען זייערע טראבעלס, און זי וועט זיי ניט טראבלען. זאלען זיך די וואס ווילען געהן סטרייקען, זי וויל ניט.

משה האט איהר רוהיג געענטפערט, אז — — ווי זי וויל ניט, וועט זי מוזען געהן מיט אלעמען, ווען ס'וועט דערצו קומען, ווייל אויסער דעם וואס עס קען זיין ניט אנגענעהם אליין אין גאנצען פלאץ צו פארבלייבען, איז עס נאך דערצו מיט א געוויסע געפאהר פארבונדען; די באיעם וועלען עס ניט וועלען ליידען, און אז מ'וועט ניט געהן מיט גוטען וועלען זיי הייסען מיט בייזען. — — מ'דארף זיך פריהער גוט באדענקען וואס דאס הייסט... און מ'דארף גיכער דענקען ווייל... מארגען, קען זיין, וועט שוין ניט זיין קיין צייט צו דענקען, מ'וועט דארפען געהן.

ביים מיטינג, וואס מ'האט דעם אוונט פאר דעם „מארגען" אפגעהאלטען, איז באשלאסען געווארען, אז אלע זאלען קומען צו דער ארבייט. קיין איין דעמך

שכירות און לעבענסמיטלען נאך דער מלחמה

פון מ קאלטשין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Feb. 28, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווען די מלחמה האט נאך געפלאקערט, און אונזערע אפיציעלע ארבייטער־פיהרער האבען פון קיין אנדער זאך, אויסער מלחמה, ניט געוואלט הערען, האבען אונזערע קאפיטאליסטען געהאלטען אין איין גרייטען זיך צו דעם נאך־דער־מלחמה פעריאד. געווים, זיי האבען געקויפט ליבערטי־באנדס, האבען געגעבען נדבות צום רויטען קרייץ און האבען געהאלטען זעהר פיינע פאטריאטישע רעדעס, אזוי ווי אמת'ע פאטריאטען דארפען טאן; אבער בעת מעשה האבען זיי ניט פארגעסען זייער שטיקעל פרנסה אויך. אט נעהמט, צום ביישפיעל, דעם נייעם פלאן פון די באנקירען פון אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך, לויט וועלכען די „ארימע אויסלענדישע אינוועסטארס" אין מעקסיקא וועלען באשיצט ווערען. עס איז א פלאן, וועלכער האט ניט געקענט אויסגעארבייט ווערען מיט אמאל, גלייך נאך דעם ווי די מלחמה האט זיך געענדיגט. מר. מארגאן, מר. שיף און די איבעריגע „באשיצער" פון די אינוועסטארס, האבען מסתמא שוין לאנג אנגעהויבען טראכטען וועגען דעם און האבען אויסגעטראכט.

און בכלל, ווער עס געדענקט די אלע קאפיטאליסטישע קאנפערענצען, קאנגרעסען און קאנווענשאנס, געדענקט אויך, אז די קאפיטאליסטען האבען זיך באצייטענס אנגעהויבען גרייטען צו פרידען און צו די פרידענס פראבלעמען. עס איז גענוג דורכצוקוקען דעם באריכט פון דער לעצטער „פאריין טרייד קאנפערענץ", אום צו זעהן, ווי אזוי שטער און ענערגיש די „פאריין טריידערס" האבען געארבייט אין צייט פון מלחמה פאר פרידענס ענינים. איינינע האבען זיך געגרייט צו פארכאפען דעם אינטערנאציאנאלען מארק פאר זייערע טעקסטיל־פראדוקטען; אנדערע האבען געטראכט וועגען בויען בריקען און אייזענבאהנען אין די אפגעשטאנענע און רואינירטע לענדער, ווייל זיי האבען אייזען און שטאל; נאך אנדערע האבען געזארגט וועגען דער פרייער, אומבעארבייטער לאנד אין די „ווילדע מדינות", וואו אזוי פיעל רויהע שטאפען קענען אויסגעארבייט ווערען, און איבער אלע זיינען געווען די באנקירען, וועלכע האבען געזארגט וועגען די „ארימע אינוועסטארס", האבען געטראכט וועגען קאנצעסיעס און זיינען בכלל ניט געשלאפען.

די ארבייטער האבען געשוויגען און שווייגען. זיי דענקען, אז דאס אלעס האט מיט זיי גארניט צו טאן. דער אמת איז, אז אט די אלע קאפיטאליסטישע פלאנען האבען זעהר פיעל צו טאן מיט די ארבייטער. מיר זיינען דאך נאך ניט פטור געווארען פון דעם לעצטען קריעג, מיר וועלען איהם פיהלען לאנג און אפילו אונזערע קינדער וועלען איהם אויך פיהלען.

די ארבייטער האבען געשוויגען. זיי האבען אויך געשוויגען, ווען די קאפיטאליסטען האבען זיך געגרייט צו אן אטאקע אויף די אמעריקאנער ארבייטערשאפט. בלויז איין מאל איז מר. גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייש־אן אוו לייבאר, ארויסגעקומען מיט א ווארנונג צו די קאפיטאליסטען, אז די ארבייטער זיינען ניט קיין לעמעלעך און זיי וועלען זיך ניט לאזען בריינגען אונטער דעם יאך פון אונזערע יונקערס. דאס איז געווען ווען מר. בארד, פון דער פאונדערס אסאסיאיישאן, האט ערקלערט, אז עס איז געקומען די צייט צו אפרעכענען זיך מיט די ארבייטער פאר זייער אכט־שטונדען ארבייטס־טאג, הויכע שכירות א. ז. וו., אבער דאס אלעס. א ווארנונג איז דאך אבער ווייניג, צו אן אטאקע דארף מען זיין גרייט, און געגרייט האט מען זיך ניט.

די קאפיטאליסטען האבען דערווייל שטילערהייט און אמאל אפענערהייט געמאכט אלע פארבערייטונגען צום קלאסען־קאמפף. און ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, ווען די מלחמה ארבייטער האט מען גענומען אוועקשיקען, ווען די סאלדאטען האט מען אנגעהויבען דעמאביליזירען, הכלל, ווען עס האבען זיך באוויזען טויזענדע ארבייטסלאזע, האבען די קאפיטאליסטען אנגעהויבען זייער אטאקע. אין ביוט, מאנטאנא, האבען די מאגנאטען פון די קופער מינען ערקלערט, אז די ארבייטער וועלען קריגען מיט א דאלאר א טאג ווייניגער שכירות. און ביוט איז ניט דער איינציגער פלאץ. אין דער פינאנציעלער בייליגע פון דער „איוונינג פאסט" דערצעהלט א קארעספאנדענט, ווי קלוג די הערשער פון דער שטאל אינדוסטריע זיינען. זיי האבען דורך א „דיפלאמאטישען שניט" אפגעשאפט דעם אכטשטונדען ארבייטסטאג און אויך ארונטערגעריסען די שכירות. געטאן האט מען עס אזוי: ביז אהער האבען די ארבייטער געהאט אן אכט־שטונדען ארבייטס־טאג און א „טיים ענד א האף" פאר אווערטיים. אזוי האט די נעשאנעל וואר לייבאר באארד געפסק'ענט. איצטער האבען די שטאל־מאגנאטען באשלאסען אנדינגען די ארבייטער ניט פון וואך און ניט פון טאג, נאר פון דער שטונדע. עס איז ניט קיין אכט־שטונדען טאג ארבייט, נאר א שטונדע ארבייט. וויפיעל ארבייט צוויי, זעקס, צוועלף שטונדען. און קיין אווערטיים איז אויך ניטא, ווייל אז עס איז ניטא קיין רעגולער טיים, איז אויך ניטא קיין אווערטיים. די שכירות זיינען טאקי געבליבען דיזעלבע, אבער פארדינען פארדינט איצטער דער ארבייטער ווייניגער. און די שטאל און אייזען־מאגנאטען ערקלערען גאנץ עפענטליך דורך זייער זשורנאל „די אייראן אייזדש", אז די ארבייטער מוזען פארשטעהן, אז „עס זיינען פאראן גענוג אנדערע ארבייטער, וועלכע ווארטען צו פארנעמען זייערע פלעצער און אז עס איז איצטער ניט אזוי גרינג צו געפינען א נייעם דזשאב".

וואס איז פארגעקומען אין ביוט, מאנטאנא, וואס ווערט געטאן אין דער שטאל אינדוסטריע, ווערט אויך געטאן אין פיעלע אנדערע שטעדט און אינדוסטריעס, הגם מען הערט ווייניג דערפון. און די קאפיטאליסטען האבען א גוטען תירוץ. זיי טענה'ן, אז נאך דער מלחמה וועלען די פרייזען אויף לעבענס מיטלען זיין נידעריגער, די לעבענס קאסטען וועלען זיין קלענער. און צו אט דיעזער טענה הערט מען זיך צו, די קאפיטאליסטען ציהען די סימפאטיע פון איינינע געזעלשאפטליכע שיכטען אפילו ווען זיי טוען דאס וואס זיי האבען געטאן אין ביוט, מאנטאנא און אין דער שטאל אינדוסטריע. אין דער אמת'ן איז די מעשה מיט די לעבענס־קאסטען גארניט אזא קלאהרע, און אפילו ווען די פרייזען זאלען פאלען, וואלטען די ארבייטער אויך געהאט ווייניגער איידער פאר דעם קריעג, ווייל די פרייזען זיינען די גאנצע צייט געשטיגען שנעלער איידער די שכירות.

עס איז כדאי צו באטראכטען דאס ווייניגסטע, וואס די ארבייטער מוזען האבען אויף אן אנשטענדיגען לעבען. צוריק מיט א יאהר האט די רעגירונג, די ביורא אוו לייבאר סטאטיסטיקס, געמאכט אן אונטערזוכונג פון די הוצאות פון די שיפיארד ארבייטער אין ניו יארק. די אונטערזוכונג האט באוויזען, אז יעדער ארבייטער פאמיליע גיט ארום דורכשניטליך 1348 דאלאר א יאהר אויפ'ן לעבען. און די ארבייטער פאמיליען האבען זיך געקענט פארגינען זעהר ווייניג לוקסוס. דאס קען מען זעהן דערפון, וואס אין דער זעלבער צייט (מיט א פאר מאנאטען פריהער) האט דר. פעיקזאטא, פון קאליפארניער אוניווערסיטעט אויסגערעכענט, אז דאס ווייניגסטע וואס אן ארבייטער פאמיליע מוז האבען אויף צו לעבען איז 1476 דאלאר א יאהר. פאראיאהרען, ווען די נעשאנעל וואר לייבאר באארד האט אונטערזוכט דעם סכסוך צווישען די קאפיטאליסטען און ארבייטער פון סיאטעל און טאקאמא (וואשינגטאן) סטריט קארס, האבען די ארבייטער צוגעשטעלט א מינימום בודזשעט פאר אן ארבייטער פאמיליע, לויט וועלכען עס איז אויסגעקומען, אז די ארבייטער מוזען האבען 1917 דאלאר א יאהר. און די באארד אוו ארביטריישאן פון דער נעשאנאל וואר לייבאר באארד האט, נאך א לענגערע אונטערזוכונג, באשלאסען, אז דער בודזשעט פאר אן ארבייטער פאמיליע איז 1505 דאלאר א יאהר.

דאס איז געווען מיט העכער א יאהר צוריק. פאר דעם יאהר 1918 האבען זיך די פרייזען פיעל פארגרעסערט. די אינדאסטריעל קאנפערענץ באארד פון באסטאן, די ארגאניזאציע, וועלכע פארייניגט כמעט אלע גרויסע נאציאנאלע מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס, האט אין יוני אונטערזוכט די יסודות פארשלעפט און לויט דער אונטערזוכונג קומט אויס, אז בלויז פאר דער ערשטער העלפט פון 1918 זיינען די לעבענס־קאסטען געשטיגען ארום זעקס פראצענט. און זינט יוני האבען מיר געהאט א פארגרעסערונג פון רענט פון ארום צעהן פראצענט, און די פרייזען אויף עסענווארג און קליידונג זיינען איצטער אויך ניט קלענער איידער זיי זיינען געווען אין יוני 1918. פאריאהרען, לויט „די אנאליסט", א זשורנאל, וועלכער ווערט ארויסגעגעבען פון דער ניו יארק „טיימס", זיינען די פרייזען אויף עסענווארג געשטיגען, פון יוני 1918 ביז יאנואר 1919, אויף העכער זעקס פראצענט. אט ווייניגסטען זיינען די פרייזען אויף לעבענס־מיטלען געשטיגען פון יאנואר 1918 ביז יאנואר 1919 אויף ארום צעהן פראצענט. און אויב פאראיאהרען איז א מינימום בודזשעט פאר אן ארבייטער פאמיליע געווען ארום 1500 דאלאר א יאהר, איז דער מינימום בודזשעט איצטער געווים ניט ווייניגער. געווים, זינט לעצטען מאנאט זיינען די פרייזען אויף איינינע ארטיקלען געפאלען, אבער זייער פאל איז ניט מעהר דערווייל פון 1½ פראצענט, לויט דעם זעלבען „אנאליסט".

און ווי האלט עס וועגען שכירות? פארדינען טאקע די אמעריקאנער ארבייטער אזוי פיעל ווי זיי דארפען אויף א לעבען? לויט דעם לעצטען (יאנואר) נומער פון דעם „בולעטין", וועלכער ווערט ארויסגעגעבען פון דער ניו יארק סטייט אינדוסטריעל קאמישאן, זיינען די דורכשניטליכע שכירות אין ניו יארק 23.18 א וואך. אפילו אז די ארבייטער זאלען ארבייטען שטענדיג, 52 וואכען א יאהר, וואלטען זיי געהאט בלויז 1206 דאלאר א יאהר, וואס איז פיעל ווייניגער פון דעם מינימום. הייסט מוז מען דאך נעמען אין אנבעטראכט דאס, וואס זעהר זעלטען זיינען די ארבייטער באשעפטיגט א קיילעכדיג יאהר.

אבער די קאפיטאליסטען האלטען אין איין טענה'ן, אז די ארבייטער פארדינען צופיעל, אז זייערע שכירות מוזען ארונטערגעריסען ווערען. די פאטריאטען, וועלכע האבען אין צייט פון קריעג געפלאקערט, וועט א קאמפף געגען די ארבייטער אין צייט פון פריעדען, זוכען א בארעכטיגונג פאר זייערע אטאקעס אויף דעם „אינערליכען שונא". און געוויסע געזעלשאפטליכע שיכטען גלויבען אין דער „פעירי טייל" וועגען הויכע שכירות און אין דעם אז די פרייזען אויף לעבענסמיטלען זיינען פיעל געפאלען.

פאר זעהר פרידליבע מענשען אין באצוג צו זייער אייגענער בורזשואזיע און פאר זעהר קאמפלוסטיגע מענשען בנוגע צו די סאציאליסטען פון אנדערע לענדער.

אזוי זאגט איהר. און איהר האט א סך, א סך צו זאגען וועגען דעם דאזיגען ענין. און איך האלט זיך ביי מיינעם: זעהט, ווי ריזיג עס איז אויסגעוואקסען די סאציאליסטישע מאכט!

און איך האלט זיך ווייטער ביי מיינעם: זעהט בכלל דעם פראגרעס. וואס מיר האבען שוין געמאכט, און איהר וועט באלד זעהן, וואס עס וועט ווייטער זיין. באטראכט — זאג איך — די גוואלדיגע ערפינדונגען, וואס מען האט געמאכט בעת דער מלחמה און זעהט, וואס פאר אן איבערקערעניש אין אונזער לעבען די ערפינדונגען וועלען ערשט מאכען.

וואס מיך אנבאלאנגט, זעה איך פאר זיך א וועלט א שיינע, א וועלט א רוהיגע, א וועלט אן אנדערע, א וועלט א שפאגעל־נייע מיט נייע מענשען, נייע פיהרונגען, נייע באגריפען — אלץ נייע.

איך זעה:

א מענשהייט מיט גלעזערנע אויגען, מיט שטאהלערנע אויערען, מיט לעדערנע קעפ, שטאלענע הענט און הילצערנע פיס. דאס איז פון איין זייט. און פון דער צווייטער זייט א פריינטשאפט א גאנצע, א נאטירליכע, א ליבענסלוסטיגע און אן ארבייטענדע. און דאס איז זעהר וויכטיג און, אויב איהר ווילט, פיקאנט.

איך:

א דייטש פאלק, אן אונגאריש פאלק און א סך אנדערע פעלקער, וואס האבען פאר דער צייט און דער מלחמה זיך אפגעוואוינט פון עסען און זיינען אפשר אין גאנצען פטור געווארען אונ'ם מאגען מיט'ן אפענדיקס. און איך זעה שוין באצייטענס, ווי די גאנצע מענשהייט ווערט פטור פון דעם מאגען מיט'ן אפענדיקס מיט דער געוועהנהייט צו עסען.

און דערנאך זעה איך שוין אלס רעזולטאט פון דעם פריהער געזאגטען:

א מענשהייט, וואס דארף ניט עסען, דארף ניט ארבייטען. און א מענשהייט, וואס דארף ניט ארבייטען, איז א פרייע מענשהייט. פריי צו ליגען אויפ'ן בעט און שפייען אויף דער סטעליע. פריי צו שרייבען אין צייטונגען די עהרליכסטע מיינונגען. פריי צו ליעבען. פריי חתונה צו האבען און פריי זיך צו גט'ען. פריי ביים געבורט. פריי ביז'ן טוים. פריי און גליקליך שטענדיג און איביג.

און איך זעה ווייטער:

אין רוסלאנד האט מען בעת דער מלחמה אויפגעהערט צו טרינקען. אין אמעריקא האט מען צו ענד פון דער מלחמה פארבאטען צו טרינקען. דערווייל רוסלאנד און אמעריקא און שפעטער די גאנצע וועלט. און די גאנצע וועלט, וואס איז פריי פון מאגען און פון ארבייט — זעה איך — זיצט טאג און נאכט אין ליטעראַרישע און קינסטלערישע קאפעען, זויגט מעט און דעקלאמירט.

און די ליכטיגסטע געדאנקען ווערען געבארען. און די נאבעלסטע אידעען ווערען פראפאגאנדירט. און די שענסטע שטיקער ליטעראטור ווערען געשאפען. און די גאנצע וועלט איז אזא קלוגע, אזא אויפגעקלערטע און אזא ליטעראַריש־קינסטלערישע.

און ביי אלעם דעם וועלען דאך קיין יובילעאומס און קיין ליטעראַרישע אווענדען ניט זיין.

און אט אזוי זעה איך פאר זיך א גליקליכע מענשהייט.

און אויב עס וואלט ביי מיר אמאל געווארען א צווייפעל, טאמער וועט אזא מענשהייט זיך פיהלען אומעטיג, פארגעסט איך באלד די געשיכטע און זאג אזוי:

און אויב עס וועט אונז זיין לאנגווייליג, האט די לעצטע מלחמה אויך דאס פארזארגט. זי האט ערפונדען אזוי פיעל נייע, מאדערנע, וויסענשאפטליכע מעטאדען אוועקצושיקען מענשען אויף יענער וועלט, אז צו יעדער צייט וועט א פריינד קענען קומען צו א פריינד, אדער א בירגער צו זיין שטאאט אדער א פאלק צו דער נאציאנען־ליגע און אפצולירען: אומעטיג, פריינד מיינער!... און אין איין סעקונדע וועט דאס אומעטיגע לעבען זיין צו ענדע.

און די וועלט וועט זיך ווייטער לעבען אן איוויג זאטע, אן איוויג זארגלאזע, אן איוויג פרייע, אן איוויג גליקליכע.

ווי געפעלט אייך אזא וועלט?

א בריעף צום רעדאקטאר

ווערטהער רעדאקטאר: —

דעם 28טען יאנואר זיינען די לידיס וויסט מייקערס פון עטליכע ניו הייווענער שעפער ארוים אין סטרייק פאר קירצערע שטונדען, העכערונג פון ווייזשעס און אנערקענונג פון דער יוניאן. זיי ווילען פארבעסערען זייער אייגענעם לעבען און ווילען אויך ניט טאן קיין סקעב־ארבייט פון ניו יארק. ביז יעצט האבען זיי געארבייט 53 שטונדען פאר פון 6 ביז 14 דאלאר א וואך. דער וויים פרעזידענט פון דער אינט. לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, מר. לעפקאוויץ, האט זיך געווענדעט צו דעם היגען בראנטש פון דער אידישער פעד. ס. פ. און דער בראנטש האט גערופען א קאנפערענץ פון 16 ארבייטער ארגאניזאציאנען, ווי די בראנטשעס פון ארבייטער רינג, פועלי ציון, יוניאנס, א. אז. וו., צו באטראכטען מיטלען, ווי צו העלפען די סטרייקערינס. די אידישע מיידלאך זיינען גלייך ארונטער און אויך א טייל איטאליענישע, נור ס'זיינען פארבליבען א געוויסע צאהל סקעבס, וועלכע ווערען פארטיידיגט דורך אלע פינסטערע כחות פון שטאדט אין דער צייט, ווען די אידישע „אויך־מיר־באסעס" באריהמען זיך, אז זיי וועלען קיינמאל ניט באשעפטיגען קיינע אידישע מיידלאך, ווייל זיי זיינען רעוואלוציאנערקעס און „באלשעוויטשקעס". די פיקעטס ווערען ארעסטירט און דורך פארשידענע עדות, וועלכע פלאנטערען זיך יעדעס מאל, ווען דער לאייער נעהמט זיי אוים'ן פארהער, ווערען די מיידלאך שטראפירט מיט געלד־שטראף. די מיידלאך זיינען אבער ענטשלאסען צו קעמפפען ביז א זיגרייכען ענד, און ווייזען די באסעס אז מיט בויאנעס וועלען זיי דעם סטרייק ניט ברעכען.

יצחק יפה,
סעק. פון פרעס קאמיטע.

דער פראבלעם פון א היים פאר דער ארבייטער־מיידעל

פון דזשוליעט סטוארט פאינטץ

איינע פון די ערנסטע פראגען אין דעם לעבען פון דער ארבייטער פרוי, איז ווי צו געפינען א היים. כאטש די לעבענס־באדינגונגען פון דער ארבייטס־פרוי זיינען ניט ווייניגער וויכטיג פאר איהר ווי די ארבייטס־באדינגונגען, איז פארלויפיג צו דעם כמעט גאר קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט געווארען, ניט פון דער ארבייטס־פרוי אליין און ניט פון די וואס זיינען פאראינטערעסירט אין העלפען איהר אויסבעסערען די לאגע. די פראגע, וואו צו וואוינען איז פאר איהר א גאנץ ערנסטע. די בעלי בתים, וועלכע פארנעהמען זיך מיט דער „עפישענסי" פון די ארבייטער אלס מאשינען, האבען עטאבלירט די שעפער אין וועלכע הונדערטע טויזענדע ארבייטער פרויען פארברענגען זייער לעבען, און די ארבייטער שטרענגען זיך אן, דורך זייער אייגענע באארדס, ווי א שטיינער, דער „דזשוינט באארד און סאניטארי קאנטראל," צו זעהן, דאס אין שאפ זאל כאטש איינגערמאסען זיין ריין און ערטרעגליך. ווען דיזעלבע ענערגיע און דיזעלבע סומע געלט וואס ווערט פארברויכט אויפצופאסען אויף די שעפער וואלט פארברויכט געווארען צו ארגאניזירען ארבייטער היימען, וואלטען מיר זיכער שנעלער דערגרייכט א בעסערע וועלט.

עס איז ניט נויטיג צו דערמאנען דער ארבייטס מיידעל די אומבאקוועמליכקייט וואס זי האט און די צרות וואס זי לייד אין די עטליכע שטונדען וואס זי דארף געניסען דאס פארגעניגען פון לעבען. נאכ'ן שווערען טאג ארבייט אין שאפ, וואלט זי געגליכען קומען א היים, אין א ריינעם, שטילען אייגענעם ווינקעל, וואו צו קאנען זיך אפרוהען און זיך געפינען אין אן אנגענעהמער אטמאספערע. און איז דאס דען אזוי פיעל, ווען עס ווערט פארלאנגט פאר דעם גאנצען טאג ארבייט וואס ווערט געווידמעט צום גאט פון פראפיט, — א קליין צימערעל, עטוואס גרעסער ווי א קאסטען, מיט לופט און זונשיין, א שטיקעל פלאץ צום לעזען און א פלאץ וואו צו טאן די נויטיגע הויז־ארבייט, א פלאץ וואו אמאל אויפצונעמען פריינד אין קאמערדען? גאנץ אנדערש זעהט אבער אויס אין דער ווירקליכקייט דאס בילד פון דער ארבייטער מיידעל'ס לעבען! אן עלענבויגען קאמף פאר א פלאץ אין א סטריט קאר אדער די סאבוויי, א לאנגע רייזע אין אן אנגעפאקטער קאר דערשטיקט צו ווערען, אהן א פלאץ זיך צוזוזעצען, וואס מאכט אייך נערוועז, און דאס אריינקומען אין אן אומעדיגער, קליינער רומקע, ערגעץ אין א וואנט, מיט גאנץ ווייניג לופט, און אפט דארף מען נאך דארט וואוינען זאלבענאנד. דער קליין צימערעל געפינט זיך אין א קליינעם פלעט, וואו עס וואוינען מאן און ווייב מיט קינדערלאך און די „מיסעס", וועלענדיג פארדינען א פאר עקסטרא דאלאר, גיט אפ דער מיידעל א שטיקעל פון דעם ענגען פלאץ וואס זי האט פאר איהר אייגענער פאמיליע. די מיידעל וואס דינגט דעם צימער, ווערט אזוי נאך קינצליך אריינגעשטויסען אין א פרעמדען פאמיליען לעבען, און וועלכען זי מוז זיך פיהלען אלס א ניט געבעטענער גאסט.

אונטער אזעלכע אומשטענדען קאן זי קיין מאל ניט זיין אליין פאר זיך. זי האט זעלטען ווען א שטילע, רוהיגע מינוט. וואשען און פרעסען מוז זי אין דער אלגעמיינער קיך. קוים א שטיקעל פלאץ וואו צו שלאפען. אלע לעבענס־פונקציאנען מוזען געטאן ווערען דורך אנווארפען זיך אויף יענעם. אפילו אונטער די בעסטע אומשטענדען, ווען זי קאן שוין יע זיך פארגינען האבען א גוטען, ריינעם, צימער מיט לופט און זונשיין, האט זי נאך אלץ ניט דאס געפיהל, אז זי האט שוין געפונען א היים.

די ווייטקייט צווישען שאפ און דער היים איז אויך א וויכטיגע פראגע צום באטראכטען. אין ניו יארק און אין אנדערע אינדוסטריעלע צענטערן, דארפען די ארבייטער מיידלעך אויסקלייבען, ענטוועדער וואוינען אין ענגען, צוזאמענגעפאקטען, אונגעזונטען געגענד, אדער פארברויכען א טייל פון דעם שווער פארהארעוועטען געלט, און א גרויסערן טייל פון זייער צייט, וואס איז נאך טייערער ווי געלט, דאס ארומפאהרען אהין און צוריק, צו דער בעסערער נאכבארשאפט.

אט דאס מקריב זיין פון צייט און געלט, איז כמעט דאס זעלבע ווי א פארלענגערונג פון דער ארבייטס־צייט און א פארקלענערונג פון די שכירות, און איז געוועהנליך אויך שעדליך פאר'ן געזונד. דא איז ווירקליך דא ווענוג פון וואס זיך אויסצוקלייבען, בלויז צווישען טייוועל און דעם טיפען ים.

די איצטיגע לעבענס צושטאנדען פון דער ארבייטס פרוי קאנען לענגער ניט געדולדעט ווערען. דעם ארבייטער'ס רעכט צו א היים מוז ווערען שארף ארויסגעשטעלט.

די ענגלישע רעגירונג, צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון איהר הונדערט יעהריגער אינדוסטריעלער ערפאהרונג, האט איצט אויפגעוואכט, איינזעהענדיג די נויטיגקייט פון בעסערע היימען פאר'ן ארבייטער פאלק, און איז פארטיג צו פארברויכען גרויסע סומען געלט צו בויען ארבייטער היימען. אין פאריז, ווי מיר דערוויסען זיך, דער צענטער פון דער פראנצויזישער קליידער אינדוסטריע, אין וועלכער עס זיינען באשעפטיגט טויזענדער פרויען, ווערען געמאכט גרויסע פלענער צו באזארגען די ארבייטער פרויען מיט בעסערע היימען. דא אין אמעריקא פארדען מיר נאך אלץ ארום, אפילו ווייניג וואס דענקענדיג וועגען דיזע פראבלעמען, וואס גרייפען אזוי שטארק אן אונזער לעבען און גליקזעליגקייט. עס איז אמת, אן אנפאנג זיך צו פארנעהמען מיט דעם פראבלעם איז שוין דא געמאכט געווארען דורכ'ן ארגאניזירען קאאפעראטיווע הייזער. עטליכע אזעלכע הייזער זיינען עטאבלירט געווארען פון די ארבייטער מיידלעך אין די לעצטע פיער יאהר מיט א מעהר אדער ווייניגער ערפאלג.

די מעהרסטע אזעלכע הייזער זיינען עטאבלירט געווארען אויף אן אונריכטיגען באזיס, אבער די הויז פון אונזער איינענער לאקאל 25, וואס איז ארגאניזירט געווארען און ווערט געפיהרט מיט דער מאראלער און פינאנציעלער הילף פון דער יוניאן, האט געשאפען א פיעל פארשפרעכענדע באוועגונג. די גרויסע, גליקליכע ווייסט מאכער פאמיליע האט זיך געשאפען אן אמת אייגענע היים, אין וועלכער זיי פארזוכען צום ערשטען מאל דאס פארגעניגען פון אמת'ער פרייהייט און קאמעראדשאפט. זייערע נעט, שעהן אויסגעראמטע צימערען, פול מיט פרישער לופט און זונשיין, זייער גרויסער, לעבהאפטער, דרעס־צימער, אין וועלכען די פאמיליע קלייבט זיך אויף מיטאג צייט; דער זאל מיט ביכער, בילדער און די אנגענעהמע ווארימקייט, — ווי אנדערש דאס איז פון דעם בילד פון דער אומבאקוועמליכקייט און איינזאמקייט וואס כאראקטעריזירט געוועהנליך דאס לעבען פון דער ארבייטער מיידעל! און ווי אנדעריש און פארשידען דאס איז אויך, פון די פארשידענע באשרענקטע, איינגעשרומפטע „היימען פאר ארבייטער מיידלאך", וועלכע ווערען פארוואלטעט פון מאנכע רעליגיעזע פאראיינען און אידעאליסטישע פילאנטראפען. אין א „יוניטי הויז," אנגעפיהרט און פארוואלטעט פון די יוניאן מיידלעך זעלבסט, איז אימער פאראן אן אטמאספערע, ניט נור פון פאלשטענדיגער פרייהייט און אונאפהענגיגקייט, נור דארט הערשט אויך א גייסט פון געגענזייטיגער ליעבע, א ליעבע צו דער זאך וואס העלפט די רעוואלוציאנערע אידעאלען.

ביי דער היינטיגער צייט פון נייע האפנונגען פאר דער ארבייטערשאפט, דארף פיעל אויסגעבוייט ווערען די באוועגונג פאר קאאפעראטיווע היימען פאר די ארבייטער פרויען. אין אנפאנג קאן אפשר געמאכט ווערען פון א קליינער גרופע פריינד, אין א קליינעם אפארטמענט, צו וואס מען דארף ניט האבען קיין סך געלד אויף אנצופאנגען. נאטירליך, א סך מעהר קאן ווערען אויפגעטאן, מיט דער הילף פון די ארבייטער'ס ארגאניזאציאנען. יעדע טרייד יוניאן וואס האט א באדייטענדע צאהל פרוי'ען מיטגליעדער דארף באשאפען אזא מין „רעוואלווינג פאנד", אויסצובארגען געלט פאר דעם צוועק צו די קאאפעראטיווע גרופען צווישען זייערע מיטגליעדער, און דאס געלט זאל אפגעגעבען ווערען אזוי גיך ווי די אונטערנעהמונג קאן שוין שטעהן אויף די איינענע פיס און דאס געלט זאל נאכדעם פארליהען ווערען צו א צווייטער גרופע. א פאנד פון א פאר טויזענד דאלאר קאן אין דער הינזיכט אויפטאן וואונדער, און ניט בלויז פאר דער באקוועמליכקייט פון די מיטגליעדער, דאס מוז אויך פיהרען צו א בעסערען, אינטעליגענטערען פארשטעהן פון דעם ווערט פון דער יוניאן און אלע פאזען פון דעם ארבייטער'ס לעבען.

אין דער פראגע, ווי צו געפינען א היים פאר דער ארבייטער פרוי, דארף די קאאפעראטיווע באוועגונג שפילען א גרויסע ראלע און די יוניאן דארף אין דעם באהילפיג זיין. די העכערונג פון שכירות איז טאקע גאנץ גוט, אבער דאס קאן האבען א פיעל גרעסערען ווערט און מעהר באדייטונג, ווען די ארבייטער לערנען זיך אויס צו לעבען קאאפעראטיוו, צוזאמען, פאר זייער אלעמענס טובה.

ווען דער ערפאלג פון אינדוסטריע וועט געמאסטען ווערען לויט דעם מענשליכען וואוילזיין, און ניט בלויז לויט די פראפיטען, וועט דאס ווארט „עקאנאמיע" זיך צוריקקערען צו זיין אריגינעלער, גריכישער באדייטונג, — די וויסענשאפט פון איינשאפען זיך א היים. און איבער דער ארגאניזאציאן פון ארבייט, וועלען מיר האבען די ארגאניזאציאן פון לעבען, איבער דער קונסט פון פראדוצירען וועלען מיר האבען די קונסט פון פאנאנדערטיילען, די קונסט פון פארברויכען. שטעהענדיג ביי דעם שוועל פון אן אנקומענדער נייער צייט, קאנען די ארבייטער שוין איצט א סך אויסברייטען און פארפיינערען זייער לעבען, זיי קאנען ענטוויקלען א סך בעסערע לעבענס־באדינגונגען טאקע שוין איצט.

א נייע וועלט

פון א. וואהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Feb. 28, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

איך קען ביז איצט ניט פארשטעהן, ווי אזוי מיר האבען עס געוואוסט, אבער געוואוסט האבען מיר דאך.

ווי עס האט נאר אויסגעבראכען די מלחמה, האט זיך א פריינד באגעגענט מיט א פריינד און האט איהם געזאגט: א נייע וועלט ווערט געבארען!

און גרויז־גרויע סאציאליסטען און קינדער אין די וויגען האבען נביאות געזאגט: די וועלט ווערט באנייט!

און אידען אין בית המדרש האבען זיך דערצעהלט: אין דעם און דעם ספר, אויף דעם און דעם בלאט שטעהט בפירוש געשריבען, אז משיח קומט איצט.

און אלטע ווייבער האבען זיך פארטרויט בסוד: אין א געוויסער שטאדט איז ביי א געוויסער אידענע געבארען געווארען א קינד מיט־דריי קעפ און זעקס פליגלען. און ווי עס איז נאר געבארען געווארען, האט עס געשיקט רופען דעם רב און האט איהם פארטרויט דעם סוד, אז א וועלט־איבערקעהרעניש קומט. און באלד נאכדעם האט דאס דאזיגע וואונדער־קינד א פאטש געטאן מיט זיינע זעקס פליגלען, האט א שאקעל געטאן מיט זיינע דריי קעפ און איז אוועקגעפלויגען ארויף אין הימעל.

בקצור: מיר אלע האבען געוואוסט, אז א נייע וועלט וועט ארויסוואקסען פון דער מלחמה. פון וואנען מיר האבען דאס אלע געוואוסט, ווייס איך נאך ביז איצט ניט. אבער איהר זעהט דאך: אז א וועלט רעדט, איז ניט אומזיסט.

צום אלעם ערשטען, וועלען מיר האבען א נאציאנען־ליגע, און פעלקער, פונקט ווי איינצעלנע מענשען, וועלען מעהר ניט קענען נעהמען דאס געזעץ אין זייערע אייגענע הענט, וועלען ניט קענען אונבאשטראפט שיסען און מארדען, וועלען ניט קענען גנב'ענען און רויבען. עס וועט זיין אן אינטערנאציאנאלע פאליציי, אינטערנאציאנאלע געריכטען און אינטערנאציאנאלע געפענגנישען.

עס וועט, נאטירליך, קענען פאסירען, אז דער פאליסמאן זאל מאכען יד אחת מיט'ן גנב. עס קען געמאלט זיין, אז א גרויסער מערדער זאל ארויס ריין און דער קליינער זאל פארפוילט ווערען אין געפענגניס. מיר קענען זיך פארשטעלען, אז פאר גנב'ענען א לאבען ברויט וועט מען אויסגעריסען ווערען און פאר גנב'ענען גאנצע לענדער זאל מען זיך אויסקויפען מיט צדקה און מיט גרינדען אן אוניווערסיטעט אויפ'ן מארס.

דאס אלץ קען זיך געמאלט זיין. אבער דאס איז ניט וויכטיג.

די הויפטזאך איז: עס איז איין פעלקער־משפחה. פון די באזונדערע לענדער ווערט איין וועלט, די באזונדערע פעלקער הויבען, אזוי צו זאגען, אן צו וואוינען אין איין דירה. פריהער האבען פעלקער, אזוי צו זאגען, געוואוינט אין אפגעזונדערטע הויזעס מיט פארהאקטע טירען, מיט ארעמגעלאזטע שטארען אויף די פענסטער. און איצט אנדערש — ציוויליזירטער, פראגרעסיווער, גרויס־שטעדטישער. עס וועט זיין א מין טענעמענט־הויז, אדער מאדערנער האטעל, אדער, אויב איהר ווילט, א מין סאציאליסטיש־פוריעריסטישע פאלאנסטעריע.

איהר זאגט:

אין א טענעמענט־הויז מאכט אייער שכן א הוליאנקע פונקט דעמאלט, ווען איהר ווילט שלאפען. די פידלען און פיאנאס ביי אלע אייערע שכנים מאכען אייך לעבער אין קאפ און טרייבען אייך צו משוגעת. און ווען אייער שכנה איז ניט קיין גרויסע בריה, רינט דאס וואסער פון איהר באד־צימער אריין צו אייך אין בעט. און ווען איהר צואווערפעלט זיך מיט אייער ווייב, שמעקען אלע שכנים אריין זייערע נעזער. און ווען איהר קומט שפעט בייגאכט אהיים, פאלט איהר אין דער פינסטער איבער א פארליעבטען פארעל ביי אייער טיר. און איהר פארבלאנדזשעט אמת אין א פרעמדער וואוינונג און קומט פון דארטען ארויס מיט בלויע אויגען. און אין מיטען דער נאכט קלינגט ביי אייך דאס גלעקעל, ווייל אייערער א שכן האט אין דער פינסטער געבאך געמאכט א מעות.

און נאך און נאך עהנליכע אונבאקוועמליכקייטען, זאגט איהר, זיינען ארויסגעוואקסען פון א טענעמענט־הויז לעבען צווישען פעלקער. אבער, מיין פריינד, דאס איז פראגרעס און פארטשריט און ציוויליזאציע. דאס איז, בקיצור, א נייע וועלט.

פארגעסט ניט, אז דערפאר וועלען קליין און גרויס, ארים און רייך, שוואך און שטארק — אלע פעלקער וועלען האבען גלייכבארעכטיגונג און גלייכען שוץ און גלייכע מעגליכקייטען... אם וועניגסטען, פרינציפיעל און לויט דער קאנסטיטוציע.

דער איד אין פוילען, דער „פרעמדער" אין אמעריקא, דער אידישיסט אין דער געפלאנטער העברעאישער פאלעסטינא, — אלע וועלען האבען נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג. ווייל אלע מענשען זיינען ברידער און אלע פעלקער — אויך. ווייל אלע מענשען, שמועסט מען דאך מיט אייך, זיינען גלייך־געבארען און פעלקער — אויך. ווייל פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט זיינען ניט נאר פאר איינצעלנע מענשען, נאר פאר פעלקער אויך.

און אז מען וועט אין אמעריקא וועלען פארמאכען די „פרעמדע" צייטונגען; און אז אין פוילען וועט מען אייך באיקאטירען און שלאגען; און אז אין פאלעסטינא וועט מען די אידיש־שפרעכענדע ניט וועלען געבען קיין שטימרעכט, וועט איהר דאך, אם וועניגסטען, וויסען, אז דאס איז אונקאנסטיטוציאנעל. און דאס איז א וויכטיגער שטיק פארטשריט, מיין ארימער פריינד!

אט אזוי וועט אויסזעהן די נייע וועלט מיט איהרע נייע באציהונגען צווישען פעלקער און לענדער.

און דאס איז נאך ניט אלץ.

פארגעסט ניט: די סאציאליסטען הערשען שוין אין איין ארט, האלטען ביים איבערנעהמען די הערשאפט אין א צווייטען ארט און ווערען אלץ מעכטיגער אין אלע אנדערע ערטער.

איהר זאגט, אז די דייטשע סאציאליסטען האבען מורא פאר א סאציאליסטישער ארדנונג. און איהר זאגט, אז די רוסישע סאציאליסטישע ארדנונג געפעלט אייך ניט, ווייל זי שאפט אפ דעמאקראטיע און שטיצט זיך אויף מורא. און איהר זאגט, אז סאציאליסטען האבען זיך בכלל ארויסגעוויזען

בריעף פון שיקאגא

אונזערע סטרייקס אין ניו יארק רופען ארויס באגייסטערונג אין שיקאגא

פון מאריס זיסקינד.

באגייסטערט פון דעם זיעג, וואס די ווייסט, דרעס און אנדערע פרויען־ארבייטער האבען אין ניו יארק אין זייער קאמף געגען די ארגאניזירטע באסעס פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע, האבען די ווייסט, דרעס, קימאנא און וואיים גודס וואירקערס פון אונזער שטאדט באשלאסען דורך זייער לאקאל 100 באלד אנצופאנגען א ריעזיגען קעמפיין צו ארגאניזירען די אינדוסטריע. און פאדערען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, העכערע ווידזשעס און אנערקענונג פון דער יוניאן.

דיזער באשלוס האט די צושטימונג פון גענאסע שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס, און פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל.

גענאסע שלעזינגער האט צוגעשיקט א טעלעגראמע צום דזשענעראל ארגאנייזער, גענאסע האכמאן, אז ער זאל באלד אנפאנגען די ארבייט ארויסצושטעלען דיזע פאדערונגען און ער זאל באלד אנפאנגען א שטארקען קעמפיין דורכצופיהרען אין לעבען דיזע קאנדיציאנען, וועלכע די גאנצע אינדוסטריע פון די מענער און פרויען־ארבייט האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע.

געווארט און געטאן. לאקאל 100 האט זיך צוגעגרייט פאר ריעזען שריט. שוין א פאר מאנאטען ווי מען ארבייט צו מאביליזירען די כחות. איצט, ווען דער סיגנאל איז געגעבען געווארען, וועט ניט אויסגעלאזען ווערען קיין זאך וואס קען העלפען איינצופיהרען 44 שטונדען א וואך ארבייט פאר אלע פרויען־ארבייטער אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע פון שיקאגא.

עס ארגאניזירען זיך אויך גאנץ געשמאק די פרעסערס און קאטערס פון די ווייסט, דרעס און וואיים גודס טריידס. אין דיזע ברענטשעס פון דער אינדוסטריע ארבייטען מעהרסטענס מענער און זיי האבען דערפיהלט די שאנדע און דעם וועהטאג פון ניט זיין ארגאניזירט, קומען זיי טאקע אין דער יוניאן און שליסען זיך אן אונטער דער פאהן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן און ווי עס זעהט אויס וועט עס גאר ניט לאנג דויערען און די צוויי וויכטיגע אפטיילונגען פון דער אינדוסטריע וועלען זיין ארגאניזירט אלס ברענטש פון לאקאל 100.

* * *

לעצטען שבת אווענד איז אפגעהאלטען געווארען דער יעהרליכער באל פון לאקאל 100 ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן.

אז דער באל איז געווען א פינאנציעלער ערפאלג איז איבעריג צו זאגען. דער האל איז געווען איבערפילט מיט יונגע מיידלעך און יונגע לייט, וועלכע האבען זיך משמח געווען מיט דער שמחה פון דער יוניאן.

דער באל איז אויך געווען א מאראלישער ערפאלג. עס איז געווען א פארגניגען צו זעהן ווי די בעאמטע, די מיטגליעדער פון דער עקזעקוטיווע, דער דזשענעראל ארגאנייזער און אלע טעטיגע מיטגליעדער פון דער יוניאן האבען געארבייט ווי די ביהנען; די שכינה האט גערוהט אויף זייערע פנים'ער. מען האט געקענט זעהן, אז די שווערע ארבייט פארשאפט זיי גייסטיגען פארגעניגען.

גענאסע האכמאן איז געווען זעהר „ברוטאל", ווען ער האט אפגעשטעלט דעם טאנץ און פון דער באלקאני פון האל געהאלטען א רעדע צו די הונדערטער מיידלעך וועגען דעם קאמפף וואס די יוניאן נעהמט אויף, איינצופיהרען 44 שטונדען א וואך אין דער פרויען קליידער־אינדוסטריע אין שיקאגא. ווען ער האט אנאנסירט, אז גענאסע שלעזינגער האט טעלעגראפירט, אז די יוניאן זאל באלד אנפאנגען א ריעזיגען קעמפיין דאס דורכפיהרען אין לעבען, האבען די מיידלעך און די יונגע לייט שטורמיש אפלאדירט די באקאנטמאכונג.

די פיאנערען פון דיזען לאקאל קלייבען איצט נחת. זיי זעהען, אז די זריעה, וואס זיי האבען פארזעהט, פאנגט שוין אן ברענגען פרוכט. די עטליכע מיידלעך, וועלכע האבען ניט פארלארען דעם מוט און זיינען געשטאנען פעסט פאר זייערע פרינציפען און ניט אויפגעגעבען די האפנונג, זעהען זייער זיעג נאהענט.

עס איז ווירקליך צו באוואונדערען דעם אויסדויער און „סטייאינג פאוער", ווי דער אמעריקאנער זאגט, פון א געוויסער צאהל קלאסענבאוואוסטע מעמבערינס פון לאקאל 100. זיי האבען געקעמפפט און פארלארען א סטרייק; זיי האבען געזעהן א שווארצע במארע פארשפרייט זיך איבער זייערע קעפ; זיי האבען אבער ניט פארלארען דעם מוט און האבען אנגעהאלטען זייער יוניאן מיט ווייניג מעמבערס, אבער מיט א פעסטען גלויבען און א סך האפנונג, און איצט זעהען זיי ווי זייער יוניאן וואקסט און ווערט א לעבעדיגע קראפט אין דער ארבייט צו ארגאניזירען דער אינדוסטריע.

זייערע אויגען זיינען געריכטעט אויף ניו יארק. זייערע הערצער קלאפען צוזאמען מיט די הערצער פון די קעמפפענדע און זיגרייכע ווייסט און דרעס־מייקערס פון ניו יארק, און זיי האפען אין קורצען צו שטעהן אויף דער זעלבער מדרגה ווי זייערע ניו יארקער שוועסטער.

דער באל האט זיי געגעבען מאטעריעלע כחות אנצוגעהן מיט זייער ארבייט צו ארגאניזירען זייערע פארשקלאפטע שוועסטער און האט זיי אויך געגעבען א מאראלישע באפרידיגונג אין פארגלייך מיט א יאהר צוריק, ווען זיי האבען ניט געהאט קיין ערפאלג.

לאקאל 100 פארדיענט גראטולירט צו ווערען און פארדיענט די שטיצע און הילף פון דער אינטערנעשאנאל אין זייער חשק צו ארגאניזירען די טויזענדער, וועלכע שטעהען אין וועג פון דער באפרייאונג ניט נאר פון זיך אליין, נאר פון די וועלכע קעמפפען אונערמיעדליך צו ברענגען בעסערע צייטען פאר אלע פרויען־ארבייטער פון דער פרויען קליידער־אינדוסטריע.

שיקאגאער אינטערנעשאנעל לאקאלס גרייטען זיך צום קאמפף

פ'ין ה. שנייד.

דעם אמת זאגענדיג האב איך געווארט אז עמיצער פון די אייגענע מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל זאל עפעס שרייבען פאר דער „גערעכטיגקייט" פון שיקאגא און אנווייזען אז שיקאגא איז ווירקליך ניט אבגעשטאנען אין טעטיגקייט פון אנדערע שטעדט. ליידער, פאר דער אדער יענער אורזאכע, איז שוין ערשינען דער 6טער נומער און קיין ווארט פון שיקאגא, א חוץ א באגריסונג בריוועל פון ברודער סאלאמאן. די ברייטע מיטגליעדערשאפט פון דער אינטערנעשאנאל קאן נאך דאריבער מיינען אז שיקאגא איז גאר אויף דער וועלט ניטא. אבער עס איז ניט אזוי. די שיקאגאער לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל לעבען, ארבייטען פיבערהאפט און טוען גאר גוטע ארבייט.

איך וועל ניט געהן דא אייך געבען אן אלגעמיינעם איבערבליק איבער אלע טעטיגקייטען. איך וועל נור ארומנעהמען די קלענערע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל.

צו ערשט וועגען די ליידיס טיילארס לאקאל 104. דיזער לאקאל איז דורכ'ן לעצטען יאהר געוואקסען צו אזא שטאנד אז עס איז א פרייד צו באריכטען. לעצטען יאהר אין דער צייט האט דער לאקאל קוים געהאט גענויע צוויי הונדערט מיטגליעדער. און די שעפער וואס זיי האבען קאנטראלירט האבען אויך ניט געהאט קיין ממשות. די מינימום סקייל איז געווען 26 דאלאר א וואך, אבער וויפיעל האבען עס געקראגען? איצט איז די סקייל 30 דאלאר א וואך. און ווי עס שיינט, איידער דיזע קארעספאנדענץ וועט זיין געדרוקט, וועלען זיי האבען א מינימום פון 33 דאלאר א וואך. איצט פארמאגט שוין דער לאקאל גענויע 5 הונדערט מיטגליעדער. און א חוץ דעם איז זיי געלונגען צו ארגאניזירען די אלטערייששאן ארבייטער פון כמעט די גאנצע שטאדט.

ווען איך שרייב דיזע צייזלען פיהרען זיי א סטרייק אין די אלטערישאן סטארס. און עס איז זיכער אז ווען איך וועל שרייבען מיין צווייטע קארעספאנדענץ — איב דיזע וועט זיין געדרוקט. (זע איהר זעהט האט איהר אומיסט געצווייפעלט. אדרבא, שרייבט דאס אפטער, ווען איהר האט אינטערעסאנטעס צו באריכטען. — רעד.), וועט דער סטרייק שוין זיין א געוואונענער.

עס איז פאראן נאך זעהר פיעל אינטערעסאנטע זאכען צו שרייבען פון דעם לאקאל 104, אבער ווארענד זיי שטעהען איצט אין קאמף מיט די דעפארטמענט סטארס פון דער אלטערישאן ליין און דער גאנצער לאקאל איז ערב א גענעראל סטרייק פאר 44 שטונדען א וואך אין גאנצען טרייד, וועט זיין איבעריג איצט וועגען דעם צו שרייבען. ווען דער זיעג וועט זיין א פאלקאמענער וועלען מיר דאן שרייבען, וועגען די ליידיס טיילארס נאך באריכות.

נו, איצט א פאר ווערטער וועגען די עמבראידערי ארבייטער.

אין שיקאגא, דארפט איהר וויסען, איז די עמבראידערי ליין נאך גאר א יונגע. און קיין גרויסע אינדוסטריע איז זי אויך ניט. און די מעהרסטע ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין די עמבראידערי ליין זיינען קריסטען און טאקע אמעריקאנער. אין אלע ברענטשעס פון דער אינטערנעשאנאל איז אימער געווען א יוניאן טעטיגקייט שוין פאר יאהרען און יאהרען. אבער ביי די עמבראידערי ליין איז קיין מאל ניט געווען קיין יוניאן טעטיגקייט.

איז אבער געקומען אויך די צייט ווען די עמבראידערי ארבייטער האבען זיך גענומען צו דער ארבייט! און לעצטענס האבען זיך אייניגע ארבייטער געווענדעט צום שרייבער פון דיזע צייזלען זיי צו העלפען זיך ארגאניזירען. און דער רעזולטאט איז, נאך א צוויי וואכען ארגאניזאציאנס ארבייט איז עטאבלירט געווארען אן עמבראידערי ארגאניזאציאן פון א הונדערט מיטגליעדער!

די עמבראידערי מאנופעקטשורערס האבען דערפיהלט אז זייערע ארבייטער געהען זיך ארגאניזירען און האבען באלד גענומען זוכען אלערליי מיטלען אבצוהאלטען דעם „חשק" פון די ארבייטער פאר ארגאניזאציאן. צו אונזער פרייד זיינען אלע די וועלכע האבען אנגעפאנגען די גוטע ארבייט, אזעלכע וואס פארשטעהען די טריקס פון די באסעס און זיי האבען עס אויסגענוצט אין נאך מעהר אקטיוויטעט.

עס איז פאראן א האפנונג אז דיזער טרייד וועט באלד זיין אין שיקאגא א גוטער לאקאל פון דער אינטערנעשאנאל, און זיי וועלען קריגען גוטע ארבייטס־קאנדיציאנען ווי עס פאסט פאר ארבייטער צו קריגען אין דער איצטיגער צייט.

* * *

די ליידיס ווייסט מאכער לאקאל 100, איז איצט אין רעכטען זינען „קאך." די אינטערנעשאנעל מיטגליעדער פון לאנד וויסען אז שיקאגא'ער ווייסט מאכער האבען מיטגעמאכט א גרויסען גענעראל סטרייק מיט א פאר יאהר צוריק. עס איז געווען א ביטערער קאמפף. די ווייסט מאנופעקטשורערס האבען דעמאלט אנגעווענדעט מיטלען צו באקעמפפען די סטרייקער, אזעלכע וועלכע די גרעסטע פארביטענע ארבייטער פיינד קאנען זיך נאר ערלויבען. דער סטרייק איז געווען א לאנגער, די סטרייקערינס האבען געוויזען אז זיי קאנען ווידערשטעהן די גאנצע ברוטאליטעט. אבער זיי האבען געמוזט מאכען א „רעטריט" פאר א קורצער ווייַלע כדי צו קאנען ווידער אנזאמלען נייע כחות און מיט נאך שטארקערע איבערגעבענהייט דורכברעכען די וואנט פון אליין הערשאפט פון די בעלי בתים.

די צייט איז איצט געקומען.

די אינטערנעשאנעל האט אהער געשיקט ברודער האכמאן'ען, וועלכער האט באלד גענומען טאן די נויטיגע פריפערעדנעס ארבייט, און אין א קורצע צייט איז איהם געלונגען צוזאמען צו נעמען די נויטיגע כחות פאר א נייעם קאמפף. און איצט, ווען איך שרייב די שורות ווערט געמאכט די לעצטע פארבערייטונג פאר א קאמפף מיט די בעלי הבתים.

די איבערגעבענהייט פון די טעטיגע מיטגליעדער איז אומבאשרייבליך. זיי זיינען פארטיג מקריב צו זיין זייער גאנצען כח. און עס איז צו האפען אז דיזער קאמפף וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

* * *

די אינטערנעשאנעל מיטגליעדער איבער'ן גאנצען לאנד קאנען ערווארטען פון שיקאגא זעהר גוטע נייעס. איך האב נאר באריכטעט א קליינעם [illegible] ארבייט וואס [illegible] נאך צו הערצעהלען פון ד[illegible] כער וועלכע זיינען א שאנדבלאט אין דעם אינטערנעשאנעל גארמענט. אבער איך וועל דאס טאן א צווייטען מאל.

די קלאוק מאכער רייטען זיך אויף צו באנייען זייער אגריסמענט און וועגען זיי איז דאך געוויס פאראן וואס צו שרייבען. נאר אויך וועגען זיי וועלען מיר לאזען אויף א צווייטען מאל.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

א קלאוקמאכער. — נו, איהר האט אונז ווירקליך איבערראשט מיט אייערע פראגען. א קלאוקמאכער, וואס ווערט באטראכט אלס די סטענגע פון דעם אידישען ארבייטער אין דעם פרט פון אינטעליגענץ, און זאל שטעלען אזעלכע קלאץ־קשיות! אלזא, הערט־זשע: קיינער מיינט ניט, אז די קארס, די באסעס, די טריינס זאלען ניט מעהר פאהרען ווי זעקס שטונדען, אזוי אז ווען איהר געפינט זיך אויפ'ן וועג קיין שיקאגא, זאל אייער צוג, וואס איז אפגעפאהרען 6 שטונדען, בלייבען נעכטיגען וואו־עס־איז, ביז די טריין־ארבייטער וועלען זיך גוט אויסשלאפען, נעהמען א וואנע, א גוטען ברעקפעסט און דאן ווייטער פאהרען. ניין, ניט דאס מיינט מען. נאר פאר וואס זאל ניט מעגליך זיין, אז אויף אייער באהן־צוג זאלען יעדע זעקס שטונדען שטעלען זיך צו דער ארבייט נייע, פרישע, אויסגערוהטע ארבייטער? עס איז דען אזא דוחק אין ארבייטער, אז מען זאל עס ניט קענען אויספיהרען? און דאסזעלבע איז מיט די באַרבערס, אין וועמען איהר צילועט זיך עס, און אויף וועמען איהר האט א גאנץ באזונדערען כעס, און וועמען איהר רופט מיט'ן נאמען „עגאאיסטען". וואו שטעהט עס געשריבען, אז א באַרבער מוז ארבייטען פון 8 ביז 8? ווארום קען עס ניט געמאלט זיין, אז אין דער צייט פון אכט ביז אכט זאלען ארבייטען צוויי באַרבערס, ניט ביידע צוזאמען, נאר איינער נאך דעם אנדערען, און ביידע זאלען קריגען א גענוג גרויסען ווידזשע צום לעבען? אי וואס, דער הער־קאט וועט אייך קאסטען דאן, זאגען מיר, 75 סענט, נו, טו וואס קען עס אייך שאדען, אויב איהר, אלס קלאוקמאכער, וועט אויך פארדינען מיט עטליכע דאלאר מעהר א וואך? און אויב איהר זאלט נאך קענען אויספיהרען אבכורטען קירצערע שטונדען, און ווערען פריי פון דער ארבייט ניט אום 7 אין אווענט, נאר טאקע אום 4 אדער 5, טו וועט שטערט אייך צו נעהמען אייער הער־קאט פריהער? ניין, ליעבער קלאוקמאכער, דאס, וואס די באַרבערס פארלאנגען, איז ניט, ווי איהר מיינט, עגאאיזם, נאר טאקע יוניאניזם.

דזשעק פלייַשנער. — לאמיר עס מאכען קורץ. איהר דיסקוטירט אין אייער בריעף די פראגע, ווארום זאלען אין אייער שטאדט, אין באסטאן, זיין צוויי לאקאלס מיט צוויי באזונדערע משגיחים, וואס פיהרט צו איבעריגע סכסוכים און אמאל נאך צו ערגערעס, אז עס האט געקענט עקזיסטירען איין לאקאל? די טענה אייערע איז זעהר א גערעכטע. און מיר האבען דא אין ניו יארק געהאט פונקט אזעלכע צרות פון צוויי פאנאנדערטיילונג, ביז עס איז געפונען געווארען אן אויסוועג. ווארשיינליך וועט עס קומען אויך צו א מאל אין באסטאן. מיר זעהען אבער ניט איין, וואס דערצו וואלט געקענט העלפען אייער בריעף, וועלכער איז לויטער אזוי ניט גוט אנגעשריבען, אז עס וואלט אונז גענומען א פאר שטונדען איהם איבערצושרייַבען און ער וואלט, אפשר, אויך דאן ניט געפיהרט צום ציעל, ווייל, ווי איהר שרייבט דאך אליין, האט גאר ווייניג געהאלפען דאס קומען פון שלעזינגער, באראוו, זייגמאן און אנדערע. שליסט אבער ניט פון דעם ענטפער, אז מיר זיינען ניט אייַנפארשטאנען מיט אייך. פונקט פארקעהרט, מיר דענקען, אז אין דער הערשענדער סעפאראטיזם איז חוצפה געפעהרליך, אבער ער איז דער רעזולטאט פון דעם קראפט־יוניאניזם. דער גאנצער באזיס פון יוניאניזם דארף געענדערט ווערען, דער יוניאניזם מוז ווערען פאלשטענדיג אן אינדוסטריעלער, און דאן וועלען בטלא באזייטיגט ווערען אזעלכע איבלען, אויף וועלכע איהר באקלאגט זיך מיט פולען רעכט.

מ. ס—מאן. — ווידער ניט געלונגען. עס איז דאך גאר קיין פאעזיע ניט, נאר א גאנץ בכלל גערעמטע, כלומרשט, לעבענס־פילאזאפיע.

מ. פ. ג. — פאר אונזער שלעכטער האנדשריפט בעטען מיר ווירקליך אום ענטשולדיגונג. עס איז אונז ארויס גאר פון זינען, אז נאר געצעהלטע מענשען, זאגאר צווישען שריפטזעצער, קענען איהר בייקומען. אבער איז אט די דאזיגע האנדשריפט געווען אין אנזאגונג די אורזאכע פון אונזערע ענטפערס דורך דער צייטונג, פון וואס מען קען דרינגען, אז אמאל קען אויך פון עטוואס גאנץ שלעכטעס ארויסקומען עטוואס גוטעס. נו,

וואס אנבאטרעפט דעם ארטיקעל, שיינט ער אונז ניט אין הארמאניע מיט אלע אנדערע אין דער צייטונג. מיר מיינען, אז ווען מיר וואלטען געהאלטען אונזערע לעזער און לעזערינס פאר אזוי נאריש און אזוי אומוויסענד, וואלטען מיר ארויסגעגעבען א צייטונג פון א גאנץ אנדער סארט. נאר ווייל מיר האלטען זיי פאר אינטעליגענטע מענשען, דארום איז דער טאן פון דער צייטונג א גאנץ אנדערער. אייער ארטיקעל איז אבער געשריבען פאר מענשען, וועלכע, ווי אונז שיינט, ליינען גארניט אונזער צייטונג. און וואלטען זיי פראבירט, וואלטען זיי איהר באלד אוועקגעווארפען. דערפאר איז די עצה, ווען מען איז קראנק, אדער, ווען זאגאר מען פיהלט זיך בלויז ניט מיט אלעמען, ניט צו געהן צום דראגיסט, נאר גלייך צום דאקטאר, גוט ווי זי איז, פאלשטענדיג אומנוציג פאר אונזערע לעזער. אגב, ווי איהר שרייבט עס אליין, וואלטען פיעלע דאס געקענט באטראכטען אלס א סארט אדווערטייזמענט פאר אונזערע דאקטוירים, ווי דאס האט טאקע פאסירט, ווען דער שיקאגא קאמישאנער אין מלחמה האט געטאן דאס זעלבע. ניין, ניט אין ארטיקלען פון אזא מין איבהאלט אין דער פראגע נויטיגען מיר זיך.

אהרן, סעאטעל. — אז מען שרייבט שוין יא וועגען אזא וויכטיגער אנגעלעגענהייט, ווארום זיך באנוגענען מיט א פאר ווערטער, וועלכע מען קען לייענען אין יעדער צייטונג אין די טעלעגראמען, און ניט נעהמען זיך די מיה איבערצוגעבען די פאקטען, ווי איהר ווייסט זיי, אלס איינער, וואס האט עס אליין מיטגעלעבט? אזא בריעף וואלט געווען העכסט וויכטיג און אינטערעסאנט פאר די „גערעכטיגקייט". די לעזער וואלטען עס געלייענט מיט פיעל אינטערעס און גרויסען נוצען. מען דארף ניט זיין קיין גרויסער קינסטלער אנצושרייבען אזא בריעף. איהר גיט נאר איבער אלעס, וואס איהר האט אליין געזעהן און געהערט אויך פון אנדערע. פליעז, האט עס אין זינען פאר די צוקונפט.

מ. ז. — איהר וועט קריגען א בריעף פון אונז מכח אייער אנפראגע. דא ווילען מיר אייך נאר זאגען, אז די בריעף מוזען ניט זיין דוקא איבער איין באגרענצטען ענין. זיי קענען און זאלען פאראינטערעסירען דעם לעזער, ניט בלויז אלס יוניאן־מאן, נאר אלס מענש אין אלגעמיין. איהר פארשטעהט וואס מיר מיינען.

י. יפה, ניו הייווען. — אייער רעפארט איז זעהר גוט, ווי ער איז, און ער ווערט געדרוקט אין דעם נומער. אבער עס וואלט ניט געשאדט, ווען איהר פארבריים זיך אביסעל מעהר און גיט אן מעהר איינצעלהייטען פון דעם וויכטיגען קאמפף, וואס אייערע בראווע מיידלעך פיהרען אן אין ניו הייווען, ווי אין ניו יארק, ווי אין שיקאגא, ווי איבעראל, וואו די ארבייטער און די ארבייטערינס הויבען אן קומען צום שכל.

צו אלע לאקאלס און מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנעל

„די ניו יארק קאל" איז די איינציגע ענגלישע צייטונג, וואס קעמפפט איבערגעבען דעם קאמפף פון אונזערע ארבייטער און האט געמאכט אונזערע באשטרעבונגען און אונזער זאך — איהר זאך. די „קאל" האט אונז אימער געדיענט, זי האט גענומען פאר אונז דאס בעסטע וואס זי האט געקענט, ווען נאר מיר האבען זיך גענויטיגט אין איהר הילף, און מיר דארפען טאן אלעס וואס מיר קענען נאר איהר צו באשיצען פון אידענער וועלכער געפאהר און צו פארזיכערען איהר עקזיסטענץ אין דער צוקונפט.

ווי מען לאזט אונז וויסען, הענגט איצט פיעל אפ איהר עקזיסטענץ פון א פריוואט־פרינטער; דאס די צייטונג האט זיך געקענט אליין ארויסהאלטען, דאס זי האט געקענט פארדרייפאכען איהר ניצליכקייט און ווערען נאך א גרעסערער פארטיידיגער פון די ארבייטער'ס אינטערעסען, ווען זי זאל האבען אן איינענעם פרינטינג־פלענט, — דאס וואלט איהר מאכען מעהר אומאפהענגיג.

אום זיך איינצושאפען אן איינענעם פרינטינג־פלענט, דארף די „קאל" האבען $90,000. אום צו שאפען דאס געלד, האט זי ארויסגעלאזען שערס, 5 דאלארדיגע באנדס, וואס גאראנטירען צו צאהלען 5 פראצענט אינטערעס. די באנדס קענען ארויסגעצאהלט ווערען אין וועכענטליכע צאהלונגען און דאס איז א גאנץ גוטער אינוועסטמענט. די „קאל" וויל איהר זאלט קויפען דיזע שערס און אזוי נאך ווערען א שותף צו איהר פרינטינג־פלענט.

אי אלס און ארגאניזאציען, אי אלס איינצעלנע פערזאנען איז עס אונזער פליכט צו העלפען די „קאל". עס איז אונזער פליכט צו העלפען די „קאל". עס איז אונזער פליכט צו קויפען דיזע באנדס און מיר בעטען אייך ניט צו פארפעהלען צו ענטפערען דעם רוף.

געדענקט, דאס די פרעסע איז די גרעסטע וואפע אין די הענד פון דעם ארבייטער'ס שונאים. דאס איז אויך אונזער גרעסטע וואפע! לאָמיר טאן אלעס וואס מיר קענען דעם וואפען נאך שטארקער צו מאכען.

מיט ברידערליכען גרוס,
אב. באראף,
דזשענעראל סעקר. - טרעושורער
א. ל. ג. וו. י.

נ. ב. שיקט נאך די באנדס איפ'ן אדרעס פון דער „קאל", 44 פוירל סט.

אין די ברוקלינער קלאוס און סקירטס שעפער

מיר האבען אין די לעצטע צייט אטענדעט 202 קאמפליינטס און קאנטראלס. מיר זיינען אויך ניט געזעסען ארים אין סטרייקס דיזען מאנאט. וועגען איינינע איז ווערט אפצושטעלען זיך און באטראכטען.

ספערלינג און ספערלינג. מיט דיזער פירמא האבען מיר יעדען אנפאנג סיזאן טראבעל וועגען סעטלען פרייזען. דיזע פירמע באשעפטיגט א סך קאנטראקטארס און איז געוואוינט געווארען אז ווער עס מאכט ביליגער, יענער זאל קריגען די ארבייט.

אונזער אפיס האט באווארנט אז קיין ארבייט זאל ניט גענומען ווערען פון דער פירמע ביז וואנען פרייזען וועלען ניט זיין געסעטעלט ביי א צוזאמענגעשטעלטער פרייז קאמיטע פון אלע קאנטראקטאר שעפער מיט'ן אפיס פון דער יוניאן. ביים סעטלען די פרייזען לעצטען סיזאן האט מר. ספערלינג געהאט אן איבערגעריד מיט צוויי מעמבערס פון דער פרייז קאמיטע, ווייל יענע זיינען געווען עקטיוו אין דער קאמיטע. האט די פירמע געאָרדערט דעם קאנטראקטאר ביי וועמען זיי האבען געארבייט, צו אפזאגען זיי אונטער דעם איסרייד, אז דער בעטרעפענדער קאנטראקטאר וועט מעהר ניט באשעפטיגען קיין מענער אפרייטערס. די קייס איז איפגענומען געווארען מיט דער אסאסיאיישאן, וואו ברודער פינקעלשטיין און איך האבען איבערצייגט אז דאס איז א קייס פון דיסקרימינעיישאן, און די ברידער מוזען רעאינסטייטעט ווערען. נאך א סטאפעדזש פון אלע קאנטראקטאר שעפער אין א וואך צייט, זיינען די צוויי ברידער ארויף צו אן אנדער קאנטראקטאר פון דער זעלבער פירמא ארבייטען און דער באטרעפענדער קאנטראקטאר קריגט מעהר קיין ארבייט ניט.

דאבעליו גרינבערג. דיזער בעל הבית האט דיסטשארדזשד אן אלטע פינישערין ווייל זי ווערט צו אפט קראנק. זיין טענה איז געווען אז פאר צוויי פינישערינס איז נישטא קיין ארבייט און זי אליין קען ניט מאכען אינגאנצען די ארבייט. מיר האבען געאָרדערט ארויפצונעמען נאך א פינישערין און ביידע זאלען ארבייטען.

לעאנארד פאסי. אין דיזען קאנטראקטאר'ס שאפ האבען מיר געראפט רעאינסטייטען א פרעסער וועלכער איז צוריק געקומען פון דינסט און דער בעל הבית האט זיך ענטזאגט איהם צו נעמען ארבייט. נאך אביסעל סטאפען איז דער מאן רעאינסטייטעט געווארען.

וואנדרוס. ווערסו. קאנט. פאר פאכט פאליא. די אפרייטארס האבען זיך ענטזאגט צו נעמען א געוויסען גארמענט, וואס האט אין זיך מעהר ארבייט, לויט ווי עס איז געסעטעלט געווארען. האט דער קאנטראקטאר דיסטשארדזשד דריי אפערייטארס. מיר האבען געסטאפט די ארבייט פון דיזען קאנטראקטאר און די דריי אפרייטארס זיינען רעאינסטייטעט געווארען. און פאר'ן גארמענט האבען מיר געקראגען געצאלט פאר די עקסטרא ארבייט.

שווארצמאן. דאס איז א סמאל קיפער מיט אן אפרייטאר, און ער האט געארבייט אויף אן אבמאך מיט'ן אפיס ביז דעם ערשטען פעברואר צו קריגען בעצאהלט. אין אנפאנג דזשענוארי איז געווארען סלאו, האט ער דיסטשארדזשד דעם אפרייטאר. מיר האבען איהם רעאינסטייטעט מיט פול פיי ביז דער אבמאך וועט זיך ענדיגען.

סטרייקס און סעטלמענטס.

פארם האמילמאן קלאוס האוז. ביי דיזער פירמא האבען מיר געהאט א פאר לייננערסטן סטרייק וועגען „בעק פיי" פאר די פינישערינס. נאך דעם ווי מיר האבען דעם סטרייק גערופען האט די פירמע ערקלערט אז זיי נעהמען ארוים פון ביזנעס האבען מיר אויסגעפיקסט אלע ארבייטער אין אנדערע פלעצער מיט דער פארשטענדניס אז ווען די פירמא וועט זיין געצוואונגען צו סעטלען זאלען אלע פריהערדיגע ארבייטער מוזען ארויפגענומען ווערען צו דער ארבייט. און אזוי איז געווען. די פירמע איז געקומען אין יוניאן אפיס און בעצאהלט די בעק פיי און אלע ארבייטער האבען געראפט ארויף צו דער ארבייט נאך דעם ווי מען וועט איפמאכען די סעטעלס. די פירמע האט זיך אבער ארויסגעצייגט, האט ניט געמיינט ערנסט מיט'ן סעטלמענט און האט זיך ענטזאגט ארויפצונעמען דריי אפרייטארס און צוויי פינישערינס און א נייער סטרייק איז ערקלערט געווארען. אין צייט פון א וואך איז דער סטרייק געסעטעלט געווארען צו גונסטען די ארבייטער.

ד. בלאוז איז אן איטאליענישער קאנטראקטאר, ארבייט פאר ספערלינג און ספערלינג, און האט קיין מאל ניט געהאט קיין יוניאן קאנדישאנס. אפילו די פיי איז אויך ניט געווען זיכער ביי איהם און מיר האבען געראפט קאלעקטען פיי פאר פרעסערס דורך דער אסאסיאיישאן פון דער פירמע ספערלינג און ספערלינג.

לעצטענס האט אונזער אפיס באקומען א קאנטראל איבער דער פירמע און קיין קאנטראקטאר קריגט ניט קיין ארבייט וואו ער האט ניט קיין פערזענליכען א. קיי. פון מענעדזשער פון דיזען אפיס. דא האט נעבאך געמוזט ד. בלאוז קומען אין אפיס, ליינען צוויי הונדערט דאלאר קעש סעקיוריטי אז אלעס וועט זיין אין ארדנונג און דאן ערשט האבען מיר איהם ערלויבט צו קריגען ארבייט פון דער פירמא.

סילווערסמיט. אין דיזען שאפ ארבייט מען פון וואך און ווען נאר עס קומט א געזעצליכער יום טוב פארגעסט ער צו באצאהלען, און ווען מען דערמאנט איהם וויל ער ניט בעצאהלען. אזוי האט זיך אנגעקליבען צוויי ימים טובים, טענקסגיווינג דעי און קריסטמעס, וואס די פירמע האט ניט בעצאהלט די ארבייטער. מיר האבען אפגעסטאפט דעם שאפ און די פירמע האט נעבעך געמוזט בעצאהלען 75.27 דאלאר בעק פיי פאר די יום טובים און דיזען אלע אפרייטארס פון 3 ביז 5 דאלאר א וואך און די פינישערינס 3 דאלאר א וואך און געבען 300 דאלאר סעקיוריטי אז די יוניאן קאנדישאנס וועלען פינקטליך אפגעהיט ווערען.

אין דעם דיסטריקט זיינען דא אויך דרעס שעפער און זיי זיינען אלע שרקלערס אין סטרייק. מיר ווילען לאזען וויסען אז אונזער דיסטריקט האט געמאכט זיין פליכט. אלע דרעס שעפער זיינען געסעטעלט געווארען אום איינצופיהרען די 44 שטונדיגע ארבייטס וואך. די פאלגענדע שעפער האבען געסעטעלט און געגעבען סעקיוריטיס וועלכע דערגרייכען די סומע פון 1,550 דאלאר:

רוידער און וואולף, 183 טיילאר סט.
איי. רזשאזענבערג, 110 מאנהאטען עוו.
שולמאן, 100 מאנהעטען עוו.
די איידיעל דרעס קא., 869 בראדוויי.
סילווערמאן, 674 בראדוויי.
זאגאר און סאנדלער, 158 מאנהעטען עוו.
ראשעפסקי און פריצמאן, 131 וואהל סטריט.
סילווערסמיט, 106 מאנהעטען עוו.

אין די אלע איבערגעדרוקטע שעפער ארבייט מען יעצט 44 שטונדען א וואך, מיט א העכערונג פון 15 פראצענט אין וויידזשעס.

מיר זיינען אויך געווען זעהר ביזי מיט'ן סעטעלמענט פון פרייזען און מען קען זאגען אז 90 פראצענט פון די שעפער האבען שוין געסעטעלט פרייזען פאר דעם סיזאן. מיר קענען מיט זיכערהייט זאגען, אז קיין שאפ סעטעלט ניט קיין פרייזען אהן דער צושטימונג פון אפיס.

פערשיעדענעס.

פלאראל קלאוס און סוט האוז. אין דיזען שאפ האבען אלע ארבייטער געארבייט לעצטען סיזאן פון וואך. אויף א צייט אגרימענט. דיזען סיזאן האבען מיר ניט פארלאנגט קיין טיים אגרימענט נאר פאר דער צייט וואס מען וועט ארבייטען מיט א רייז פון 10 דאלאר א וואך פאר יעדען אפרייטאר און 6 דאלאר פאר יעדער פינישער און מיר האבען עס געקראגען. די פרייזען פאר די אפרייטארס זיינען פון 45 ביז 55 דאלאר א וואך און די פינישערס פון 22 ביז 26 דאלאר א וואך.

ראשעפסקי און פרידמאן. ביי זיי איז ארויף א נייער פרעסער און אזוי ווי זיי האבען געהאלט ער זאל ארבייטען פון שטיק און ער האט זיך ענטזאגט, האבען זיי שוין בעסער געוואלט דעם אלטען פרעסער, וועלכער האט אדאי געארבייט פון שטיק. מיר האבען דעם פרעסער רעאינסטייטעט און געקראגען פאר איהם דעם סקייל.

טריכטער און מילער. קאלעקטעט פאר אן אפרייטאר 2.85 דאל. בעק פיי. צוזאמען האבען מיר קאלעקטעט בעק פיי: סילווערבערג 75.27; טריכטער און מילער 2.85; ס"ה 78.12 דאלאר.

דאניאל ניסנעוויטש,
מענעדזשער ברוקלין אפיס.

אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

עס וועט זיכער אינטערעסירען אונזערע מעמבערס צו וויסען, דאס מיר וועלען זיך ניט אבשטעלען מיט דער ארבייט פון יוניטי סענטערס און אנדערע רעגעלע קורסען אין די פארשידענע פלעצער פון שטאדט. ניין, עס איז דא נאך זעהר פיעלעס אויפצוטאן פאר אונזער אינטערנעשאנאל אין באצוג צו דער עדיוקיישאנאל פראגע צו גונסטען אלע מעמבערס פון דיזער ארגאניזאציאן. דער עקסטענשאן סורוויס וועלכער פארזארגט מיט לעקטשורס אונזערע לאקאלס ביי זייערע מיטינגען איז איינע פון די אקטיווסטע וועלכער וועט ווי אם שנעלסטען געבען יעדען איינציגען לאקאל, מעג ער זיין אין ניו יארק אדער אין אנדערע שטעדט, א מיטעל צו פארשטארקערען און פארבעסערען די לאקאלס. מארקע פיעלע לאקאלס האבען זיך אבגערופען און באנוצען זיך מיט דיזער געלעגענהייט אבער דאס איז ניט גענוג. און דאן נעהט עס צו לאנגזאם. פיליכט האט דער יעצטיגער סטרייק אין אונזערע טריידס אביסעל צו טאן דערמיט, עס איז נויטיג אז די אקטיווע מעמבערס פון אונזערע יוניאנס זאלען לעגען מעהר געוויכט אויף דיזער ארבייט און זי באנוצען 100 פראצענט. די אויפקלערונגס ארבייט איז די איינציגע וועלכע וועט זיי העלפען ארגאניזירען זייערע טריידס אם בעסטען און אויף א פעסטען באדען. מיר זיינען גרייט זיי צו העלפען מיט אלעם מעגליכסטען.

זאלען די לאקאלס זיך ניט פילען און זיך מיט אונז דורכשרייבען און זאלען אויך די מעמבערס דאס פארלאנגען פון זייערע לאקאלס. זאל יעדער לאקאל אויסערוועהלען א ספעציעלע עדיוקיישאנאל קאמיטע וועלכע זאל זיך זאפארט שטעלען אין פארבינדונג מיט אונזער דעפארטמענט און אנפאנגען עפעס צו טאן. מיר זיינען נייגעריג צו הערען פון אלע אונזערע לאקאלס וואס זיי טוען אין באצוג צו דער פראגע. מיר פארבערייטען יעצט א ספעציעלען רעפארט איבער די אויפקלערונגס ארבייט אין אונזער ארגאניזאציאן, און עס איז נויטיג, אז מיר זאלען האבען אלע מעגליכע אויסקינפטע, וויפיעל לעקטשורס איהר האט ווען איז עס אראנזשירט אין אייער לאקאל, ווי אזוי זיי זיינען געווען באזוכט, זייער עפעקט, די נעמען פון די לעקטשורערס, קאנצערטען מיט אדמישאן אדער פריי און נאך אנדערע אזעלכע אינפארמירשאן.

ווייסען די לאקאלס, אז עס איז מעגליך אין זעהר פיעלע שטעדט צו קריגען די שטאדטישע לייברעריס פאר אזעלכע אונטערנעהמונגען און עס זאל קיין סענט ניט קאסטען? מיר קענען זיי העלפען אין דיזער הינזיכט. מיר ארבייטען אוים פלענער, ווי אזוי צו עסטאבלירען קליינע לייברעריס און לעזע צימער אין די יוניאן אפיסעס. צוויי לאקאלס האבען שוין אריינגעגעבען זייער פארלאנג און דאס וועט באלד געשאפען ווערען. און דיזע וויכטיגע ארבייט וועט זיין לייכטער אויסצופיהרען ווען דער פארלאנג וועט זיין גרעסער און פון מעהרערע פלעצער. אזעלכע לייברעריס וועלען באשטעהן פון א געוויסע צאהל ענגלישע צייטונגען, בי־

(שלוס אויף זייט 19)

דאס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף וויסען און געדענקען וועגען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעלדעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטיגען אדרעס, דעם פלאר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין באָרד, גיט אן דעם נאמען ביי וועמען איהר וואוינט.
2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.
3. ווען איהר געפינט זיך אין א האספיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.
4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג וואס איהר האט זיך אפיציעל געמעלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.
5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.
6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לאדזשעס אדער פאראיינען וועלען פאזיטיוו נישט אנערקענט ווערען.
7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין וואך אין אפיס פון יוניאן.
8. צו בענעפיט זיינען בלויז בארעכטיגט די וועלכע האבען איינגעצאלט אמווינציגסטען פאר איין יאהר נאך בעפאר ער אדער זי האט זיך געמעלדען קראנק.
9. ווען איהר זייט ריקאווערנד איבער 3 מאנאטען, ווערט איהר פאררעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.
10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאהלט אויפ'ן 10טען טאג. די איבעריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

ווארט פאר ווארט
קאנווענשאנס, מאסס־מיטינגס א. ז. וו. ווערט בעריכטעט.
איבערזעצונגען, נאטארי פאבליק, מולטיגראפינג, אדרעסינג, מימעאגראפינג, פאבליק־סטענאגראפי א. ז. וו.
ביי דער
קאנווענשאן רעפארטינג קא.
32 Union Sq. New York, N. Y.
Stuyvesant 1963—5296—837
B. S. Au. 12646 — 3-29-19

A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484־90 6טע עוועניו,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

די פעלעס פאטא ארט סטודיא
85 צוועיטע עוועניו.
קארנער 5טע סט.
אפען: פון 10 פריה ביז 10 אבענד
אייער פאטאגראף גענומען סיי אין רעגען אדער זונענשיין.
שניידט דאס אויס
ספעשעל 20 פראצענט דיסקאונט פאר די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל
דיזער קופאן איז גוט פאר א דיסקאונט פון 20 פראצענט.

אין סטרייק

פון מרים קארפילאוו.

(שלוס פון זייט 12)

שאר אדער רעסטוראנט זאל ניט פעהלען. מ'זאל אפארבייטען א שעה, און ווי ס'וועט קומען 9 אזייגער זאל זיך איינער אויפשטעלען און זאגען „אלרייט!", דאן זאל זיך יעדערער פון זיין פלאץ א הויב טאן און דעמאנסטראטיוו דעם צימער פארלאזען. א קאמיטע פון עטליכע זאלען מיט די פאדערונגען אין אפיס צום באס אראפגעהן און די איבעריגע זאלען ווארט אין געדרונגענעם שטילקייט פאר די עטליכע מיט'ן באס' ענטפער צו ווארטען.

אלע זיינען, ווי אפגערעדט, אין צייט צום פאטאגראפיע געקומען. יעדערער האט זיך גוט ארומגעקוקט צו זעהן אויב איינער פעהלט ניט... מעהרערע האבען זיך מיט באדייטענדע בליקען איבערגעקוקט און זיך מיט איבערטריבענע וויכטיגקייט צו דער ארבייט אויף איין שעה אוועקגעזעצט...

„עס איז קאמיש און... שרעקעדיג", האט די נארוועגישע צו דער אידישרוסישער מיידעל שטיל געזאגט. „ווי מאָדנע ערנסט אלע זעצען זיך דאס אויף איין שעה ארבייטען... ווען כ'מו נאר א טראכט וואס אין א שעה ארום וועט זיין, פאלט מיר מיין הארץ ארויס."

„ארבייט, באַיעס, ארבייט!" האט זיך איינער גע'חכמה'ט, „מ'וועט עס סיי ווי דארפען אפוואשען..."

„דער חכם וואקסט", האט א צווייטער געזאגט.

„אז וואקסען זאלסטו ווי א ציבעלע; מיט'ן קאפ אין דער ערד..."

„סעי, וואו איז שורקין?" האט זיך איינער ארומגעזעהן.

„דער שורקע איז ניט געקומען! אזא — —"

„שא, אט איז ער"...

„סעי, וואס עפעס אזוי שפעט? — האט איהם דער העד רעטושאר פון זיין ווינקעל באגעגענט.

— שפעט? — האט זיך שורקין געוואונדערט. — כ'בין דאך היינט פריהער — —

— פריהער?

— פריהער ווי נעכטען... און היינט איז גאר ניט כדאי געווען צו קומען.

— וואס עפעס — פאר וואס?

— פאר דאס...

עטליכע האבען זיך צולאכט. דער פארמאן האט זיך ארומגעקוקט ווי ער וואלט וועלען געפינען די חכמה, איבער וועלכער אלע לאכען. ניט געפינענדיג די חכמה, האט ער שטרענג געקוקט און ערנסט געבעטען פלייסיגער צו ארבייטען, ווייל עס איז א סך ארבייט צוגעקומען. נאך א סך, ערשט מיט א פערטעל שטונדע צוריק, זיינען נאך מעהר גרויסע ארדערס אריינגעקומען. מ'וועט פון דעם טאג אן מוזען איבערבלייבען ארבייטען אין אווענד...

דאס קלינגען פון טעלעפאן האט איהם פון ווייטערע רייד אפגעריסען. ער האט עטליכע „יעס סער'ס" אין טרייבעל אריינגעזאגט און איז גלייך צוריק צו די ארבייטער צוגעקומען: „ביז מיטאג", האט ער געזאגט, „מוז די גאנצע ארבייט, וואס איז דא, אפגעשיקט ווערען. מאכט די הויפטשטריכען און איך וועל עס גלייך אראפשיקען אין פרינטינג. פון היינט אן און ווייטער הייבען מיר אן צו ארבייטען יעדען טאג אין אווענד. הארי אפ, נאו!"

אפגעזאגט און — — געוואלט, ווי ס'האט אויסגעוויזען, נאך עפעס זאגען, ווען דער „אלרייט!" האט זיך געלאזט הערען. און אלע האבען זיך ווי איין מענש אוועקגעשטעלט, די העטס און קאוטס אָנגענומען און זיך איינער נאך די אנדערע פארביי דעם ערשטוינטען פון איבערראשונג פארמאן געלאזען געהן.

— וואוהין אזוי פריה? — האט איינער פון די אפיס־אנגעשטעלטע די דעמאנסטראטיוו מארשירענדע געפרעגט.

— כאפען פרישע לופט... — האט איהם מישא געענטפערט.

— איהר דארפט עס טאקע האבען.

— איהר אויך...

— צו ביזי!

— אין טאקע איצט די צייט פאר דעם...

— מעי בי... מ'וועט דארפען זעהן וועגען דעם.

— וואס גיכער — אלץ בעסער.

דעם באס' קאפ האט זיך פון הויפט־אפיס באוויזען. די פון אלעמען ערוועהלטע קאמיטע איז צו איהם אריינגעגאנגען.

ווי באפרייט פון א גרויסער משא, איז די קליינע מאסע מיט אויפגעלעבטע אויגען איבער בראדוויי געגאנגען און די פרישע לופט צוזאמען מיט די לייכטע שנייעלעך איינגעאטעמט. אויסגעלאסען פריילעך, האט מען איינשטימיג באשלאסען צו פוס אין האל אריין צו געהן. אין האל, וואו די „העדקוואדערס" זיינען געווען, האבען געווארט ביז די קאמיטע וועט קומען דעם ענטפער פון דעם באס איבערצוגעבען.

דער האלב ענגלענדער און האלב אמעריקאנער, דער איטאליענער, דער טשעכישער, דייטש, שפאניער, רומעניער, גאליציאנער — רוס און איד — אלע, אלע האבען זיך מיט אמאל נעהנטער געפיהלט. די נארוועגישע מיידעל האט זיך צו דער אידישער שכנ'טע איהר געמיט אויסגעגאסען און וועגען א יעדען ווארט די באדייטונג געפרעגט. זי האט מיט אמאל גענומען באגרייפען, אז זי איז אין סטרייק ארויס. זיך גלייך מיט אלעמען געשטעלט און אוועק. אליין, האט זי מודה געווען, וואלט זי קיינמאל ניט געוואגט דעם „נערוו" אזוי צו האנדלען, און זי האט שוין געוואלט וויסען וואס ס'וועט דער סוף דערפון זיין, וואס וועט דערווארטען דער באס צו דער קאמיטע זאגען.

דאס צו וויסען איז געבליבען צו ווארטען ביז די קאמיטע וועט קומען.

די קאמיטע האט פאלגענדע פאדערונגען געהאט ארויסצושטעלען פאר'ן באס:

קירצערע שטונדען, העכערע וויידזשעס, עקסטרא געצאהלט פאר אווערטיים, עדעלערע באהאנדלונג, בעסערע סאניטארע באדינגונגען און אנערקענונג פון דער יוניאן.

די אלע פאדערונגען, האט די קאמיטע באריכטעט, האט דער באס מיט'ן האנט אוועקגעמאכט. נאר איין זאך האט ער געזאגט וועט ער נאכגעבען.

„וואס?" האבען אלע אויף אמאל געוואלט וויסען.

„זייף", האט די קאמיטע געענטפערט. „און איצט איז די פראגע אויב מיר זאלען יא אדער ניט צוליעב א שטיקעל זייף צוריק צו דער ארבייט קומען."

„ניין. פאר קיין פאל ניט!"

„אלזא, זיינען מיר אין סטרייק!"

„אין סטרייק, אין סטרייק!"

„הורריי, הורריי!" האבען מעהרערע מיט הויכע אויסגעשרייען דעם נידריגען האל אנגעפילט. „עס לעבע דער סטרייק! עס לעבע די סטרייקער! עס לעבע דאס לעבען מיט'ן קאמפף פאר — — פאר מעהר ווי א שטיקעל זייף! הורריי!"

— כ'בין אזוי צופרידען וואס כ'בין אליין ניט פארבליבען! — האט די נארוועגישע צו דער אידישער מיידעל קוקענדיג אויפ'ן טומעל שטיל געזאגט. „וויפיעל דאס זאל ניט קאסטען, איז עס ווערט צו זעהן ווי אלע פרעהען זיך. עס פיהלט זיך, אז מ'איז ניט אליין."

די אידישע מיידעל האט שווייגענדיג, אין צייכען פון צושטימונג, מיט'ן קאפ צוגעשאקעלט. זי האט געהאלפען דער צופרידענער צופרידען זיין, קלערענדיג אז עס וועט ניט זיין צו שפעט זי שפעטער צום וויכטיגען קאמפף צוצוגרייטען. דער קאמפף האט צוגעזאגט צו זיין א שווערער, א פארביסענער. זי האט גוט געקענט דעם באס און זיך וועניג וואס געריכט, אז ער זאל גיך איינגעהן מעהר ווי א שטיקעל זייף צו געבען. — —

אבער קעמפפען, סטרייקען האט מען געמוזט, און זי האט געהיט אז איינער זאל דעם אנדערען דעם סטרייק ניט פארשטערען...

פאטראניזירט אונזערע אדווערטייזער!

רעסאורסעס איבער
$45,000,000.00
מעהר ווי 100,000 דעפאזיטארס
די סטייט באנק
זיכער — קאנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד
מעמבער פון ניו יארק קלירינג הויז
דעפאזיטארי פון די יונייטעד סטייטס, סטייט און סיטי אף ניו יארק
פייער דעפארטמענט און יונייטעד סטייטס פאסטעל סייווינג פאנדס
THE STATE BANK
שטארק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר
374 גרענד סט. 100 עסעקס סט.
7 וועסט 26טע סטריט. ניו יארק 1400 פינפטע עוועניו
158טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניוס
ברוקלין בראנטשעס:
גרעהעם עוו. און הערעם סט., פיטקין און סטאן עוועניוס.

קלאוקפינישערס לאק. 9

רעגולאר סעקשאן מיטינגען

ראון טאון: מיטוואך אבענד, דעם 5טען מארטש:
אין פלארענס בילדינג, סעקאנד עוועניו, קאר. 1טע סטריט.

הארלעם: מיטוואך אבענד, דעם 5טען מארטש:
אין ארבייטער רינג בילדינג, 143 איסט 103טע סטריט.

בראנקס: מיטוואך אבענד, דעם 5טען מארטש:
אין לאנדאן קאסינא, 3875 3טע עוועניו.

ליידיס ברענטש: דאנערשטאג אבענד, דעם 6טען מארטש:
אין 228 סעקאנד עוועניו.

בראנזוויל: שבת אבענד, דעם 8טען מארטש:
אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9
דזש. האלפערן, מענעדזשער.

קלאוק פינישערס

פון גרייטער ניו יארק

אויפמערקזאם!

די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 9 פאדערט אייך אויף צו זיין גרייט פאר שבת נאכמיטאג, דעם 8טען מארטש, ווען איין אויסערגעוועהנליך וויכטיגער מאס־מיטינג פון פינישערס און פארשטעהער פון אלע שעפער פון גרייטער ניו יארק, וועט אפגעהאלטען ווערען

אין וועבסטער האלל, 11טע סטריט
בעטווין 3טע און 4טע עוועניו.

דער צוועק איז צו באשטימען אונזערע פארלאנגען צום נעקסטען אגרימענט מיט אונזערע מאנופעקטשורערס.

וואטשט אונזערע ווייטערע אנאנסמענטס!

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 9
דזש. האלפערן, מענעדזשער.



"Naselrest"

ווען איהר טראגט אייגען גלעזער, זאלט איהר זעהן נאס פאר א פריים איהר קויפט. ווען די פריים ליגט ניט גוט אויף אייער נאז, מאכט עס אייך וואונדען און איהר ווערט פון דעם נערוועז. איהר ווייסט דארום ניט צי די גלעזער זיינען גוט. דארום האט דר. בארנעט ל. בעקער אויסגעפונען א פריים וואס איהר וועט ניט פיהלען דאס איהר טראגט אויגען גלעזער.

„נאזעלרעסט" מיינט „בעקוועמליכקייט". עס קאסט ניט פיעל.

אויגען עקזאמינירט ביי די בעסטע אויגען ספעציאליסטען און פראפעסארען.

DR. BARNET L. BECKER
Optometrist and Optician
215 E. Broadway 100 Lenox Ave. 895 Prospect Ave., Bx.
1709 Pitkin Ave., Brooklyn.

אלע סטארס, אויסער אין בראנקס, אפען זונטאג ביז 6 אוהר.

ריפער מאכער

ווערט ניט געכאפט שלאפענדיג!

יעדער ריפער מאכער ווייס וואס עס געהט יעצט פאר אין דער אלגעמיינער יוניאן. די וואס ווייסען נאך ניט פון דעם וועלען מיר די יעצט זאגען.

אלע פארבערייטונגען ווערען געמאכט פאר א גרויסען

דזשענעראל סטרייק

וועלען זיך די ריפער מאכער ערלויבען גע־כאפט צו ווערען שלאפענדיג?

עס מאכט ניט אויס וואס אייער מיינונג איז. צי איהר זייט פאר וואך־ארבייטע אדער געגען וואך־ארבייט. וועגען דעם וועלען מיר זיך שוין דורכריידען ביי די מיטינגען. איין זאך אבער וואס איהר מוזט געדיינקען:

מיר זיינען אלע פון איין משפחה — ארבייטער!

אונזער איינציגער שונא איז דער איסערליכער שונא, — די וואס שטערען אונזער פרייהייט, אונזער גליק און ערלויבען ניט קיין שטראהל ליכט פאר אונזערע היימען.

בעצאהלט אייערע דיוס

בעצאהלט אלע אלטע אסעסמענטס

בעצאהלט דעם נייעם 5 דאלארדיגען טעקס

די יוניאן קלאפט טרעוואגע — זייט גרייט!

ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

עדיוקיישאנעל דעפארטמענט

(שלוס פון זייט 16)

וויסע אויסגעקליבענע זשורנאלען און ביכער וועלכע וועלען געגעבען ווערען פאר א געוויסע צייט צום לעזען. א ספּעציעלע קאמיטע וועלכע וועט זיין צוזאמענגעשטעלט פון לייטע וואס זיינען גוט באקאנט אין דיזער פראגע וועט אויסארבייטען די ליסטע פון די ביכער וועלכע זאלען זיין אין די לייברעריס.

א וועיר אינטערעסאנטע נייעס קען איך שוין יעצט מיטטיילען אונזערע ניו יארקער מעמבערס, און דאס איז אז ווי אם שנעלסטען וועלען מיר אויפמאכען 4 שווים־קלאסען מיט גוטע טיטשערס און אין גוט אויסגעקליבענע שווימפלעצער. די שווימקלאסען וועלען זיין באזונדער פאר מענער און באזונדער פאר פרויען. מיר האבען אלעס אראנזשירט פאר די עפּעננג אבער מיר מוזען האבען א געוויסע צאהל נעמען אום מיר זאלען קאנען די קלאסען ריכטיג אויפמאכען. אלזא פארלירט קיין צייט און שיקט אריין אייער נאמען, אדרעס און נומער פון לאקאל אזוי גיך ווי מעגליך צו אונזער אפיס אדער שרייבט אייך איין דורך אייער סעקרעטער פון דעם לאקאל אדער דורך אייער סענטער. טוט עס באלד.

ס. ליבערמי.

20

יאהר טרינקט שוין די וועלט קאלאמביא טהעע, און דערווייל האט מען נאך ביז יעצט קיין בעסערע טהעע ניט אויסגעפונען — בלויז איין סארט טהעע איז דא וואס שמעקט עטוואס רייכער, און דאס איז —

צוויעטאטשני טשאי

די בעסטע און געזונדסטע טהעע פיר'ן מאגען.

צוויעטאטשני טשאי קוסט אין נומער 240, נומער 300 און נומער 500.

הויפט ווערהויז פון קאלאמביא טהעע,

צוויעטאטשני טשאי, וואייט לילי טהעע, קאלאמביא קאפע און וואייט לילי קאקאא

185 דיוויזשאן סטריט

טעל. ארטשארד 2186

שיטצען האלל

12 סט. מארקס פלייס

פאר שעפ און בעקוועהמע מיטינג רומס.

א סטריקטלי יוניאן הויז.

טווירטעלטויב & שייפער, מגר.

איראן פריפערעטארי סקוהל

187 איסט בראדוויי

דזשיי. ע. איראן, פרינציפאל.

טאג און אבענד קלאסען.

פערפערטיגט פאר אלע רידזשענטס עקזאמינייש׳אנס, פאר קאללעדזש, און קאמוירשעל סאבדזשעקטס.

לערענט זיך ענגליש אויס, אויב איהר ווילט זיין ערפאלגרייך אין לעבען.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

סטראטמאר פרעס

אפ־טו־דייט פרינטינג

447 פּירל סטריט, ניו יארק.

י. סראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

בראנקס! בראנקס!

דער ערשטער און גרעסטער

קאנצערט און באלל

וועט געגעבען ווערען

שבת אווענד, דעם 8טען מארטש, אום 8 אוהר

אין מעקינלי סקווער קאסינא 169טע סט. און באסטאן ראוד.

וואו עס וועלען מיטווירקען:

פאול פארבער באריטאן, וועט זינגען

מאקס ראזן דער באוואוסטער וויאלינויסט

אויך די קינדער פון דער פערער סקול וועלען טאנצען קלאסישע טענץ.

אראנזשירט פון דער

פערער גרופע און די בראנקס

פאר דעם בענעפיט פון דער „פערער מאדערן סקול" אין סטעלטאן, נ. דזש.

טיקעטס 25 סענט.

העט טשעק 25 סענט

צערנטער יעהרליכער

באלל פון לאקאל 10

אינט. לײדיס גארמ. וו. י.

שבת אבענד, מארטש 8טען, 1919

אין פאלם גארדען,

58טע סטריט, צווישען לעקסינגטאן און 3טע עווענויס.

מיוזיק ביי פראפ. שילער'ס דזשאס־בענד.

טיקעטס 50 סענט.

וועקסטער יעהרליכער

רעסעפשאן און באלל

פאראנשטאלטעט פון דער

באטענהאל מייקערס און באטען אנגעהעפטערס יוניאן

לאקאל 58, אינט. ל. ג. וו. יוניאן,

אין טאמאני האלל,

145 איסט 14טע סטריט, צווישען 3טע עוו. און אירווינג פלייס.

שבת אבענד, דעם 15טען מארטש, 1919

מוזיק ביי פראפעסאר שילער'ס יוניאן דאבעל ברעז בענד.

טיקעט, מיט העט טשעק, 35 סענט.

צו אלע קלאוק, סקוירט, ריפער און דרעסמייקער פון דער קלאוק אינדוסטרי פון גרייטער נויארק

שבת וועט שוין דער דזשוינט באארד ארויסגעבען באטאנס צו די יעניגע וואס האבען שוין איינגעצאהלט, און די וואס וועלען איינצאהלען דעם טעקס פאר'ן סטרייק פאנד.

יעדער קלאוק מאכער מוז טראגען אזא באטאן!

מיט דעם באטאן וועט איהר ווייזען ווי אזוי איהר זייט פינאנציעל פארבערייטעט פאר אייערע פארדערונגען, וועלכע דאס לעבען האט ארויסגערופען.

דער דזשוינט באארד פארפערטיגט שוין א ליסט מיט א רייהע שעפער וואס האבען שוין איינגעצאהלט דעם טעקס און די שעפער וועלען באלד פארעפענטליכט ווערען אין אונזער פרעסע. וועלכע שעפער זיינען נעקסט?

שאפטשערמען און ברידער, קוקט אין אפיס און קריגט דעם באטאן, און טראגט איהם אזוי, אז יעדער איינער אין אונזער קרייז זאל איהם באמערקען.

דזשוינט באארד קלאוק מאכער יוניאן.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט”.
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 8 Price 3 cents. Friday, March 7. פריימאג, 7טען מארטש, 1919.

ווידער אמאל: פאר וואס דער קאמף?

אין דער לעצטער וואך זיינען די באסעס ווידער אמאל ארויסגעקומען מיט דער אלטער טענה, אז זיי קענען בשום אופן ניט נאכגעבען אזא משונה'דיגע פאדערונג פון די ארבייטער, ווי צו האבען זייערע דזשאבס פאר'ן גאנצען לעבען.

פאלש און נאריש איז די טענה פון די באסעס. מיר האבען איהר שוין ווידערהאלט צוגלידערט, אזוי, אז קיין גאנצער ביינדעל איז אין איהר ניט געבליבען, אבער די באסעס גראבען אלע מאל אויס דעם פגר צוריק פון קבר, און שרעקען דער מיט דעם עולם.

א גרינדליכען ענטפער אויף דעם דאזיגען בלאף האט געגעבען דורך דער פראפעסר ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. אט איז זיין ענטפער:

„די דרעס און וויסט-מאנופעקטשורערס אסס'ן האלט אין איין דרעהען א מוח וועגען א לעבענס-חזקה אויף דעם דזשאב, אלס איינע פון די פאדערונגען פון דער יוניאן. מיר האבען ביי פארשיעדענע פריהערדיגע געלעגענהייטען באוויזען די פאלשקייט און די גרונדלאזיגקייט פון דעם דאזיגען בלבול. עס וועט אבער ניט זיין איבעריג איינמאל פאר אלעמאל צו בריינגען דעם מת צו זיין קבורה, און זאלען די, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין אונזער קאמף, וויסען אונזער ווירקליכע שטעלונג צו דער פראגע פון „דיסטשארדזש.”

„מיר פארלאנגען ניט קיין באשטימטען טערמין פאר א דזשאב. מיר באשטרייטען ניט דאס רעכט פון דעם ארבייטס-געבער צו סעקען ארבייטער. מיר שטעהען אבער פאר דאס רעכט פון „רעוויו און דיסטשארדזשעס”, אום ניט צו דערלאזען צו א הפקר'דיגען, אונגערעכטען אפזאגען ארבייטער פון דער ארבייט, וואס קען זיין פון א דיסקרימינירענדען כאראקטער. אונזער שטעלונג אין דער פראגע האט זיך ניט געביטען זייט די אנגענומענע פרינציפען אונטער דעם פראטאקאל-אגרימענט, וועלכער האט עקזיסטירט אין דער דרעס און וויסט-אינדוסטריע פאר פיעלע יאהרען.

„אום צו מאכען אט די „רעוויוס” עהרליך און אונפארטייאיש פאר ביידע צדדים, שלאגען מיר פאר, אז זיי זאלען אויסגעפיהרט ווערען פון א „באארד אוו רעוויו”, וואס זאל באשטעהן פון איין יוניאן-מיטגליעד, פון איין אססאסיאיישאן-מיטגליעד און א דריטער, אן אמפייר. אום ניט צו דערלאזען צו קיין פארציהונג און אום צו פארזיכערען די צוריקבריינגונג פון א ניכען פריעדען אין שאפ, וועלכער ווערט אימער צושטערט, ווען דאס רעכט פון סעקען ווערט מיסברויכט, שלאגען מיר פאר, אז אט די „רעוויוס” זאלען פארקומען אין דעם לויף פון 24 שטונדען נאכדעם, ווי די קלאגע איז אריינגעבראכט געווארען.

„מיר באהויפטען, אז עס איז די ערשטע פליכט פון אן ארבייטער-ארגאניזאציע צו געבען איהרע מיטגליעדער א געוויסען גראד פון באשיצונג געגען די הפקרות פון באס. דאס איז, וואס מיר האבען געשטרעבט צו טאן אין דער פארגאנגענהייט, און דאס איז פאר וואס מיר קעמפען איצט פאר די 35 טויזענד פרויען, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע אין ניו יארק. ווי ווייט דער צוועק אונזערער איז פון דער טשוטשעלא פון „א לעבענס-דזשאב”, וועלכען די באסעס אסס'ן האלט אין איין אויפשטעלען און אין איין צוקלאפען פאר איהר איינענעם פארגעניגען, דאס וועט יעדער עהרליך-דענקענדער מענש קענען גאנץ לייכט איינזעהן.”

דאס איז די ערקלערונג. קען זיין עפוואס קלערער? איז עס ניט קלאר, אז קיינער וויל ניט קיין דזשאב פאר'ן גאנצען לעבען? אז די יוניאן ניט צו, אז דער באס האט א רעכט צו סעקען זיינע ארבייטער, נור, אז טאמיר סעקט ער זיי פאר דעם, וואס זיי זיינען יוניאן לייט אדער פאר אירגענד אנאנדער אונגערעכטער אורזאכע, מוזען די געסעקטע ארבייטער צוריק אנגעשטעלט ווערען, ווען דאס איז דער באשלוס פון אן אונפארטייאישער קאמיטע? קען עס זיין קלערער? פון דעסטוועגען דארפט איהר ניט זיין צו שטארק איבערראשט, אויב מארגען אדער איבערמארגען וועלען די באסעס ווידער אמאל ארויסקומען מיט דעמזעלבען בלאף.

דער קאמפף פון די ווהייט-גודס וואירקערס אין פולען ברען

פון אלע ערהאלטענע באריכטען וועגען דעם קאמפף פון די ווהייט-גודס וואירקערס שיינט עס ארויס קלאר, אז בעסער האט מען זיך גארניט געקענט ווינשען.

די סטרייק-כוואליע האט ארויסגערופען צום קאמפף אלע די וועלכע בילדען מיט זיך די שעהנע און שטארקע ווהייט-גודס וואירקערס יוניאן. דאס איז נאטירליך, דאס האט נאר אנדערש ניט געקענט זיין. אבער אין איהר גרויסען אימפעט האט די סטרייק-כוואליע אויך ארויסגעהויבען פון זייערע שעפער גאר פיעלע, פיעלע, וועלכע האבען צו דער יוניאן פריהער ניט געהערט, און מיט זיי איז די ארמעע קעמפפער געווארען נאך שטארקער.

אין די ערשטע טעג, וואס דער ווהייט-גודס סטרייק געהט אן, האט זיך ווידערהאלט דאסזעלבע, וואס ביי די לײדיעס וויסט מאכער. פיעלע באסעס האבען באלד זיך געווענדעט צו דער יוניאן, אז זיי ווילען סעטלען.

די יוניאן אבער איז פארזיכטיג. סעטלען וויל זי, אבער ריכטיג סעטלען, און מיט די ריכטיגע מענשען אויף די ריכטיגע באדינגונגען. דערפאר געהט צו דער פראצעס פון סעטלען עטוואס לאנגזאם.

די יוניאן איז פריהער גוט חוקר ודורש דעם אפליקאנט, פארזיכערט זיך מיט געוויסע גאראנטיעס, און דאן סעטעלט זי. אזוי האט זי שוין געסעטעלט א היבש ביסעל שעפער. אבער נאך עטליכע מאל אזוי פיעל באסעס שטעהען אין ליין. דאס מאכט ברודער זאיאץ, וועלכער איז עס דער ממונה איבער די סעטלמענט-ביזנעס, ניט איבעריגס געפאלען ביי זיך.

פונקט אזוי וועניג איז געפאלען ביי זיך ס. שאר, דער גלאווע-קאמאנדיוושטשי פון דער ארמעע. זיין טאן איז פול מיט זיכערקייט פון א זיעג. ער זעהט ניט איין, ווי עס קען אנדערש זיין. אויך זעהט ער ניט איין, ווי די באסעס קענען דענקען עפעס אויסצופיהרען דורך די פארציהונג פון קאמפף. די פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען דאך אזוי קלאר, און עס קען פון זיי גארניט געמינדערט ווערען.

מיר זיינען געניינט צו ערקלעהרען זיך מיט איהם אין פולער איינפארשטענדניס. נאר דאס איז ניט אזוי וויכטיג, ווי דאס, וואס די גאנצע יוניאן איז מיט איהם פאלשטענדיג איינפארשטאנען, וואס דאס איז ווירקליך די בעסטע און זיכערסטע גאראנטיע פאר א באלדיגען און פאלשטעלדיגען זיעג.

די לייכטזיניגע פרוי

די לייכטזיניגע פרוי! וועלכער געמיינער בלבול דאס איז, ווען מען באטראכט דעם בראוועץ, שטאנדהאפטיגען קאמפף פון די טויזענדע פרויען פאר א שעהנערען, מענשליכערען לעבען.

זיבען וואכען שוין ווי עס שטעהען אין קאמפף די טויזענדע וויסט מייקערינס. פון קיינעם ניט געקעכעלט, ניט געשמייכעלט, און גאר אפט נאך געשלאגען פון די באסישע גענגסטערס, געשלעפט אין פריזאן פון געזעץ-היטענדען און באס-טרייען פאליסמאן, שטעהען זיי אין קאמפף שוין זיבען לאנגע וואכען, און טראכטען גארניט פון קיין אנדער זאך, ווי נור אזוי לאנג צו קעמפפען, ביז זיי וועלען קענען זיך צוריקקעהרען אלס פאלשטענדיגע זיגערינס. און דאך רעדט די וועלט פון פרויען אלס לייכטזיניגע באשעפעניסע, אלס אזעלכע וואס האבען די פריווילעגיע צו ענדערען זייערע מיינונגען!

וואס פאר א נארישע פלאפלערין דאס איז די וועלט!

און אט דאס איז אויך געוועזן איינע פון די סבות, וואס האבען פארפיהרט די באסעס צו זייער אומגליקליכען באשלוס ארויסצורופען אויף א דועל זייערע טויזענדע ארבייטס-פרויען.

די נארישע אומגליקליכע באסעס. זיי האבען געווארטעלט זייערע ארבייטס-פרויען, לויט די פרויען, וועמען, צו זייער אומגליק, זיי קענען אויסער זייערע שעפער; לויט די פרויען, וועלכע העלפען זיי פארשווענדען אויף אלערליי פוסטע זאכען, אויב ניט אויף אלערליי אויסגעלאסענע הולטאיסטוועס, דאס געלד, וואס זיי פרעסען אויס פון זייערע ארבייטערינס; זיי האבען זיי פארגליכען מיט יענעם סארט פרוי, וועלכע איז צו איהר שאנדע און אומגליק מעהר זאך, ווי מענש, און דאס איז געווען זייער אומגליקליכסטער טעות!

זיי, די באסעס, האבען ניט פארשטאנען, אז עס קען גאר קיין צוגלייך ניט זיין צווישען דער אומגליקליכער, געזונקענער באשעפעניס, וועלכע האט פארלארען יעדען סמן פון מענשענווירדע, און איז צופרידען מיט איהר אומגליקליכער עקזיסטענץ, אלס פאראזיט, און דער ארבייטס-פרוי, וועמעס כאראקטער איז הארט געווארען, ווי שטאל, אין דער שווערער ביטערער שולע פון לעבען; דער ארבייטס-פרוי, וועלכע קוקט ניט מעהר אויף זיך, ווי אויף א שוואכעס הילפלאזעס וועזען, וואס קען זיך נאריש א קעהר טאן אהן די הילף פון דעם שטארקען מאנסביל; דער ארבייטס-פרוי, וועלכע פיהלט זיך שטארק גענוג צו קענען פיהרען און אויסקעמפפען איהרע אייגענע מלחמות!

געהט זעהט די פרויען אין זייערע היימען, ווי זיי לעבען אויף דאס סאמע וועניגסטע, אבי נור צו באהאלטען זייער רעספעקט פאר זיך אלס מענשען, און זייער פולסטע אונאפהעהנגיגקייט! געהט זעהט זיי, ווי יעדע פרייע מינוט פון זייער ארבייט פארווענדען זיי אויף די ווייטערע אויסבילדונג פון זייער גייסט! געהט זעהט זיי אין זייער פיקעט-ליין, אין זייערע טרענטשעס, זעהט זיי אין זייערע מיטינג לאקאלען, ווען זיי רעדען, ווען זיי באראטען זיך, און איהר וועט פארשטעהן וואס פאר א משוגעת עס איז געווען פון די באסעס זיך איינצורעדען, אז זיי וועלען דא האבען נאר א לייכטען קאמפף, ווייל, „אומשטיינס געזאגט, די פרוי איז דאך אזא לייכטזיניגע באשעפענים, היינט פאלט איהר איין די משוגעת צו סטרייקען, סטרייקט זי; מארגען אבער וועט זי, ווי דער שטייגער איז, חרטה האבען, וועט זי זיך צוריק זעצען ארבייטען. וואס דען, דאס זיינען עפעס מענשען מיט א געזעצטען פארשטאנד”?

אפשר ניט אמת, באסעס, דאס איהר האט אזוי געטראכט און געפיהלט? אך, ווי איהר האט עס זיך אליין גענארט! איהר וועט לאנג געדענקען אט די לייכטזיניגע מיידלעך און פרויען.

אינהאלט-פארצייכניס
נומער 8 „גערעכטיגקייט”

זייט 1. ווידער אמאל: פאר וואס דער קאמפף? דער קאמפף פון די ווהייט-גודס וואירקערס אין פולען גאנג. די לייכטזיניגע פרוי—רעדאקציע.
זייט 2. ביי אונז אין לאנד—הלל ראגאף.
זייט 3. אינטערנאציאנאלע ארבייטער וועלט — מ. קאלטשין.
זייט 4. הייראט און מוטערשאפט — דזשארדזשעט סטוארט פאינטן. א סטרייק אין ניו בראנזוויק—פאניא מ. קאהן.
זייט 5. אינטערנעשאנאל קריעגס-דעפארטמענט—ל. פינקעלשטיין.
זייט 6. דער ווהייט-גודס סטרייק—א סטעט-רעפארטער. קלאוקמאכער אינטעליגענץ אין לאקאל 17—דר. העללער.
זייט 7. די פרויען-וועלט—ראזא בעודיק. בילדער פון'ם וויסטמאכער סטרייק — עליאס ליבערמאן.
זייט 8. אינגעבארג (ראמאן).
זייט 9. סטרייק-באריכטען—לינא סימאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. די „דעקלאריישאן אוו אינדעפענדענס” פון די ענגלישע ארבייטער—א. וועלדין. די פרויען-ארבייט און פרויען-ווידזשעס אין דער נאהענטער צוקונפט — ליליפוט.
זייט 12. די פאעזיע פון אימי לאוועל — א. גלאנץ. א חלום צורונקען (עליקאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייט 14. זונטאג (ערצעהלונג)—אל. גורית.
זייט 15. פון דער שיקאגאער קלאוקמאכער יוניאן — לואיס נאלד. א בריעף פון קליוולאנד — מ. פערעלשטיין.
זייט 16. דער גלענצענדער זיעג פון ל. 41.
זייטען 17, 18, 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. אויף דער פיקעט-ליין — א סטעט רעפארטער. קארטונס פון סטרייק — ס. ראסקין.

וויסט-מאכער! נעקסטען מאנטאג 6:30 פריה אין וועבסטער האל צו דער פיקעט-דעמאנסטראציע!

לעצטע ענטשיידונג פון „באארד אוו רעפערים” אין דער קליוולאנד קלאוקמאכער סיטואציע

ווי באוואוסט, האט דער קלאוקמאכער סטרייק אין קליוולאנד לעצטען זומער זיך געענדיגט מיט דעם וואס ביידע צדדים האבען איבערגעגעבען זייערע סכסוכים צום באארד אף רעפערים, וועלכער איז דאן אפאינטעט געווארען צו סעטלען דעם סכסוך צווישען דער יוניאן און דער קליוולענדער קלאוק-מאנופעקטשורערס אסס'ן. מיט עטליכע וואכען צוריק האט שוין דער באארד ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג. די פראגע אבער פון „בעק-פיי” איז ניט אינגאנצען קלאר געווען און די יוניאן האט זיך געווענדעט צו דעם באארד אוו רעפערים נאך א מאל אויפצונעהמען די פראגע, און לעצטע וואך האט דער באארד צוגעשיקט צו פרעזידענט שלעזינגער די ענטשיידונג.

דיעזע ענטשיידונג איז געשריבען אין א טעכנישער שפראך, און מיר ווילען דא איבערגעבען דעם תמצית דערפון אין אונזער אייגענעם לשון. אין אונזער ענגלישער אויסגאבע ווערט עס געדרוקט ווארט אין ווארט.

לויט דער מיינונג פונ'ם באארד, זיינען אויפגעהויבען געווארען דריי פראגען.

ערשטענס, אויב די ארבייטער פון די קאנטראקטארס, וועלכע באקומען פון די קלאוק-הייזער געשניטענע ארבייט, זיינען בארעכטיגט צום זעלבען בענעפיט פון בעק פיי לויט דער ענטשיידונג פון דעם באארד.

צווייטענס, אויב צו די „בעק פיי” זיינען אויך בארעכטיגט די בעל מלאכות, וואס ארבייטען פאר די סאב-קאנטראקטארס אין די אינסייד שעפער.

דריטענס, ווער זיינען עס די הויפט-שניידער, „העד טיילארס”, וועלכע ווערען רעקאמענדירט אין דער פריהערדיגער ענטשיידונג?

אויף דעם ענטפערט די ענטשיידונג, דאס אזוי ווי דער באארד האט זיך אונטערנומען אויסצוגלייכען דעם סכסוך מיט דער צושטימונג פון פרעזידענט שלעזינגער און די נייען און דרייסיג מאנופעקטשורערס פון דער קליוולאנדער באסעס אסס'ן, באציהט זיך זייער ענטשיידונג בלויז אויף די ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט ביי יענע מאנופעקטשורערס דירעקט. און עס ווערט ווייטער געזאגט אין דער ערקלעהרונג פון די רעפערים, דאס ווען זיי האבען פארהאנדעלט די פראגע פון „בעק פיי” פאר די ארבייטער, זיינען זיי געווען אונטער'ן איינדרוק, דאס האבענדיג די צושטימונג בלויז פון די באסעס פון דער אסס'ן האבען זיי דעריבער בלויז געהאט דאס רעכט צו ענטשיידען פאר די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט דירעקט פאר דיעזע באסעס.

וועגען דעם איז דא כדאי צו באמערקען, דאס אזוי האנדלען, איינענטליך, אלע ארביטריישאן באארדס. ווען אין דער ניו יארקער קלאוק-סיטואציע איז געווען א באארד אוו ארביטריישאן, פלעגט זיין פונקט דאס זעלבע: דער באארד פלעגט ארויסגעבען אן ענטשיידונג האבענדיג אין זינען די ארבייטער פון די שעפער וואס באלאנגען צו די בעלי בתים פון דער „פראטעקטיוו אסס'ן”, וועלכע זיינען געקומען מיט דער יוניאן צו דעם ארביטריישאן באארד פארלעגען זייערע סכסוכים. די ענטשיידונג אבער פון דעם ארביטריישאן-באארד איז אימער געווען מאסגעבענד פאר דער גאנצער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק. די זעלביגע רולינג איז געווען גילטיג פאר אלע ארבייטער און אלע באסעס פון די קלאוק-שעפער. די יוניאן האט די זעלבע רולינג איינגעפיהרט אין די שעפער פון די אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס אזוי גוט ווי ביי די מאנופעקטשורערס פון דער „פראטעקטיוו אסס'ן”. און דאס זעלבע אויך אין די שעפער פון די קאנטראקטארס און סאב-מאנופעקטשורערס. עס איז שוין פון לאנג צוריק פארשטאנען געווארען, דאס יענע שעפער מוזען אימער נאכקומען די רולינגס וואס ווערען ארויסגעגעבען פאר די אסס'ן שעפער, די הויפט-שעפער אין דעם טרייד. און אין באצוג צו דעם דארף קליוולאנד זיך פיהרען ווי ניו יארק און אנדערע שטעדט פיהרען זיך אין דעם זעלבען פאל.

אין דער פראגע פון „ווידזש-סקייל” געהט דער באארד אוו רעפערים אין דער ענטשיידונג נאך ווייטער ווי עס איז געגאנגען דער ארביטריישאן-באארד אין ניו יארק. וועגען דעם זאגט דער באארד אויסדריקליך:

„נעהמענדיג אין אנבעטראכט, דאס די ארבייטער פון די אוטסייד שעפער זיינען בעאיינפלוסט געווארען פון באארד אוו רעפערים און האבען זיך צוריקגעקעהרט ארבייטען גלייך מיט די ארבייטער פון די אסס'ן שעפער), זיינען מיר פון דער מיינונג, דאס דיעזע ארבייטער זאלען באקומען די זעלבע שכירות וואס ווערט געצאה'לט צו די וואס ארבייטען אין די אינסייד שעפער און דאס לויט א ריכטיגער אויסטייטשונג פון אונזער באשליסונג, ווערט פארלאנגט, דאס די (אינסייד) מאנופעקטשורער זאלען ניט מאכען קיין קאנטראקט מיט אירגענד וועלכען אוטסייד שאפ, וואס צאהלט ניט דעם ווידזש-סקייל וואס איז עטאבלירט געווארען פון די רעפערים אין זייער ענטשיידונג. דאס — זאגט די ענטשיידונג — איז אונזער אייגענע רולינג אין דער אנגעלעגענהייט”.

דער פונקט איז גאנץ קלאר און נויטיגט זיך ניט אין קיינע קאמענטארען.

וועגען דער פראגע פון די „הויפט-שניידער”, אדער בעסער געזאגט, ”די אינסייד סאב-מאנופעקטשורערס אין די קליוולאנדער קלאוק-שעפער, ווערט געזאגט אונגעפעהר פאלגענדעס:

אין דער צייט ווען פאר דעם באארד איז אנגעגאנגען דער פארהער האט זיך ארויסגעוויזען, „דאס געוויסע הויפט-שניידער זיינען באשעפטיגט געווארען אונטער אזעלכע אראנזשמענטס, וואס איז זיי ערלויבט געווען צו האלטען אויסהעלפער. דאס אין דער גאנצער שטאדט קליוולאנד זיינען געווען בלויז ארום דריי און צוואנציג אזעלכע הויפט-שניידער, און דיעזע זיינען געווען די איינציגע סאב-מאנופעקטשורערס אין די אינסייד-שעפער וואס די רעפערים האבען גענומען אין באטראכט.”

לויט די באווייזע, וואס די מאנופעקטשורערס האבען צוגעשטעלט, — ווערט ווייטער געזאגט, — האבען דיעזע „הויפט שניידער” באקומען גוטע שכירות, צווישען 1.23 און 1.29 פער שטונדע, און זייער ווידזש-סקייל איז דעריבער ניט געענדערט געווארען.

און צום שלוס פון דער איצטיגער ענטשיידונג ווערט נאך א מאל שטארק באטאנט וועגען דעם ווידזש-סקייל. עס ווערט געזאגט:

„די רעפערים האבען געוואלט פעסטשטעלען און האבען פעסטגעשטעלט דעם סקייל אוו ווידזשעס וואס זאל געצאהלט ווערען יעדען ארבייטער, אויב ער איז באשעפטיגט פון דעם מאנופעקטשורער דירעקט, אדער ער ווערט באשעפטיגט פון אירגענד וועלכען סאב-קאנטראקטאר פון זיין שאפ, און עס איז די מיינונג פון די רעפערים, דאס אין אויספאלגען דעם באשלוס וועגען דעם אויסצאהלען די סומע פון בעק-פיי, זאל יעדער ארבייטער אזעלכער באהאנדעלט ווערען פונקט ווי ער וואלט געווען באשעפטיגט דירעקט פון דעם מאנופעקטשורער. די רעפערים זיינען אויך פון דער מיינונג, דאס דער סיסטעם פון סאב-מאנופעקטשורינג איז זעהר שלעכט פאר דער אינדוסטריע און זאל אומגעביטען ווערען אזוי גיך ווי מעגליך.”

דער דאקומענט איז געחתמ'עט פון אלע דריי רעפערים אין דעם באארד, נעמליך:

ערנעסט מ. האפקינס,
סעמיועל דזשיי. ראזענסאן,
דזשאהן ר. מעקליין.

צו אלע קלאוקמאכער פון הארלעם!

דער דזשאינט באארד אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, וואס געפינט זיך אין 1714 לעקסינגטאן עוועניו, קארנער 107טע סטריט, איז אפען יעדען טאג ביז 8 אוהר אוונט,) שבת ביז 3 נאכמיטאג און זונטאג ביז 2 אוהר נאכמיטאג. די מעמבערס זיינען געבעטען צו קומען אפצאהלען זייערע דיוס און אומבייטען די יוניאן-קארדס און אויך איינצאהלען דעם דזשענעראל טעקס פאר'ן סטרייק-פאנד.

י. רובינבוים.

דער סטרייק אין בילדער



עלי רייזבערג — א מענש, וואס האט גאר ווייניג חן ביי די באסעס. ער איז דער טשערמאן פון דער האל-קאמיטע, וועלכע מושטערט אויס די קעמפפער פאר די טרענטשעס.



אב. באראף, דזשענ. סעק.-טרעזש. פון דער אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן. 20 טויזענד סטרייקערס זיינען שוין מיט זיין הילף, אלס הויפט פון דער סעטלינג-קאמיטע, אין זייערע שעפער אויף זייערע אייגענע באדינגונגען.



ער איז גליקליך צו האבען געפונען זיינע אלטע קאסטומער.



מיס מעטעס: די באסעס ווילען אונטערקויפען די שאפ-טשערליידיס, אבער זיי וועלען עס ניט דערלעבען!



קעגען: סטרייקס ווערען געוואונען אויף דער פיקעט-ליין!